STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11108

TEATR-BUKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טעאטער-בוך

זאַמלונג

צום פופציקיאָריקן יובילײ פונם
אידישן טעאַטער (1876 — 1926)

קאָאָפּעראַטיװער פאַרלאַג „קולטור־ליגע“
קיעװ — 1927

מעלוכע־טרעסט „קיעוו־דרוק",
4־טע דרוק. וואָראָווסקע גאס 42.
באַשט. 2498 №. געדרוקט 1500.
אוקרהויפּטליט (1482) 5978.

פון דער רעדאַקציע.

דערדאָזיקער זאַמלבוך באַשטייט פון 2 טיילן. דער ערשטער טייל — דער געשיכטלעכער — באַשטייט פון 2 אַרטיקלען (כ. שטיפס און כ. אויסלענדערס), וואָס האָבן אַ שאַיכעס צו דער פאָר־געשיכטע פונעם אידישן טעאַטער, פון די אַרטיקלען (כ׳ דאָבּרושינס, כ׳ נוסינאָווס און כ׳ גורשטיינס) וואָס כאַראַקטעריזירן גאָלדפאַדענען, דעם טעאַטער, וואָס ער האָט געשאַפן, און וויאַזוי עס האָבן גאָלדפאַדנס טעאַטער אופגענומען פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג, און פון 2 אַרטיקלען (כ׳ רומיניקס און כ׳ ליובאָמירסקיס), וואָס שילדערן די לאַגע פונעם אידישן טעאַטער אין צאַרישן רוסלאַנד.

דער צווייטער טייל באַשטייט פון דריי אַרטיקלען, וואָס כאַראַקטעריזירן די קינסטלערישע דער־גרייכונגען און דעם קלאַסן-מעהוס פונעם אידישן טעאַטער אין פ. ס. ר. ר., פאַרקערפּערט אין די 3 מעלוכישע אידישע טעאַטערס (דער מאָסקווער, דער כאַרקאָווער און דער מינסקער), פון אַן אַרטיקל (כ׳ ליובאָמירסקיס) וועגן זעלבסטעטיקן אידישן טעאַטער, און פון 2 אַרטיקלען (מ. נאַדירס און פּערעץ מאַרקישעס) וועגן אידישן טעאַטער אין אַמעריקע און פּוילן.

צום סאָף גייט אַ ביבליאָגראַפישע נאָטיץ פון כ׳ שטיף וועגן דעם גאָלדפאַדען-בוך, וואָס איז דערשינען אין אַמעריקע.

איבער סיבעס, וואָס זיינען ניט געווענדט אין אונז, איז אין דעם זאַמלבוך ניט אריין אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען, וואָס מיר האָבן גערעכנט געבן באַם צונויפשטעלן דעם פּלאַן פונעם זאַמלבוך. צום באַ־דויערן, האָט אַ גרויסער טייל פון די אווטאָרן, צו וועלכע מיר האָבן זיך געווענדעט נאָך די בייטיקע אַרטיקלען, און וועלכע האָבן אונז פאַרשפּראָכן צו געבן דידאָזיקע אַרטיקלען, ניט אויסגעפילט זייער צוזאָג. באַזונדערס פאַרדריסט אונז, וואָס מיר האָבן ניט באַקומען פאָלגנדיקע אַרטיקלען: 1) „50 יאָר אידישער טעאַטער״, וואָס האָט באַדאַרפט געבן אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער דער געשיכטע פונעם אידישן טעאַטער; 2) גאָרדינס טעאַטער; 3) דראַמקרייזן פון אידישע אַרבעטער ביזן 1917-טן יאָר; 4) די פּרואוון צו שאַפן אַ אידישן קינסטלערישן טעאַטער אין צאַרישן רוסלאַנד (פּערעץ, ווייטער, פּערעץ הירשביין און אַנד.); 5) די גרעסטע אַרטיסטן פון דער אידישער בינע אין דער פאַרגאַנ־גענהייט (עסטער-ראָכל קאַמינסקי, יאַקאָב אַדלער און אנדערע; 6) גראַנאָווסקי אַלס רעזשיסער און 7) מיכאָעלס דער גרעסטער אידישער שוישפּילער.

צוליב דעם, וואָס עס פעלן די אויבנאָנגעוויזענע אַרטיקלען, האָבן מיר ניט געקאָנט אויספילן אין דער פולער מאָס די ציל-איינשטעלונג, וואָס מיר האָבן געהאַט, בעאייס מיר זיינען צוגעטראָטן צום צונויפשטעלן דעם זאַמלבוך — אָפּשפּיגלען די געשיכטע פונעם אידישן טעאַטער פאַר די 50 יאָר פון זיין עקזיסטענץ, דעם וועג, וואָס דער טעאַטער האָט דורכגעמאַכט פון גאָלדפאַדענען ביז דער

אָקטיאַבר-רעוואָלוציע, און זיינע דערגרייכונגען נאָך דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע, אָפּן פאָן פון דער גאַנצער קולטור-בויאונג און אין פאַרבינדונג מיטן קאַמף צווישן פאַרשיידענע קלאַסן-אידעאָלאָגיעס אין דער אידישער טוויוועו.

מאַכמעס דער ניט פינקטלעכקייט פון אייניקע אַווטאָרן בענויגייע צום טערמין פון צושטעלן זייערע אַרטיקלען גייט אַרויס דער זאַמלבוך מיט א גרויסער פאַרשפּעטיקונג, קימאַט אַף א גאַנץ יאָר.

מיר זיינען זיכער, אַז אויך אין דער איצטיקער ניט פולער פאָרם און פאַרשפּעטיקטערהייט וועט דער זאַמלבוך דאָך ברייגגען גרויס נוצן די אַלע, וואָס וועלן זיך וועלן באַקענען מיט דער געשיכטע פונם אידישן טעאַטר, מיט די פאַרשיידענע עטאַפּן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, און מיטן איצטיקן צושטאַנד זיינעם אין פ. ס. ר. ר. און אין די בורזשואַזע לענדער.

י. דאָבּרושין

גאָלדפאדן דער דראמאטורג.

(פּרואוו פון אנאליטישער אָפּהאַנדלונג).

I

„איך האָב אנידערגעזעצט גראָדנערן און גאָלדשטיינען לעבּן מיר, זיי אָנגעשריבּן עטלעכע ערנסטע און קאָמישע לידלעך, וואָס זיי האָבּן טאַקע באַלד איינגעשטודירט — איך האָב זיי אָנגעזאָגט, וואָס זיי האָבּן צו טון און וואָס זיי האָבּן צו ריידן. וועלן זיי נישט געדיינקען אַקוראַט, מעגן זיי צולייגן זייערע אייגענע ווערטער, וואָס וועט זיי קומען אין מויל אריין, זיי דאַרפן נאָר וויסן, ווען קושן זיך, ווען שלאָגן זיך און ווען צו טאַנצן... מיר האָבּן שוין טאַקע געמאַכט אין שטוב די פּראָבּע, און ס'איז ארויס צו די צאָרעס אַ צוויי-אַקט-שטיק!“...

מיט דידאַזיקע ווערטער שילדערט גאָלדפאדן אין זיין קאָלאָריטפּולער ביאָגראַפּיע די זעלטענע געבּורט פון זיין ערשטער אידישער פּיעסע, וואָס האָט ניט געהאט אפילע קיין באַשטימטן נאָמען, און אף דעמזעלביקן קאָמעדיע דע ל'ארטעשן אויפן איז אויך באשאפן געוואָרן זיין צווייטע טעאַטער-שטיק: „דאָס בּינטל האָלץ“.

„גראָדנער מיט גאָלדשטיינען זיינען געשלאָפן אין איין בּעט, און איך אין דעם צווייטן, — דערציילט גאָלדפאדן, — נאָר איך שלאָף ניט, מיין קאָפּ איז אַלץ געווען באַשעפטיקט מיט דיינקען: וואָס שפּילט מען ווייטער? ענדלעך, האָב איך אויסגעקלערט אַזאַ מין שמאָכטע. פּאַפּיר, טינט און פעדער איז גראָד ניט געווען אין מיין צימער, נאָר אום איך זאָל אליין ניט פארגעסן ביז מאָרגן, וואָס איך האָבּ אויסגעקלערט, האָבּ איך אָנגעצונדן אַ ליכט, שנעל אופגעוועקט מיינע כאוויירים און זיי באלד דערציילט דעם אינהאַלט, אָדער, ריכטיקער, איך האָבּ עס מיט זיי בּיידן טאַקע באלד איינגעשטודירט אויסנווייניק, מיר זאָלן עס ביז מאָרגן ניט פּאַרגעסן“.

ווי ס'איז באוואוסט, איז אָט דאָס „שפּילן אויסנווייניק“ געווען אַ געזעץ פאַר דעם קאָמעדיאנטישן מאסן-טעאַטער פונם ש:יט פון קאָמעדיע דע ל'ארטע

און דערין אויך פאַר דער אידישער „פורימשפּיל״. דאָס „שפּילן אויסנווייניק״ איז אויך געווען א טעאַטער-געזעץ פאַר די אונזעריקע מאסן-טעאַטער׳ס און ביפראַט פאַרן ערשטן אידישן מעלוכע-טעאַטער, וועלכער האָט דער ערשטער לעגאמרע ארויסגעיאָגט דעם סופליאָר פון הינטער די קוליסן אפילע. איז דאָך קלאָר, אַז אָט דאָס „שפּילן אויסנווייניק״ איז אויך פאר דעם גאָלדפאַדענישן מאסן-טעאַטער קלאל ניט געווען קיין צופאל, ווי גאָלדפאַדן אליין מיינט.

שפּילן „אויסנווייניק״ באַטייט — נישט זיין געבונדן מיטן פּסיכאָלאָגיש-לי-טעראַרישן נוסעך פונם געשפּילטן ווערק. שפּילן אָן אַ סופליאָר הייסט — לייגן דעם טראָפּ ניט אַף דער שרייבערישער, נאָר אַף דער טעאַטראַלער טעמע, אַף דער טעאַטראַלער האַנדלונג און געשעעניש, אפן טעאַטראַלן טאַט. בעשאַס די שפּיל איז ניט געבויט אַף דער „אינערלעכער״ איבערלעבונג, איז טאַקע געגוג „וויסן ווען קושן זיך, ווען שלאָגן זיך און ווען צו טאנצן״, ווי דאָס האָט עלעמענטאַר אויסגעדריקט גאָלדפאַדן, דערלויבנדיק זיינע ערשטע ארטיסטן אַפילע צולייגן זייערע אייגענע ווערטער, וואָס זיי וועט קומען אין מויל אריין...

איז טאַקע דער טאָך פון דער גאָלדפאַדן-דראַמאַטורגיע באַשטאַנען דערין, וואָס אלע זיינע טעאַטער-שטיק זיינען געווען פאַרפאַסט צוליב, אַזוי צו זאָגן, דער אויסנווייניקסטער שפּיל; זיי זיינען געווען געבויט ניט אפן אינדיווידואלי-זירטן איינדרוק, נאָר אפן טיפּיזירטן אויסדרוק, ניט אפן פּסיכאָלאָגישן גאַנג פון פּערזענלעך-מענטשלעכע איבערלעבונגען, נאָר אַף די סכעמאַטישע ליניעס פון דער מענטשלעכער טעווע, אַף יענע פּאַראַלגעמיינערטע נאַטור-שטריכן, וואָס שטאַמען פון אן איינגעפונדעוועטן, אַפּגעזעצטן לעבן-אָדער קולטור-שטייגער.

אָט דער ארט פאראלגעמיינערטער אופאַסונג פון מענטש און געזעלשאַפט-לעכקייט גילט ביפראַט פאַר דער אָפּערעטע און מעלאָדראַמע — און מיט די טעאַטער-זשאַנרען האָט זיך טאַקע גאָלדפאַדן אויסשליסלעך פאַרנומען. האָט די-דאָזיקע אופאַסונג געגאָלטן אויך פאר אונזער רעוואָלוציאָנערער טעאַטראַליש-קייט, ווען זי האָט באַדאַרפט אנטפּלעקן די ניט אינדיווידואליזירטע מאסן-קויכעס, באַדאַרפט ארויסברייגגען פּאַראַלגעמיינערטע ענערגיע פון קעמפנדיקע שיכטן און קלאַסן. דאָ האָבן געגאָלטן אַף דער ערשטער צייט די סכעמאַטישע טעאַטער-מעטאָדן פון דער קאָמעדיע דע ל׳אַרטע און דאָ איז אויך פאָרגעקומען די באַגעגעניש פון די נייסטע אידעאָלאָגיש-פאַרשאַרפטע גראַנאָווסקי-פאַר-שטעלונגען מיט די טעאַטער-סכעמען, וועלכע ס׳האָט פאַרן אמאָל אַף זיין עלע-מענטאַרן אופן גענוצט דער שעפער פון דער ערשטער אידישער מאסן-שפּיל, גאָלדפאַדן.

מע טאָר ניט און מע דאַרף ניט אפילע צוליב יובילײ-צילן פאַרגרעסערן באַ אונז און פאַר אונז דעם אינהאַלטלעכן ווערט און ביפראַט דעם סאָציאַל-אינהאַלטלעכן באַטייט פון גאָלדפאַדנס טעאַטער-ווערק. ניט געקוקט אַף גאָלד-פאַדנס געוואַגטער, שאַרפער אָפּלייקענונג פונם דעמאָלטיקן פרומאַקישן פאַ-נאַטיזם, בלייבט דאָך פאָרט די קעסיידערדיקע אלגעמיינע טענדענץ פון גאָלד-

פּאַדנס פּיעסן צו אידעאַליזירן דעם פרײַדײַנקערישן בירגער און קלײנבירגער, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַקסן אין יענער צײַט. אידעאַליזירן און באַרעכטיקן אים סײַ אלס פרײַען אויפגעקלערטן מענטשן און סײַ אלס טרײַען זון פון דער נאַציאָנאַליסטישער גאָטפאָרכטיקער טראַדיציע. וואָרום צווישן אָט די ביידע סוּיסערדיקע עלעמענטן פונם אידישן קלײנבירגער האָט גאָלדפאַדן, ווי יעדער מאַסקיל פון זײַן צײַט, געוואָלט שאַלעם מאַכן.

ווענדנדיק זײַן שטאַרקע טעאַטראַלע סאַטירע אַנקעגן די פאַנאַטישע כסי-דים אין „די ביידע קוני-לעמל", פאַרטײַלנדיק די פּרומאַקעס מיט אזא שאַרף לידל ווי:

אוועקט, אוועקט, אוועקט,
איר אַלע מיעסע לײַט,
מען זאָל אײַך שוין מער ניט אָנקוקן
איז שוין די העכסטע צײַט.

האָט דאָך גאָלדפאַדן געפונען פאַר נייטיק געווינען אין דער פּיעסע דעם קאַמף מיט די כסידים לטעוויוועס דעם נײַעם איכעס, לטעוויוועס דער באַלע-באַטישער טאָכטער, וואָס באַקומט דעם לײַטישן סטודענט מאַקסן פאַר אַ כאָסן, בעשאַס דעם אָרעמען שאַמעשס טאָכטער איז ער מעזאַקע מיטן הויקערדיקן, בלינדן, נימעסן קוני-לעמלען.

אין דער „קישעפמאַכערן" דינט אויך דער נאַאיוועד מוסערהסאַקל פון דער מאַיסע אַף צו באַוואָרענען סאָפאָקלסאָף דעם גליק פונם באַלעבאַטישן פּאָרל און אַ פּשיטע שוין אין „ס'צענטע געבאָט". דאָ האָט גאָלדפאַדן לעכאַטכילע בוילעטער, ווי אומעטום, אוועקגעשטעלט פאָנים-על-פּאָנים די הויפּט-טרעגער פון זײַן שטענדיקער טעמע — די אַלט-כסידישע און די נײַ-אַריסטאָקראַטישע מישפּאָכעס — און לעסאָף בוילעטער, ווי אומעטום, פאַרענדיקט מיטן אפּאָפעאָז פון באַלעבאַטישן אומשולד און אַלאַידישן: „ראַכמים", „צדאָקע" און „שאָלעם". דאָ, אין „ס'צענטע געבאָט", קאָנען מיר אַגעווזען, ווי גאָלדפאַדנס געדאַנקען-גאַנג האָט זיך מערקבאַר געביטן, אָנגעוואָרן זײַן אפּיקאָרסישע שאַרפקייט נאָך די שווערע אַכציקער יאָרן און אויסגעדריקט זיך אין די נאַציאָנאַליסטיש-היסטאָ-רישע אָדער, ווי ער רופט זיי אָן אין אַ בריוו צו שאָלעם-אַלײכעמען, — פּאַטריאָ-טישע פּיעסן, אַזוינע ווי „דאָקטער אַלמאַסאַדאַ", „באַרקאָכבע", „שולאַמיס" „אַקײדעס איצכאָק" און אַנדערע.

פון דעם אַלעם איז געדרונגען, אַז אונזער פּאָזיטיווע באַציאונג צום גאָלד-פאַדן-שאַפן איז ניט שאַיעך בויען אַף דער גאָלדפאַדן-אידייע, אַף די איקער-טענדענצן פון דעם גאָלדפאַדענישן אינהאַלט. באַ אונז און פאַר אונז האָבן אַ ווערט בלויז די דראַמאַטורגישע עלעמענטן פון דער גאָלדפאַדן-שפּיל. אונז דאַרף אינ-טערעסירן גאָלדפאַדנס טעאַטער-לופט, ניט די טיפן, נאָר דער געבוי פון די טיפּן, ניט די טעקסטן, נאָר די טעאַטראַלישקייט פון די טעקסטן. דאָ, אין דער טע-אַטראַלישקייט, אין דער טעאַטראַלער פאַרקלײדונג וועלן אפילע די סטודענטן

פון די „ביידע קוני-לעמל״, אָט די אנטליענע פון אַ ווינער בורשן-אָפּערעטע סטודענטן, ווערן סצעניש פאַראַנדערשט און וועלן טאַקע פאַרן צושויער אויס-זען, ווי פאַרקליידטע, עפּעס נייע שפּיל-מענטשן, וואָס זיינען געקומען אָפּ-שפּאָטן פון דעם אלטפרענקישן פרומאקישן לעבן-סיידער.

שמענדריק פון דער פּיעסע, וואָס טראָגט דעמזעלבן נאָמען, איז ליטע-ראַריש נישט מער, ווי א באָכערל א טאָם, אַ גאַנץ סימפּאַטיש לעקישל אפילע און פון דער גאָלדפאדענישער סצענישער טראַדיציע איז ער אונז אָנגעקומען, ווי אַ פערעאָדאָם, אַ מין אידיאָטישער „נעדאָראָסל״, דעם שפּעטערדיקן קוני-לעמלס אַ מיט-טיפּ. דאָ, אין דער טעאַטראַלער האַנדלונג-לופט, ניט אין דער טעקסטו-עלער, וועלן אויך די אינהאַלטלעך-אָרעמינקע „באבע יאכנע״ און „האָצמאַך״ פון דער „קישעפמאַכערן״ אַרויס מיט זייערע מאַסן-וואָרצלען און וועלן ווערן דאָס, וואָס זיי זיינען — פּאָרגייער פונם שאָלעם-אליינכעמישן „אַמכאַ״, די ערשטע אַנטפּלעקונג פון אופקומענדיקע מאַסן-קויכעס, וואָס האָבן דעמאָלט שוין זיך אַ לאָז געטון אין לעבן מיט אייגענער לעבן-שפּיל.

איז אָט, אין דעם אויפן, ווי גאָלדפאדן האָט טעאַטראַליזירט און, זעלבסט-פאַרשטענדלעך, צוגעגרייט פאַר דער בינע זיינע טעקסטן, ליגט די קראַפט פון זייער דויער, דאָ ליגט דער קויעך פון דעם, וואָס זיי זיינען מעסוגל לעבן אַ טעאַטר-לעבן אין פאַרשיידענע צייטן, באַ פאַרשיידענע געשמאַקן און פאָ-דערונגען.

און אָט פון דעם איז קעדאַי אָנצוהייבן.

II

ס׳וואַרפט זיך קוידעמקאָל אין די אויגן דער פּראָצעס פון דעם, ווי גאָלד-פאַדן האָט געבויט זיינע פּיעסן. דער פּראָצעס לאָזט זיך וויסן באַשיימפערלעך אין דער רעשימע פון די טעאַטראַלע בילדער, וועלכע גאָלדפאַדן האָט טאָמיד געשטעלט אין אָנהייב פון אלע בעסטע סצענישע ווערק זיינע. די „קישעפ-מאַכערן״, די „ביידע קוני-לעמל״, ס׳צענטע געבאָט״, „דאָקטער אלמאסאדא״ „באַרקאָכבא״, שולאמיס״ — די אלע הופּט-ווערק האָט גאָלדפאַדן פון לעכאטכילע אָן צעטיילט אף „טאבלאָס״, ווי ער אליין רופט עס אָן, צעטיילט אף גרונט-בילדער, וואָס זיינען קוילעל אין זיך די גאַנצע טעמאטישע און טעאַטראַלע האַנדלונג.

בילדער־אינהאלט פון „קישעפמאכערן״.

1-טע — פאַרשטערט די סימכע.

2-טע — די קישעפּמאכערן מאַכט אַ פּלאַן.

3-טע — דער מאַרק אין באטושאן.

4-טע — די שטיפמוטער.

5-טע — דער קישעף.
6-טע — דאָס קאַפּע-הויז אין סטאַמבול.
7-טע — אנקעגן פּאָרן.
8-טע — די קרעטשמע ברענט.

בילדער־אינהאַלט פון „קוני־לעמל“.

1-טע — די מלאווע-מאַלקע.
2-טע — דער ראַנדעוואו אפן בולוואר.
3-טע — כאַפּ ניט.
4-טע — דער אידישער פאקלצוג אום הושאינע-ראבע.
5-טע — דיביידע קוני-לעמל — אָדער ווער בין איך?
6-טע — די מייסים.
7-טע — אָבער איך בין קוני-לעמל.
8-טע — דער פאנאטיקער ווערט אופגעקלערט, אָדער די אונטערהאַלטן פון די סטודענטן אין גאָרטן.

בילדער־אינהאַלט פון „דאָקטער אלמאסאדא“.

1-טע — אַ טרינק-ליד פון יעגער.
2-טע — די קראַנקע.
3-טע — דער אָפּשייד פון דער היים.
4-טע — אַרויסגעטריבן פון פאָטערלאַנד.
5-טע — דער אידישער דאָקטער.
6-טע — דער בילבול.
7-טע — דער מישפּעט אין טורמע.
8-טע — אנטלאָפן פון קערקער.
9-טע — דער באַל באַם גובערנער.
10-טע — דער שאָדן האָט זיך אָפּגעזוכט.
11-טע — צוריק אַ היים!

דער ערשטער אפילע איינדרוק פון אָט דער לייִנגערער בילדער-פּאַרצייכע-ניש מאַכט שוין קלאָר די גרויסע שאַיכעס, וואָס גאָלדפאדנס דראַמאַטורגיע האָט געהאַט צו דער עלטערער אידישער פאָלקס-דערציילונג: אָט דער „קישעף“, די „מייסים“, דער „קערקער“, די אָפּטע סוזשעטישע פּאַרוואַנדלונגען, דער איבערבייט פון צייט און לאַנד — אָט די גאַנצע „מאַיסעדיקייט“ פון גאָלדפאדנס פּיעסן באַצייכנט זייער פּאַקטישע אָפּשטאַמונג פון דעם עלטערן אידישן פאָלקלאָר, וואָס האָט שפּעטער געפונען זיין אַנטוויקלונג און אָפּנייג אין דעם שאָמער-לובאָק, וועלכער איז אויך געבויט אף דראַמאַטיזירטער האַנדלונג און טאַט. אַגעוו, האָט שאָמער טאַקע אליין א שאַיכעס געהאַט צום טעאַטער פון יענער

צייט, און נאָך אַ סאַך אזוינע „שאָמערס״ האָבן געשריבן פּיעסן אלפי נוסעך ראָמאן און ראָמאנען אלפּי נוסעך פּיעסן: „ראָמאַן אין פאָרם פון א טעאַטער-שפּיל, קאָמעדיע אין פינף אקטן און צען בילדער״ — מיט אַזוינע אונטער-קעפּלעך איז באצירט ניט איין ליטעראַריש - סצעניש ער אנדרויגינעס פון יענער צייט.

אָבער דאָס איינציקע און איקערדיקע, וואָס טיילט אָפּ גאָלדפאַדנס „מאַי-סעדיקע״ בילד פון די אלע אַנדערע, איז דאָס, וואָס גאָלדפאַדן האָט שוין פון לעכאַטכילע אָן געדיינקט דורכן טעאַטראַלן טאַט, פון לעכאַטכילע אָן זיך פאָרגעשטעלט ניט דעם ליטעראַרישן, נאָר דעריקער דעם טעאַטראַלן אויסזען פונם ווערק, ווּעהאָראַיע—אין זיינע גאָר ערשטע און גאָר לעצטע פּיעסן, אַזוינע ווי „די באבע מיטן אייניקל״, „שמענדריק״, „קעניג אַכאַשווייראש״, „אָקיידעס איצכאָק״ — אין דידאַזיקע ווערק, וואָס זיינען שוואַך טעאַטראַל, פעלט טאַקע אויס — לעפּאָכעס אין די געדרוקטע עקזעמפּלאַרן — אָט די בילדער-פארטיילונג, וואָס איז בא גאָלדפאַדענען א באַווייז פון אָנגעשטרייינגטן סצענישן אַרט דיינקען.

וואָרום די באַגעגעניש פון דער צוציענדיקער סיפּער-האַמאַיסעדיקייט מיט דער שטרייינג ער סצעניש-אויסגעכעשבנטער האַנדלונגס-סכעמע — אָט די באַגעגעניש האָט געזיכערם די זאַפּטיקע טעאַטראַלישקייט פון גאָלדפאַדנס דראַמאַטורגיע.

פון דעם שטאַמט גאָלדפאַדנס אַקטיוויזירטער דיאַלאָג, וואו דורך רייד ווערט געשילדערט האַנדלונג, יעדער שמועס איז א טאַט, איז אַן אַנטפּלעקונג פון די געשעענישן, וואָס אַנטוויקלען זיך.

די „קישעפמאַכערן״ און „בארקאָכבע״ שטעלן מיט זיך פאָר אין דעם פּראַט גאָר גוטע מוסטערן פון דראַמאַטורגישן שאַפן. די האַנדלונג איז דאָ, ווי מע דופט עס אין דער דראַמאַטורגיע, א דורכויסיקע, פון איין שטיק אויסגע-גאָסן, דער סיפּער-האַמאַיסע וואקסט פון כצענע צו סצענע, ווערט אף איין רע-געלע ניט איבערגעריסן, ניט געקוקט אף דעם, וואָס די האַנדלונג קומט פאָר אין פארשיידענע לענדער און צייטן אַפילע. און פונקט, אַגעוו, ווי בא אונז אין די מייערכאָלדיש-רעוואָלוציאָנערע פאבוליסטישע פאָרשטעלונגען, מוז די האַנד-לונג דא אויך מאַכמעס דעם גופע דראַמאַטורגיש געברעקלט ווערן אף א גרוי-סער צאָל פאַרשיידענע בילדער און סצענעס, וואָס זיינען אָבער בא גאָלדפאַ-דענען אַזוי אָנגעגעם איבערגעפלאָכטן און כארבונדן איינע מיט די צווייטע.

אַציגד וועגן דעם טעאַטראַלן דיאַלאָג. די צווייטע סצענע פון דריטן אַקט אין דער „קישעפמאַכערן״, אָט די סצענע, וואו ס'קומט פאָר דער געשליינגל-טער געשפּרעך צווישן מאַרקוסן און באסיען, אָט דער עכט-טעאַטראַלער פּלוצ-לומדיקער: „ליידער, קערסטו זיך שוין מיט אונז ניט אָן״, צי: „וואָס הייסט, וואָס זאָל הייסן, אָט דאָס הייסט״, אָדער גאָר די צענטע סצענע פון דריטן אַקט פון דער „קישעפמאַכערן״:

עליאָקום: וואָס איז, באבעניו?

באבע: האָסט מירלען גוט פארשפּאַרט?

עליאָקום: האַ, האַ, אָבער גאַנץ גוט, זי וועט פונדאָרט גאַנץ גיך ניט אַרויס.

באַבע: ווען נעמסטו זי פונדאַנען?

עליאָקום: מאָרגן פאַרטאָג.

באַבע: האָסטו שוין אַ קוינע?

עליאָקום: יאָ, באַבעניו.

באַבע: וויפל נעמסטו?

עליאָקום: פופציק לירעס.

אָט דער דיאַלאָג און אסאַך אַזוינע שפּילעריש-אַקטיוויזירטע דיאַלאָגן פון „קוני-לעמל", פון „שולאַמיס", וואו די געשעעניש ווערן אַזוי אינטערעסאַנט פאַרמאַסקירט און אַנטפּלעקט דורכן וואָרט, זיי אַלע זיינען אַ באַוויז, אַז דער גרויסער דערפאָלג פון דעם גאָלדפאַדענישן טעאַטער ליגט טאַקע אין דער מוס-טערהאַפטער פאַר יענער צייט טעאַטראַלער אויסדריקלעכקייט פונם גאָלדפאַדן-סטיל.

וואָרום ער האָט אַ סטיל, גאָלדפאַדן, אַ סטיל, וואס איז לאַקאָניש אַפילע אין זיין באַרעדעוודיקייט, אַ סטיל, וואס איז פאַרפאַסט פאַר טעאַטער, אַן אייגנ-אַרטיקער אידישער סטיל.

ווען גאָלדפאַדן ברויכט אַפילע דעם דייטשמעריש לויטן נוסעך פון אַלע זיינע האַסקאָלע-פּאַרגייער, פאַרוואַנדלט ער אָט דעם דייטש אין אַן אייגנאַר-טיק שפּיל-מיטל. אין „דער באַבע מיטן איינקל" רעדט דער לעדער נאָך אינ-גאַנצן דעם באַוואוסטן „גלאָקע"-דייטש, אָבער מאַקס פון „קוני-לעמל" רעדט ניט קיין דייטש אַפילע מיט זיין קאַלע, דער אופגעקלערטער „קאַראַלינע". מאַקס רעדט דייטש דאָרטן, וואו די שפּיל גופע הייבט אָן טראָגן אַ דייטש-מערישן כאַראַקטער, אין די סצענעס מיט די סטודענטן, צום ביישפּיל, ניט מער. מאַרקוס פון דער „קישעפמאַכערן" וואַרפט נאָר אַמאָל אַריין אייניקע פרעמדע „געלערנטע" ווערטער, ווי „אויסווירקן", „זאָגאר", „קרימינאַל", וואָס באַשאַפן אַרום אים אַ מין דייטשמערישע אַטמאָספער. דייטשמעריש רעדט נאָר אַסאַך לודוויק פון „צענטן געבאָט", אָבער אויך דאָרט באַפאַרבט דער דייטש-מעריש די טעאַטראַלע האַנדלונג.

דער גאָלדפאַדן-אידיש, אָט אַזוי, ווי ער האָט זיך ביפראַט פון אָנהייב אָן אַנטפּלעקט אין „שמענדריק", איז אַ יאָדערדיקער, אַ פאָלקסטימלעכער אידיש. אָבער גאָלדפאַדן קעכלט ניט דעם לאָשן, ער ברויכט ניט שפּראַך צוליב שפּראַך, ווי אַלע זיינע ליטעראַריש-טעאַטראַלע פאָרגייער, ער שפּילט בלויז אָפּט אַפּן טעאַטער-וואָרט, אפן רעגילעס-ווערטל, צום ביישפּיל, אָבער אויך אין דעם פראַט דערפּירט ער די טראַדיציע פון דער עלטערער אידישער דראַמאַטורגיע ביז צו אַ געוויסער אַרטיסטישער ווירטואָזישקייט — אין האָצמאַכס „קוקט מיך אָן און קאָכט וועטשערע, דער רועך זאָל מיך נעמען", אין קאַלמענס „כאַפּט ניט" פון „קוני-לעמל", אין פּסאַכיעס „כאַפּ איך אייך אָן" פון „שמענדריק", אין

פּרידלס „אָט זאָג איך“ פון „צענטן געבאָט“. גאָלדפאַדן געפינט אויך אויס זייער געלונגען, קימאַט שאָלעם-אַלייכעמיש, די נעמען פון זיינע פּאַרשוינען: „האָצמאַך“, „שמענדריק“, „ציגניטאַנג“ זיינען מיט זייער כאַראַקטעריסטישער קלינגעוודיקייט אַריין אין מאַסנגעברויך, און צום נאָמען „לעמל“, וועלכער איז געוויס אָנגעווייט פון גאָטלאָבערס „דעקטוך“, האָט ער צוגעגעבן דעם נאָמען „קוני“ בלויז צוליבן גראָבן שפּיל אַפן „קוף“ בא דעם כאָסן דעם שטאַמלער, און די נעמען „קאַראַלינע“ און „קאַלמען“ הייבן זיך דאָך אויך אָן מיט אַ כאָשעדיקן קוף...

טעאַטראַלישקייט — פריער פאַר אַלץ — דאָס איז אין טאָך געווען דער גאָלדפאַדן-דעוויז. צוליב דעם האָט ער אָפט מאַקריוו געווען מיט עלעמענטאַרער אָנשטענדיקייט, סיי אין שאַפן, סיי אין פאַרווירקלעכן זיינע פּיעסן, אַרויסגעוויזן אַזוי פיל שוואַכקייטן, וואָס זיינען דערנאָכדעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שונד-סטיל. אָבער גאָלדפאַדן איז מיט אַלע מיטלען געגאַנגען דירעקט צום טעאַטער, מיט וויסן און מיט ניטוויסן גלייך געשפּייזט זיך, און געווען איז ער איינער אַליין, און דעם ערשטן אידישן טעאַטער באַשאַפן...

III

טעאַטראַלישקייט פריער פאַר אַלץ. דידאָזיקע טעאַטראַלישקייט האָט קעסיידער מיט גאָלדפאַדנס שאַפונג-קויעך אָנגעפירט און אים אָנגעוויזן דעם וועג אַף צו בויען אזא זשאַנר, ווי די אָפּערעטע אַפילע, לויטן קלאַסישסטן מוסטער פון דראַמאַטורגישע שאַפונגען. האט דאָך גאָלדפאדן אַריינגעפירט אין זיינע פּיעסן דעם „כאָר“ פון גריכישן טעאַטער, אָט ווי ער האָט זיך אָפּ געשפּיגלט אין דער אייראָפּייאישער אָפּערעטע — אַפריער ניט דרייסט, אונטערן נאָמען: „אַלע“ אין „קוני-לעמל“, און דערנאָכדעם שוין, ווי אַן אויסגעשראָכענעם אָנטיילנעמער — אין „דאָקטער אלמאסאדא“, „צענטן געבאָט“ און ביפראט אין „באַרקאָכבע“ און „שולאַמיס“.

„באַרקאָכבע“ און „שולאַמיס“ — אַפילע אָט די בידע ווערק זיינען ניט געבויט דעריקער אף זייער פּאַטריאָטישן אינהאַלט, ווי גאָלדפאַדן האָט זיך אויסגעדריקט, געבויט זיינען זיי טאַקע דעריקער אף דער קלאַסישער טעמע פון ליבע און קינע, פון ליבע און „פּאַטוס“, ווי דאָס האָבן געטון די בעסטע קלאַסיקער-דראַמאַטורגן פון די גריכן ביז שעקספּירן. אַגעוו, דערמאַנט טאַקע גאָלדפאַדן אין זיין אַווטאָביאָגראַפיע א געבוירענעם שוואַרצן מאָאָר, וועלכן ער האָט געזעען שפּילן „אָטעלאָ“, מוז דאך דערביי קומען אַפן זינען די וואַרשיינלעכע אָפּשטאַמונג פון גאָלדפאַדנס „פּאָפּוס“. איז אָט בא דער גאַנצער נאַאיווקייט פונם איינפאַל צונעמען אף זיך באַאַרבעטן אינם אָפּערעטן-זשאַנר אזא שטאַרקע טעמע, קאן מען דאך ניט אָפּנעמען בא גאָלדפאַדענען דעם — בלינדן צי באַוואוסטזיניקן — פאַרלאַנג אַריינצוטראָגן אין אידיש א וועלט-טעמע. ס'איז

צו גלויבן, אַז גראָד אָט דאָס טיף-מענטשלעכע האָט, אין דער ערשטער צייט לעפּאָכעס, געצויגן די מאַסן-צושויער צו „שולאַמיס" און „באַרקאָכבע", און ניט דער סאָציאַלער הינטערגרונט, דער באַלעבאַטישער כיבאַסציען-עלעמענט פון דידאָזיקע ביידע גאָלדפאַדן-ווערק.

דער טעאַטער-כוש האט אויך געלערנט גאָלדפאַדענען אַריינפירן אין אַלע זיינע בעסטע טעאַטער-שטיק דעם אינטריגירנדיקן טיפּ, דעם פּאַרשוין, וואָס האַלט, אייגנטלעך, אומעטום דעם קניפּ פון די געשעענישן אין די הענט: די „באבע יאַכנע" אין דער „קישעפמאַכערן", מאַקס אין „קוני-לעמל", דאָן דיעגא אין „דאָקטער אלמאסאדא", אכיטויפל אין „צענטן געבאָט", פּאַפּוס אין „באַר-קאָכבע" און דער פּאַטום — די אומפּערזענלעכע אינטריגע אין געשטאלט פון קאַץ און ברוגעם — אין „שולאַמיס", ווייל די אלע איבריקע: „די באבע יאַכנע", אכיטויפל, פּאַפּוס זיינען אויך סאָפקאָלסאָף טעאַטראַל פאַרגעשטעלט בא גאָלדפאַדענען, ווי דער פּאַטום, דער שלעכטער מאַזל, וואָס פּלאָנטערט אין זיינע נעצן די אומשולדיקע העלדן און פאַרוואַקסט זייער שלעכטן אָדער גוטן סאָף...

ווערט פון דעם אַלעם קלאָר נאָך איין היפּט-מאָמענט פון דער גאָלדפאַדן-דראַמאַטורגיע, ס'ווערט קלאָר די אַזויגערופענע טעאַטראַלע סכעמאַטישקייט ניט נאָר פון דער האַנדלונג, נאָר אויך פון די טיפּן. גאָלדפאַדנס געשטאַלטן זיינען אַלפיראָוו געבויט ניט ווי פאַרזיכריקע פּסיכאָלאָגישע פּערזענלעכקייטן, נאָר ווי פאַראַלגעמיינטע פאַרקערפּערונגען פון באוואוסטע קעגנגעשטעלטע נאַטור-אייגנשאַפטן: די וואוילע סאַנטימענטאַלע מירל און די בייזע שטיפמוטער באַסיע, דער פיינער רעב אַוורעמצע און דער פאַרדאָרבענער עליאָקום, דער גוטער פאָלקס-מענטש האַצמאַך און די שלעכטע פאָלקס-פּרוי די באבע יאַכנע. און אין די ביידע „קוני-לעמל": דער פאנאַטיקער רעב פינכעסל און דער אופ-געקלערטער שאָלעמיאנא, דער קלוגער סטודענט מאַקס און דער כסידעשער טיפּעש קוני-לעמל, די געבילדעטע קאַראלינע און די בעהיימעוואַטע, ווי גאָלד-פאַדן רופט זי אָן אין זיין פאַרשוינען צעטל—ליבעניא, קאַלמען שאַדכנס טאָכטער. און דאָס זעלבע אויך אין „צענטן געבאָט". דאָס זינדיקע פאָר מאַנסבלען און דאָס אומשולדיקע פאָר פרויען, דער יעיצערהאָרע און דער יעיצערטויוו. און א פּשיטע שוין אין גאָלדפאַדנס געשיכטלעכע פּיעסן: דאָקטער אלמאסאַדאַס אָרנט-לעכקייט, דאָן דיעגאָס מערדערישקייט, עליעזערס כאָכמע, באַרקאָכבעס גוואורע, פאַפּוסעס צוויעס, ציניגיטאַנגס טמימעס, דינעס און שולאַמיסעס ליבע און אי-בערגעגעבנקייט — ז'איז א בעפּיירעשע גאַלעריי געשטאַלטן פון פאַראַלגעמיי-נערטן פאַטעטישן (ווי גאָלדפאַדן האָט עס אופגעפאַסט) כאַראַקטער, אָט ווי די פריערדיקע פאַרשוינען פון די שטייגער-פּיעסן זיינען פאַראַלגעמיינערונגען פונם פּראָסטן שטייגער-כאַראַקטער.

די שטייגעריש-סאַנטימענטאַלע מירל פון דער „קישעפמאַכערן" און די דערהויבן-העלדישע דינע פון באַרקאָכבע זיינען געמאַכט פון איינעם און דעמ-

זעלבן דראַמאַטורגישן פּלייש און בּיין, — בּיידע מאָנאָטאָניש-איינאַרטיק אין זייערע איבּערלעבּונגען, אַנטפּלעקט און אַנטבּלויזט בּיז גאָר אין זייער טיפּישער סכעמאַטישקייט.

פּונקט דאָסזעלבּע אויך בּענויגייע דער בּאבּע יאַכנע און פּאַפּוסן: דער מאָנאָלאָג פון דער קישעפמאַכערן אין דער פערטער סצענע פון דריטן אַקט און פּאַפּוסעס מאָנאָלאָג אין „בּארקאָכבּע" אין דער צווייטער סצענע, צווייטער אַקט — סיי דאָ, סיי דאָרט אַנטפּלעקט זיך דער סכעמאַטישער געבּיין פון די בּיידע טיפּן, וואָס פאַרכלינען זיך אין זייער טעאַטראַלער מערדערישקייט. די בּיידע טיפּן שפּילן זיך אַפילע בּיידע גלייך מיט זייער געפּאַר, ריזיקירן אופּדעקן זייערע פּלענער: פּאַפּוס אין זיין טעמפּעראַמענטפולן שמועס מיט דינען, און די בּאבּע יאַכנע — בּעשאַס זי וואַרפט מירלען אַף קאָרטן, וועדליק מירל דערציילט, און וואָרנט זי, אַז זי, מירל, וועט האָבּן אַן אומגליק, און בּעשאַס זי ווייזט מאַרקוסן קלוימערשט אין צויבּער-שפּיגל זיין געליבּטע מירלען. -- אומעטום אַנטפּלעקט ער, גאָלדפאַדן, די מאַיסעדיקע האַנדלונג און אומעטום מאָלט ער אונז זיינע הויפּט-פּאַרשוינען, וואס גייען דירעקט צו זייער ציל, וואָס גליען מיט פאַרלאַנג אויסצופילן דאָס, וואס זיי האָבּן פאַרטראַכט.

אָט-אָ די אַקטיווירטע טעאַטראַלישקייט האָט עס, ווי געזאָגט, בּאַגייסטערט דעם אופקומענדיקן האַמוינישן געשמאַק פון יענער צייט, און ניט דער מאָראַלישער און מאָראַליזירנדיקער טאָן פון די גאָלדפאַדן-פּיעסן.

און נאָך עפּעס אַזוינס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן מיקויעך גאָלדפאַדנס לידער.

איך מיין ניט די מעלאָדיק — דאָ דאַרף מען אויך קאָנען אָפּטיילן דאָס טעאַטראַלע, דאָס הייסט, דעם ניגון און דעם ריטם פון די עצם טעקסטן — מיינען מיין איך דעם אינהאַלט פון די לידער, וואָס זיינען אריין אין גאָלדפאַדנס טעאַטער-שטיק.

אויסער די בּאַוואוסטע לידער, וואָס דריקן אויס די אומיטלבּארע שטימונג פון דער אַרומיקער האַנדלונג, זיינען מעמאלע, אַזוי צו זאָגן, דעם סיפּער-האַמאַיסע אָדער די כאַראַקטעריסטיק פון דעם טיפּ: די סאַנטימענטאַלע לידער פון מירעלען אין „קישעפמאַכערן", דער בּאַרימטער „קויפט-זשע, קויפט, דייטשעלעך" פון האָצמאַכן, דער „וואָס שלעכטע מענטשן קאָנען" און די איראָנישע בּאַשווערונג-לידער פון דער „קישעפמאַכערן", און בּיפראַט פון „קוני-לעמל":

וואָס זשע ווילסטו, וואָס זשע ווילסטו,
וואָס זשע ווילסטו, ליבּער,
וואָס זשע וועקסטו, וואָס זשע וועקסטו,
פון די שטילע גריבּער,
אין די טאַלייסים שעמט אייך ניט, ווי אָרעם,
שטייט אוף איר, מייסים, פון די נאסע קוואָרים.

איז אויסער אָט אַזוינע לידער, וואָס זיינען דירעקט פאַרפלאָכטן מיט דער נאַאיווער סינטעטישקייט, זיינען אַלע אַנדערע לידער בא גאָלדפאַדענען בעקיוון געשריבן ניט פון דער האַנדלונג, נאָר אויסער דער האַנדלונג. די גרעסטע מערהייט לידער האָט גאָלדפאַדן געשריבן, ווי מאָראַלישע אויסטייטשונגען, ווי א מין „העכערן" פּיירעש אַף דעם, וואָס ס'קומט פאָר אין דעם געגעבענעם דיאַלאָג אָדער מאָנאָלאָג. און די אַלע „קופּלעטישע" לידער זיינען ליטעראַריש גראַד אויסערסט שוואַך, ריטאָריש און רעזאָנעריש.

און עפּשער מאַקע, פילנדיק די שוואַכקייט פון אָט די מאָראַלישע „פאַרפּאַסונגען, פלעגט גאָלדפאַדן אָפּט נעמען זיינע אייגענע פריערדיקע לידער און אַריינשטעלן אין די טעאַטער-ווערק, בעשאַס אים האָט זיך געדאַכט, אז מיט דערדאָזיקער גאַנגבאַרער ליד וועט ער טיילוויס אַריינטראָגן א העכערע באַזינונג און וועט צוגעבן א טיפערע קאָוואָנע דער טעאַטראַלער האַנדלונג: דאָסדאָזיקע האָט ער אָנגעהויבן. גלייך אין זיין ערשטער פּיעסע „די באָבע מיטן אייניקל", וואס איז נאָך אינגאַנצן געשריבן, ווי א אימפּראָוויזאַציע לויטן אויבנדערמאָנטן גראָדנער-נוסעך, און סיי דער „באָבעס כאָלעם" און סיי דער „פּויסער כאָלעם" זיינען דאָרטן זעלבשטענדיקע פּערזאָנען, אַריינגעבראַכטע מיסטאָמע פון אן אַנדער אָרט.

„כאָטש דאָס ליד איז ניט דאָ דאָס פּלאָץ דערפון — שרייבט גאָלדפאַדן אין א באַמערקונג צום ליד „אין ביים האַמיקדעש אין א ווינקל-כיידער" פון „שולאַמיס" — נאָר איך האָב עס אַריינגעשטעלט דערפאַר, ווייל דעם פּובליקום איז דאָס ליב און באַקאַנט".

און אזוינע לידער, וואָס „ניט דאָ איז דער פּלאָץ דערפון" האָט גאָלדפאַדן אריינגעשטעלט, האַגאַם אָן קיין שום באַמערקונגען, אין אַסאַך ערטער: דאָס שפּעטערדיקע ליד פון „שאַבעס, יאָנטעוו און ראָשכוידעש" דא גופע אין „שולאַמיס", דאָס באַוואוסטע „פּאַריאָמערט פאַרקלאָגט", וואָס איז מאָדנע אַריינגעפאלן אין „דאָקטער אלמאסאדא", אויך דינעס ליד פון „באַרקאָכבע" — ווייזן ווייזט עס אַפּן קעסיידערדיקן אימפּראָוויזיר-כאַראַקטער פון גאָלדפאַדנס שאַפן, אָבער ער איז אויסן געווען, ווי געזאָגט, אַריינברייגנען דערמיט דעם פאַרפיינערטן פּשאַט, דעם זייניקן איצטערדיקן מוסערהאַסקל פון די טעקסטן, צו וועלכע ער האָט צוגעפּאַסט דאָס ליד.

אַלקאָלפּאָנעם, דאַרף מען אייך צווישן די גאָלדפאַדן-לידער קאָנען אויסטיילן די, וואָס האָבן אומיטלבאַר געדינט די דראַמאַטורגישע צילן, און די, וואס זיינען אַריין, ווי „אידייאישע" אויסטייטשונגען פון גאָלדפאַדן דעם מאַסקיל און מאָראַליסט. גאָלדפאַדנס ווירקונג-קראַפט דארפן מיר בעכאָל אויפן זוכן אין דעם אַלעם, וואָס שטאַמט פון זיין שטאַרקן טעאַטער-טאַלאַנט, זיין נאָענטקייט צו אונז דאַרפן מיר אויסגעפינען אין דער דראַמאַטורגישער פאַרקערפּערונג פון אן אויפגעוואַכטן מאַסן-אימפּעט, און דעם שוישפּילערישן וועלטלעכן אינהאַלט פון די גאָלדפאַדן-פּיעסן, וואָס האָבן געשוימט מיט לעבן און באַפרידיקט דעם פאַרלאַנג

פון די מאַסן, וועלכע האָבן דורכן באַלעבאַטיש-מאָראַלישן הייטל דאָך דערזען אייגענע מענטשלעכע ליידנשאַפטן, דערזען אייגענעם מאַסן-איך.

באַדייטנד וויכטיק וואָלט געווען וויסן, צי די אַלע געמעלן און בילדער-צייכענונגען אַף די שאר-בלעטער, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דער גאָלדפאַדן-טקופע, צי האָבן זיי אַף וועלכן ס'איז אויפן אָפּגעשפּיגלט דעם טעאַטראַלן אויסזען פון דער ·גאָלדפאַדן-בינע, אויב יאָ, וואַרפט זיך אין די אויגן זייער באַשיימפערלעכע קרויוועשאַפט צו דער קאָמעדיע דע ל'אַרטע און אין א באַוואוסטן פראַט צו אונזעריקן גראַנאָווסקי-טעאַטר. דער מאָסקווער אידישער מעלוכע-טעאַטר האָט גלענצנד פאַרשטאַנען, ווי אויסצונוצן די דערמאַנטע הויפּט-פרינ-ציפּן פון דער גאָלדפאַדן-דראַמאַטורגיע, אָפּגעוואָרפן דעם נאַציאָנאַליסטישן שוים פון די גאָלדפאַדן-פּיעסן און גענומען דאָס קערנדיקע און דויערנדיקע, וואָס קומט פון טעאַטראַלער מאַסן-שפּיל.

מאָסקווע.

נ. שטיף

וואָלף קאמראש און דער „ערשטער אידישער ספעקטאַקל״ אין רוסלאנד.

(פון אַרכיוו-מאטעריאַלן) *)

אין „פנקס״ (ווילנע 1913, ז. 185-190) דערציילט אַווראָם-יאקאָוו פּאַפּערנע וועגן אן אמאַטאָרנשפּיל אין זשיטאָמיר, ווען מ׳האָט אופגעפירט ד״ר עטינגערס „סערקעלע״. דער אופטו האָט געהערט צו כ. ז. סלאָנימסקיס פרוי (כ. ז. סלאָנימסקי איז דעמאָלט געווען אינספּעקטאָר אין דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול), און געשפּילט האָבן שילער פון ראַבינער-שול, צווישן זיי אווראָם גאָלדפאַדן. געשען איז דאָס אין יאָר 1862. לויט פּאַפּערנעס מיינונג זאָל דאָס געווען זיין „דער ערשטער אידישער ספּעקטאַקל״ אין רוסלאַנד.

ס׳איז אָבער אַ סוואָרע, אַז דאָס איז געווען ניט דער ערשטער, שוין נישט צו רעדן דערפון, וואָס מיר ווייסן אפילע ניט, צי איז דאָס געווען אן עפנט-לעכער ספּעקטאַקל. באַ דעם צושטאַנד, וואָס מיר ווייסן איצט (ריכטיקער: ווייסן ניט) וועגן דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, איז שווער צו זאָגן, ווען און וואָס איז געווען בעעמעס די ערשטע אידישע טעאַטער-פּאָר-שטעלונג. ס׳איז אָבער זייער מעגלעך, אז איינער אזא פּרואוו, און גראָד אן עפנטלעכער, איז געווען פ ר י ע ר פאַר דעם, וואָס איז באשריבן באַ פּאפּערנען. געווען איז דאָס אין יאָר 1854, און וועגן דעם זאָל דאָ גערעדט ווערן.

דער אופטו געהערט דאָ אויך, ווי אין פּאַפּערנעס מאַיסע, ד י ש י ל ע ר פ ו ן ד ע ר ז ש י ט אָ מ י ר ע ר ר א ב י נ ע ר-ש ו ל.

וועגן דער ראָלע פון דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול אין אָנהייב פון דער וועלטלעכער אידישער קולטור — איז נאָך קימאַט גאָרנישט געשריבן געוואָרן. ניט דאָ איז דאָס אָרט צו ריידן דערפון מיט דער ברייטקייט, וואָס די טעמע פאַרדינט, ס׳איז גענוג דאָ צו דערמאָנען, אַז צווישן די לערער פון דער זשי-טאָמירער ראַבינער-שול זיינען געווען אזוינע, ווי א. ב. גאָטלאָבער, א. צ. צווייפעל,

*) איך וויל דאָ גערן דאנקען וו. מיאקאָווסקין, דעם פארוואלטער פון קיעווער ארכיוון די יאָרן 1920—1919, וואָס האָט מיר אסאך מיטגעהאָלפן אין מיין ארבעט אין די ארכיוון.

וואָס זיי גופא האָבן געשריבן אַף ־אידיש*). אין דער סוויווע און באַ דעמדאָ־זיקן פּייערל האָבן אויסגעוואַרעמט די פליגל אזוינע ווי י. י. לינעצקי און ש. י. אַבראַמאָוויטש (מענדעלע), און דירעקט פון דערדאָזיקער ראַבינער־שול איז אַרויס אווראָם גאָלדפאדן (דעמאָלט נאָך גאָלדינפאָדעם), דער פאָטער פון דעם מאָדערנעם אידישן טעאטר. עפשער איז ניט צופעליק דער טעאַטר־אופטו אויך, וואָס פּאַפּערנע באַשרייבט: די זשיטאָמירער ראַבינער־שול האָט אין דעם פראַט שוין געהאַט אַ שטיקל טראַדיציע. דער אָנהייב איז שוין, ווי געזאָגט, געמאכט געוואָרן דאָס יאָר 1854. און גאָלדפאדן האָט געהאט א פאָרגייער: וואָלף קאַמראש, וואָס האָט זיך, ניקער, געוואָלט פארמעסטן ברייטער, נאָר מ׳האָט אים גאָר גיך אָפּגעהאקט די פליגל.

יעדיעס וועגן דעם געפינען מיר אין ארכיוו פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול. אין צוויי אקטן, נומ. 36 פאר דעם יאָר 1854 און נומ. 23 פאר די יאָרן 1854—1855, איז וועגן דעם דערציילט אזוי:

דעם 5-טן נאָיאַבר 1854 י. האָבן 9 שילער פון דער זשיטאָמירער ראבינער־שול, וואָלף קאמראש (פונם 7-טן קלאַס), ביניאָמין ראַבינאָוויטש, דאָוויד באָהוסלאוסקי, מוישע שעפּטעלזאָן, קעהעס פּראָסיאן, יאַקאָוו טאַפּט, מוישע גרינבערג, כאַים בראָמבערג און בער הערגשטיין, זיך געווענדעט צו זייער דירעקטאָר (קאָוואַלעווסקי) מיט אַ ראַפּאָרט: יאַנטויווים, דאָס יאָר, ווען זיי זיינען געווען אין באַרדיטשעוו, האָבן זיי דעם 9-טן אָקטיאַבר געשטעלט אַ ספּעקטאַקל לעטויוועס די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן (דאָס איז געווען דאָס יאָר פון דעם קרימער קריג.—נ. ש.), מיט דעם דערלויב פון דעם קאָרפּוס־קאָמאנדיר און פון דעם „גאָראָדניטשי״, (שטאָט־פּרעפעקט). די אָפּגעלייזטע 100 רובל האָבן זיי אָפּגעגעבן דעם „גאָראָדניטשי״, ער זאָל דאָס אָפּשיקן, וואוהין ס׳געהער... די גוטע באַציאונג מיצאַד דעם גאנצן אוילעם באַוועגט זיי צו בעטן דעם דירעקטאָר, ער זאָל זיי לאָזן אין דער פרייער צייט שפּילן א ספּעקטאַקל אין דעם היגן (זשיטאָמירער) טעאַטר אויך פאַר דעמזעלבן צוועק.

אַזאַ „פּאַטריאָטיזם״ האָט, ניקער, אויסגענומען באַם דירעקטאָר. דעם 13-טן נאָיאַבר ווענדעט ער זיך וועגן דעם מיט אַ פּאַפּיר נומ. 760 צום גענעראַל־גובערנאַטאָר גענעראַל־אַדיוטאַנט פירשט וואסילטשיקאָוו אין קיעוו (קיעוו־וואָלין־פּאָדאָלער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז אין יענער צייט געווען קוראַטאָר פונם לערן־ראַיאָן אויך). ער דערציילט איבער דעם מעמאָראַנדום פון זיינע שילער און בעט פאַר זיי אַ דערלויב צו שפּילן „ע ט ל ע כ ע פּ י ע ס ן אַ ף א י ד י ש און אַ ף ר ו ס י ש״.

דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר איז די מאיסע אויך געפעלן, אָבער מיט אַ טנאַי. אין זיין ענטפער (פונם 1-טן דעקאַבר, נומ. 6708) הייסט דאָס אַזוי: ער בעט דאַנקען די דערמאנטע שילער פאַר זייער „פּאַטריאָטישן אופטו״ אין באַרדיטשעוו.

*) זאָל דאָ, אגעוו, דערמאנט ווערן גאָטלאָבערס דראמע „דער דעקטון״, וואָס איז ארויס אונטער א פאלשן נאָמען ווערבלינסקי.

ער דערלויבט דעם דירעקטאָר זיי לאָזן שפּילן אין זשיטאָמירער טעאַטער נאָך איין ספּעקטאַקל „פון רוסישע און אידישע פּיעסן", אָבער דידאָזיקע פּיעסן זאָל מען אים פריער צושטעלן אף צו באַווייליקן.

דעם דאַנק האָט דער דירעקטאָר אָפּגעשטאַט זיינע שילער אף זייער אַ פייערלעכן שטייגער. מ'האָט מיט פּאַראַד צונויפגערופן אלע שילער אין גרויסן זאַל, דער דירעקטאָר האָט איבערגעגעבן דעם דאנק מיט אַ פּאַסיקער דראָשע. אין דער ראַבינער-שול איז דערפון געוואָרן אַ שטיקל יאָנטעוו, און אונזערע שפּילער זיינען באַ זיך שטאַרק געהויבן געוואָרן*).

אָבער דער טנאַי, וואָס דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט געשטעלט, האָט, ווי מיר וועלן זען, איינגיכן איבערגעפירט די סימכע און די גאַנצע זאַך.

וואָלף קאמראש האָט זיך ניט געפוילט און דעם 29-טן דעקאַבר צוגעשטעלט דעם דירעקטאָר אַ דראַמע אין דריי אַקטן אף אידיש, וואָס ער גופע האָט געמאכט, מיט דעם נאָמען „קאָהאָל אין אַ שטעטל" (דעם נאָמען זעץ איך איבער פון רוסיש „Кагал в Местечке" — נ. ש.) ער בעט איבערשיקן די דראמע, וואוהין מ'דארף, אף דורכצוזען.

דעם 4-טן יאַנואַר 1855 שיקט דער דירעקטאָר אָפּ קאַמראַשס דראמע דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר.

דעם 25-טן יאנואר קומט אָן אן ענטפער פונם גענעראל-גובערנאַטאָר, וואָס האָט צעניִשט געמאכט אלע שיינע פלענער: קאמראשס פּיעסע איז פונם צענזור-קוק „געפערלעך". ניט בלויז, וואָס מ'קאָן ניט לאָזן שפּילן אזא זאך — מ'דארף זי לאכלוטן פאַרווערן. ער שיקט דעם דירעקטאָר אַ קאָפּיע פון דעם צענזאָרס ראפּאָרט (אין די אַקטן און אין צענזור-אַרכיוו האָב איך ניט די קאָפּיע, ניט דעם אָריגינאַל ניט געפונען.—נ. ש.) און האלט פאר נייטיק צו דערקלערן, אז די באגריפן וועגן פערזענלעכע און געזעלשאפטלעכע באציאונגען, וואָס קאמראש האָט אויסגעדריקט אין זיין דראמע, באווייזן ניט, אז ער זאָל האָבן געקראָגן אין זיין בילדונג א „גוטע ריכטונג". מ'דארף אופמערקזאם מאכן דעם אינספעקטאָר (אין דער ראבינער־שול) אייכנבוימען, אז ער זאָל אכטונג געבן אף קאמראשן אין אלע פּראָטים און זאָל אים געבן די „ריכטיקע באגריפן" וועגן די זאַכן, וואָס ער (קאמראש) האָט וועגן זיי געשריבן.

אַד קאַן אַרכיוו פון דער ראבינער-שול.

וואָס איז אַרויסצוזען פון דעם איבערדערציילטן אַרכיוו-מאַטעריאַל?

ס'איז, ריישיס, צו זען, אַז דער ספּעקטאַקל, וואָס וואָלף קאַמראַש און זיינע כאַווײרים האָבן געשפּילט אין באַרדיטשעוו, איז געווען אן עפנטלעכער. אַזוינע צוויי פאַקטן, ווי געשפּילט אין טעאַטער און אָפּגעלייזט

*) דאָס האָט מיר פערזענלעך דערציילט דער געלערנטער הערמאַן באַראַץ פון קיעוו, אַ געוועזענער שילער יענע צייט אין דער זשיטאָמירער ראבינער-שול, וואָס איז באַ דעם פּאראד בייגעווען (געשטאָרבן דעם 26 מארט 1922 אין קיעוו אין עלטער פון 87 יאָר).

100 רובל (פאַר יענע צייט אין אַזאַ שטאָט, ווי באַרדיטשעוו, א היפשער באַ-טרעף!) — זיינען די בעסטע איידעס.

דאָ איז גאָרניט געזאָגט וועגן דער שפּראַך פון דעם באַרדיטשעווער ספּעקטאַקל. איך מיין אָבער, אַז מ׳קאָן זיכער זאָגן, זיי האָבן געשפּילט אף אידיש.

דאָס איז אַרויסצוזען קוידעמקאָל דערפון, וואָס זיי האָבן געוואָלט שפּילן אין זשיטאָמיר אף אידיש. צו וואָס וואָלטן זיי אזוינס געטון אין זשיטאָמיר, אויב זיי האָבן דאָס פריער ניט געטון אין באַרדיטשעוו? מ׳דאַרף זיך פאָרשטעלן, אז רוסיש וואָלט זיי אין אסאך פראָטים אָנגעקומען גרינגער: אף רוסיש זיינען געווען פאַרטיקע פּיעסעס, בעאייס אף אידיש האָט קאַמראַש ערשט באַ-דאַרפט ווערן א דראַמאַטורג; אף רוסיש, פון די צענזורירטע פּיעסן, וואָלט מיסטאָמע גרינגער אָנקומען א דערלויב אויך. אף רוסיש, ווען זיי זאָלן האָבן געשפּילט אף דער שפּראַך אין באַרדיטשעוו, וואָלטן זיי שוין געהאַט א פאַר-טיק-איינגעשטודירטע פּיעסע און פאַרשפּאָרט שטודירן א נייע, גאָרניט קיין גרינגע זאַך פאַר אַמאַטאָרן — אָנהייבער, דערצו נאָך פאַרנומענע שילער.

נאָך מער: איך מיין, אַז, וואָלטן זיי אין באַרדיטשעוו געהאַט געשפּילט אף רוסיש, איז וואָלטן זיי דאָס זיכער דערציילט דעם דירעקטאָר אין זייער ראַפּאָרט, זיך באַרימט דערמיט. די גאַנצע סיטואַציע יענע צייט: די קאַוויאָנע רוסיפיקאַציע מיט גוואַלד, בעגוויגייע דער גאַנצער געגנט ביכלאַל, אידן ביפראַט, און די פּרייוויליקע רוסיפיקאַציע באַ דער אידישער אינטעליגענץ לעשעם מיצווע („קולטור״),— דאָס אַלץ וואָלט געבראַכט אונזערע יונגע טעאַטראַלן זיך אויס-צופייגן מ׳ט א רוסיש שטיקל אַרבעט. איז דאָך רוסיפיקאַציע באַ „נאַטשאַל-סטווע״ אין די אויגן געווען איינער פון די הויפּטצוועקן פון דער ראַבינער-שול און די וויכטיקסטע פליכט פון די קינפטיקע ראַבינער. זעען מיר דאָך באַ אַן אַנדער געלעגנהייט (די יאָרן 1867—1864), ווען די ראַבינער-שול איז געשטאַ-נען אין געפאַר פאַרמאַכט צו ווערן, ווי א געוועזענער שילער אירער, הערמאַן באַראַץ („געלערנטער איד״ באַם קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר און צענזאָר) וויל אף איר מלאמעד זכוס זיין דאפקע מיט אירע רוסיפיקאַטאָרישע פאַר-דינסטן. די ראַבינער און די אידישע לערער, געוועזענע שילער פון דער זשי-טאָמירער ראַבינער-שול, זאָגט ער, פאַרפלאַנצן רוסיש אין אידישן פאָלק, אין דער גאַנצער געגנט, זיי זיינען אין דאָרעם-מאַירעוו-ראַיאָן די איינציקע קאָ-רעספּאָנדענטן און מיטאַרבעטער פון דער רוסישער פּרעסע, ספּעציעל האָבן יענע ראַבינער זיך די ערשטע איינגעשטעלט צו דאַרשענען אף רוסיש אין די שולן א. א. וו.*). בעכיין, אויב אונזערע שפּילער האָבן באַ אזא סיטואַציע פאַרשוויגן די שפּראַך אין זייער ראַפּאָרט,— איז דאָס א סימען, אז אין דעם

*) ארכיוו פונם קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר, דער געהיימער טייל, אקטן נומ. 287 פאַר דעם יאָר 1864, באַראַצס ראַפּאָרט פונם 7-טן פעוורואַל, 1867, נומ. 3.

פּראַט איז שוין בעסער געווען צו שווייַגן, ווייל די שפּראַך איז געווען אידיש, איז שוין געבליבן ניט מער, ווי אַרויסצושטעלן אויבנאָן דעם פּאַטריאָטיזם.

פון דעם סיפּער-האַמאַיסע איז צו זען, אַז קאַמראַש האָט צוגעשטעלט זיין דראַמע בעערעך אין אַ כּוידעש צייט. ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז אַ שילער, פאַרנומען אין דער ראַבינער-שול (און געלערנט האָט מען דאָרט זייער אַסאַך, קימאַט דעם גאַנצן טאָג, וועלטלעכע לימודים און ספּעציעל אידישקייט!), זאָל אין קאַרגע פיר וואָכן אָנשרייבן אַ פרישע נייע דראַמע אין דריי אַקטן. ס'איז אויך אַ קנאַפּע סוואָרע, אַז ער זאָל שרייבן דראַמעס אַף יעדן פאַל סטאַם, אין דער וועלט אַריין, ניט צו האָבן קיין האָפענונג (יענע צייט) דאָס צו שטעלן אָדער צו דרוקן. ס'איז דעריבער גיכער צו גלויבן, אַז דאָס איז די־זעלבע דראַמע, וואָס איז שוין געשפּילט געוואָרן פריער, דעם 19-טן אָקטיאַבר, אין באַרדיטשעוו (און געשריבן געוואָרן מיסטאַמע אין דער פרייער זומער-צייט). די קורצע צייט האָט קאַמראַש געקאָנט און געדאַרפט האָבן אַף צו פיילן, שלייפן די פּיעסע, אַפילע פּאָשעט זי איבערשרייבן אַף דעם פיינעם קסאַוו פאַר „נאַטשאַלסטווע".

די טעמע „קאָהאָל אין שטעטל" האָט זיכער געפּאַסט פאַר באַרדיטשעוו, וואָס מענדעלע האָט פונדאָרט איינגיכן געצאַפּט אַזויפיל מאַטעריאַל און פאַרשוינען (אַשטייגער: „די טאַקסע").

אויב זיי האָבן געוואָלט שפּילן אין זשיטאָמיר דאַפקע אַף אידיש, ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס האָט ניט געקאָנט שטאַרק אויסנעמען סיי באַם דירעקטאָר, סיי באַ „נאַטשאַלסטווע", ניט געקוקט דערויף, וואָס די הויפּט-פיגור, קאַמראַש, האָט זיכ.ר געהאַלטן פון אידיש ניט מער, ווי אַנדערע אידישע האַלב-רוסיפיצירטע אינטעליגענטן (וואָרעם, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, האָט ער אין אַלע פּראָטים געשטימט מיט דער קולטור-פּראָגראַם פון די דאָזיקע אינטעליגענטן),— איז דאָס אַ סימען, אַז עפּעס איז זיי געלעגן אין דעם. דאָ האָט זיכער געשטעקט די מאַסקיליש-פּראָפּאַגאַנדיסטישע טענדענץ אופצוקלערן דעם אידישן אוילעם זיין וויסטן לעבנשטייגער ביכלאַל, די קאָהאָלשע פירונג ביפּראַט, פריידיקן בילדונג און בירגער-געפיל. אָבער דעם אוילעם, ביפּראַט נאָך יענע צייט און אין אַזאַ פרומער שטאָט ווי באַרדיטשעוו, וואו רוסיש האָבן פאַרשטאַנען געציילטע עטלעכע אידן, האָט מען געקאָנט נעמען נאָר מיט אידיש.

צי וואָלט מען זיי אין באַרדיטשעוו געלאָזט שפּילן אַף אידיש? זעען מיר דאָך, אַז דער גענעראַל-גובערנאַטאָר גופע האָט בעעצעם ניט געהאַט קעגן דער שפּראַך, נאָר קעגן די „געפערלעכע" קאַוואָ-עס פון דער פּיעסע. און אַ „פּאַטריאָטישער אופטו" האָט שוין געקאָנט מעכאַפּער זיין אַף דער שפּראַך, אַזוי ווי אַזוינע פּאַטריאָטישע אופטועז זיינען מיסטאַמע אַסאַך מאָל בייגעשטאַנען גאָלדפאַדענען, פּישזאָנען און אַנדערע אָפּקומער פאַר אידיש טעאַטער.

פון דעם דירעקטאָרס און פון דעם גענעראַל-גובערנאַטאָרס באַציאונג צו קאַמראַשס אידיש-טעאַטראַלישער פּראָבע איז אַגעוו צו זעען, אַז אידיש און טעאַטער אַף אידיש איז נאָך יענע צייט ניט געווען אַזוי שטאַרק אָפּגעפּרעגט, ווי 20 יאָר שפּעטער, נאָך די „ליבעראַלע רעפאָרמעס" פאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. די באַציאונג צו אידיש איז פאַר דער צייט ערגער געוואָרן, און וויסן מיר אויך, אַז די רוסיפיציר׳טע אידישע אינטעליגענץ האָט דאָ ניט ווייניק צו שמעקן.

דער אינהאַלט פון קאַמראַשס „געפערלעכער" דראַמע איז אונז געבליבן אומבאַקאַנט; אין אַרכיוו פונם קיעווער צענזור-קאָמיטעט, וואָס איך האָב אים דורכגעשטודירט אינגאַנצן (אין זיין אידישן טייל), איז די דראַמע ניט גע-בליבן, אַזוי ווי ס׳איז ביכלאַל פאַרפאַלן געוואָרן אַסאַך וויכטיקע זאַכן, כּוץ די קורצע אָפיציעלע צענזור-ראַפּאָרטן. אָבער אַ שאַרפער רעמעז דערוף איז דאָך געגעבן אין דעם נאָמען פון דער פּיעסע און נאָך מער אין דער באַציאונג פון דער אידישער צענזור. די דראַמע האָט באַהאַנדלט קאָהאָל, ד. ה. די אָפּי-ציעלע אידישע אינסטיטוציע פון יענער צייט, און אויב דעם צענזאָר און דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט זי אויסגעזען געפערלעך, איז ניט אַנדערש נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען אַ שאַרפע קריטיק אַף קאָהאָל, אָט די קריטיק, וואָס איז געווען דעמאָלט אַ קלאַל באַ מאַסקילים, וואָס מיר טרעפן זי פריער אין י. ב. לעווינזאָנס „העפקער-וועלט", שפּעטער אין מענדעלעס „טאַקסע" (1869) און אין אַנדערע ווערק, באַ לינעצקין און אַנדערע. דאָ וואָלט מען עפּשער געקאָנט געפינען דעם פּראָטאָטיפּ פון די סאַטירישע דראַמעס און שריפטן באַ מענדעלען (דערהויפּט „די טאַקסע") און באַ אַנדערע אידיש-שרייבער, מאַסקילים, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די זעכציקער יאָרן.

באַ דעם קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר פאַר ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן האָט אַזאַ געזעלשאַפטלעכע קריטיק, דערצו נאָך געשריבן פון אַ יונגנמאַן אַן ענטוזיאַסט, וואָס האָט מיסטאָמע ניט געקאַרגט קיין פּעפער, — געמוזט הייסן „צעשטערן די גרונטפעסטן". דידאָזיקע קאָנסערוואַטיווע „גרונטפעסטן" האָט מען געזעען צו דערהאַלטן אין גאַנצן לאַנד און באַ אידן אויך, כאָטש מע האָט אָפיציעל אָפּגעשאַפט קאָהאָל און מ׳האָט לעפאָנים געשטרעבט אַרויסצו-פירן ספּעציעל אידן פונם „פינצטערן פאַנאַטיזם". דידאָזיקע „געפאַר" פון דער דראַמע האָט אונטערגעזאָגט דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר דער אידישער צענזאָר. וואָס-זשע האָט ער, דער צענזאָר, דערזען דאָ פאַר אַ געפאַר? האָבן מיר דאָך אַ באַגריף פון אידישע צענזאָרס יענע צייט (זייבערלינג, שפּעטער באַראַץ אין קיעוו, די טוגענהאָלדס אין ווילנע, וואַרשע), אַז דאָס זיינען געווען מאַסקי-לים, וואָס האָבן געשטיצט די „פּראָגרעסיווע" פּאַרטיי קעגן דער „פאַנאַטי-שער", מעמיילע האָט אַזאַ צענזאָר געדאַרפט שטיצן קאַמראַשס אופּטו, ניט שטערן?

דער ענטפער דערויף איז: פּיאָדאָראָוו!

קיעווער צענזאָר אף אידישע ספאָרים איז דעמאָלט געווען דער געוויסער מעשומעד וולאַדימיר פיאָדאָראָוו. אין דער יוגנט (דעמאָלט נאָך: צווי גרינ־בוים) אַ מאַסקיל, א טאַלמיד י. ב. לעוונזאָנס און א. ב. גאָטלאָבערס *), שטו־דירט אין קאַמענעצער גימנאַזיע, געענדיקט קיעווער אוניווערסיטעט, האָט ער זיך שפּעטער געשמאַדט, איז געוואָרן לערער אין דער צווייטער קיעווער גימ־נאַזיע, און אין 1852 יאָר געוואָרן אידישער צענזאָר אין קיעוו אף זייבער־לינגס אָרט **). פיאָדאָראָוו האָט פון דער ערשטער מינוט אָן ראַדיקאַל געענדערט די באַציאונג פון אידישער צענזור צו די צוויי פּאַרטייען, צו מאַסקילים און צו די „מחזיקים בנושנות” (קאָנסערוואַטיווע) און צו זייערע ליטעראַרישע אויסגאַבן... ביז פיאָדאָראָוון איז געווען דער קלאַל, אז אידישע צענזאָרס האָבן געווידעפּט קאַבאָלע- און כסידעס-ספאָרים, האָבן געקוקט קרום אַף א גרויסן טייל פרומפאַרצייטיקע ספאָרים ביכלאַל. דאָס איז געווען דער קוק און דער אופּטו פון מאַסקילים ביכלאַל, און י. ב. לעווינזאָן האָט דאָ קעיאָדוע דער ערשטער דעם וועג געוויזן ***). אַנקעגן האָבן זיי פּראָטעזשירט האַסקאָלע-ספאָרים. פּונקט פאַרקערט האָט געהאַנדלט פיאָדאָראָוו. שוין אין זיין ערשטן אַרויסטריט אין דער צענזור, אין דער אינסטרוקציע פאַר אידי־שער צענזור, וואָס ער האָט געשאַפן, ברייננגט ער און זעצט דורך קונציק דעם געדאַנק, אַז מ׳דאַרף דערלויבן צו דרוקן קאַבאָלע-ספאָרים מיט די זעל־בע צענזור-פּרינציפּן (קאַבאָלע-ספאָרים וואָס טאַלמוד און פּאָסקים איז שוין געווען פאַרווערט צו דרוקן, ווייניקסטנס פון יאָר 1839 אָן). אַנקעגן דאַרף מען האָבן אַ „שטרייננגע” צענזור-האַשגאָכע אַף „וועלטלעכע” ספאָרים, ד. ה. אַף האַסקאָלע-ליטעראַטור****).

אין זיין גאַנצער צענזור-אַרבעט האָט פיאָדאָראָוו דעמדאָזיקן פּרינציפּ שטרייננג דורכגעזעצט. דערביי קונציק ספּעקולירט אַף „נאַטשאַלסטוועס” אַמאַ־ראַצעס, אף זייער קאָנסערוואַטיזם און מוירע פאַר יעדער פריידענקעריי, „ני־היליזם”. פיאָדאָראָוו האָט, אַשטייגער, פאַרווערט דעם „מורה נבוכים” פאַר

*) זע גרינבוים-פיאָדאָראָווס בריוו צו י. ב. לעווינזאָן אין „באר-יצחק”, ווארשע 1899, גאָט־לאָבערס בריוו צו פיאָדאָראָוון אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ” 1911. נומ. 3, ז. 408—403;

**) פיאָדאָראָוו,—שפּעטער צענזאָר אין וואַרשע, צענזורירט, אגעוו, סאָקאָלאָווס „הצפירה”. זע סאָקאָלאָווס זיכרוינעס וועגן דעם אין „ספר היובל”.

***) דער געדאַנק צו פארמאכן אידישע דרוקן, לאָזן בלויז דרוקן אין אַזוינע שטעט, וואו ס׳איז פאַראַן אַ צענזור, און איבערזען אַלע ביז איצט אַרויסגעגעבענע אידישע ספאָרים, — דאָס געהער צו לעווינזאָנס איניציאַטיוו, און ער האָט דאָס פאָרגעלייגט דער רעגירונג (1833). ס׳איז אויך זיין איניציאַטיוו פאַרווערן דרוקן קאַבאָלע-און כסידעס-ספאָרים. זע וועגן דעם א. געסען: „דער בייט פון געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען” אין „פּערעזשיטאָיע” 3, אויך צינבערגס אַרטיקל וועגן ריב״ל אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ” 1910, 6, ז. 511 און ווייטער. זע אויך לעווינזאָנס קאָרעספּאָנדענץ מיטן צענזאָר זייבערלינג וועגן „ריינינקן” סידורים, מאַכזיירים אוכעדוימע אין „באר-יצחק” (וואַרשע 1899).

****) אַקטן פונם קיעווער צענזור-קאָמיטעט נומ. 16, פאַרן יאָר 1852.

פריידענקעריי, כאָטש דער סייפער איז אין פעטערבורגער צענטראַלן צענזור-אינדעקס פאַר יולי 1844 י. געווען פאַרעכנט צווישן קאָשערע *). אַנקעגן האָט ער געשטיצט די פרומע שאַפּירעס זשיטאָמירער דרוק און איר פאַרלאַג-ארבעט, ניט געלאָזט אַף איר קיין שטויב פאַלן **), און אונטער זיינע פליגל איז אויסגעוואקסן אַ פּריווילעגירטע פעסטונג פון פרום-כסידישער פאַרלעגע-ריי, וואָס האָט קיין האַסקאָלע-ביכל אַף דער שוועל ניט ארופגעלאָזט. אַזוי, אַז האַסקאָלע-שרייבער אין אוקראינע, אין זשיטאָמיר גופע (גאָטלאָבער, צווייפל לערנער) האָבן געמוזט וואָגלען קיין ווילנע, וואַרשע צו דרוקן דאָרט זייערע ווערק ***).

פּיאָדאָראָוו, ווי ווייט ער האָט געהאַט אַ ווירקונג באַם גענעראַל-גובער-נאַטאָר, האָט ביכלאַל געשטיצט די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי באַ אידן. דאָס יאָר 1864—65, ווען ס'איז ווידער אַרוף די פראַגע וועגן די „קאַזיאָנע" אידי-שע שולן, — האָט פּיאָדאָראָוו אין דער ספּעציעלער אידישער קאָמיסיע וועגן די שולן, מיטן פאַרטרעטער פון דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר און פונם קוראַטאָר פונם לערן-ראַיאָן, געשטיצט די קאָנסערוואַטיווע פּארטיי (זע ווייטער).

אַז דאָס איז געטון געוועז ניט פון ליבשאַפט צו דער אידישער אָרטאָ-דאָקסיע, וואָס ער, דער מעשומעד, האָט זיך פון איר אָפּגעטרייסלט, אַז דאָ האָבן געשמעקט גאַנץ אַנדערע און גאָר פּראַקטישע מאָטיוון פון דעם מין, וואָס אידן רימען דערמיט אַ „גוטן גוי", — אין דעם איז באַ מיר קיין צווייפל ניטאָ, דאָס איז אַמבעסטן אַרויסצוזען פון די ציטעריק-פּאָטערלעכע באַציאונגען צו דער פרומער שאַפּירעס דרוק. די פרומע שאַפּירעס, און נאָך מער זייערע אַגענטן טאָשקער און רויטנבערג, ווי די אָרטאָדאָקסיע ביכלאַל, האָבן שטענ-דיק פאַרשטאַנען ווי צו לעבן בעשאָלעם מיטן מעשומעד און מיטן „גוי".

*) אַקטן פון קיעווער צענזור-קאָמיטעט נומ. 2, פאַרן יאָר 1854. פּיאָדאָראָווס ראַפּאָרט נ. 49 פונם 14 אַפּריל.

**) אַ העפט אַקטן פון קיעווער אַרכיוון, אָן אַ נומער, זעט אויס פונם אַרכיוו פון קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר, פּיאָדאָראָווס אַ ראַפּאָרט, בעערעך דאָס יאָר 1863. ער נעמט זיך שטאַרק אָן פאַר די זשיטאָמירער שאַפּירעס דרוק קעגן די, וואָס פאַלן אָן אַף איר רעאַקציאָנערער פאַרלאַג-אַר-בעט, פאַר דעם יאַקרעס, וואָס זי מאַכט אַף אידישע ספאָרים א. אַז. וו. דערעך אַגעוו מאַכט ער דאָרט אַ „דאָנאָס" (מסירע) אַף די נייע האַסקאָלע-כיבורים: זיי שמעקן מיט „ניהיליזם".

***) מ'דאַרף דערביי געדיינקען, אַז דאָס יאָר 1837 זיינען פאַרמאַכט געוואָרן, לויט אַ באַפעל, אַלע אידישע דרוקן אין רוסלאַנד (כוץ פוילן); פון 1847 ביז 1862 זיינען געבליבן ניט מער ווי צוויי אידישע דרוקן: די שאַפּירעס אין זשיטאָמיר און ראָמס אין ווילנע, ביידע קאָנצעסיאָנירט באַ דער רעגירונג.

אין איינעם פון די פריערדערמאָנטע גאָטלאָבערס בריוו צו פּיאָדאָראָוון (זעט אויס, פון יאָר 1852) פרעגט גאָטלאָבער: „עפשער איז שוין געקומען די צייט, איך זאָל קאָנען דרוקן אין זשי-טאָמיר, זאָל ניט דאַרפן וואָגלען קיין ווילנע און זיך אויסברייגגען?"

די מאַסקילים האָבן סאָפּקאָלסאָף אויסגעפירט, און שאַפּירעס דרוק האָט מען דאָס י. 1867 פאַרמאַכט. דאָס איז שוין געווען פאַר באַראַצס צייטן. אַ קלאָג אַף דער זשיטאָמירער דרוק זע, אַגעוו, „ראַזסוועט", 1860, נומ. 12.

איצט דאַרף אונז שוין קיין וואונדער ניט זיין, וואָס פּיאָדאָראָוו האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקן פאַר קאַמראַשס „רעוואָלוציאָנערע" דראַמע: דאָס האָט געהערט צו זיין גאַנצער סיסטעם שטיצן די אָרטאָדאָקסיע, מעמיילע קאָהאָלשע רעדלפירער אויך. אויב ס'איז ריכטיק מיין השערה, אַז דידאָזיקע דראַמע (אָדער אַן ענלעכע) איז געשפּילט געוועזן פריער אין באַרדיטשעוו, האָט דאָס מיסטאַמע ניט געשמעקט באַרדיטשעווער „סיפּאַקעס" און גאָטספאָרכטעדיקע נעשאָמעס, וואָס האָבן עקספּלואַטירט אַן איידע אפּן שענדלעכסטן אויפן. טאַקיפים האָבן אין באַרדיטשעוו ניט געפעלט (לאָמיר דאַ דערמאָנען אַזאַ טאַקעף אין יענער צייט, ווי דער פרומער באַנקיר יאַנקל-יאָסי האַלפּערין *). וואָס עס טוט זיך אין גענעראַל-גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע ספּעציעל וועגן אידן האָבן זיי אויסגעצייכנט געוואוסט, און זיי האָבן שוין מיסטאַמע געזען, אַז קאַמראַשס דראַמע זאָל די ברעטער ניט דערזען און דער גאַנצער „הולטאַיסקער" טעאַטער-אופּטו זאָל באַטל-אומעוואוטל ווערן. בײַ פּיאָדאָראָוון איז דאָס ניט שווער געוועזן צו פּויעלן, און דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט שוין מעמיילע צוגעבאַמקעט.

אַזוי האָט אַ מעשומעד, אַן אַגענט פון גאָטס סטראַפּטשעס, מיסטאַמע יאַדאַכאַס מיט דידאָזיקע לייט, אָפּגעהאַקט די פליגל אַן ערלעכן פּרוואוו פון אַ יונגן ענטוזיאַסט, אָפּגעפּליקט פון אָנהייב אָן דאָס ערשטע צווייגל פון אַ היינטוועלטיק אידיש טעאַטער.

II

ווער איז געוועזן וואָלף קאַמראַש, דער אופטוער פון דעם באַרדיטשעווער ספּעקטאַקל און דער דראַמאַטורג פון „קאָהאָל אין אַ שטעטל"?

לײַדער, האָבן מיר וועגן דעם ווייניק יעדיעס, אָבער אַביסל יעדיעס האָבן מיר דאָך.

דאָס יאָר 1856 איז אופגעשוואומען די פראַגע וועגן באַשטימען אַ „געלערנטן אידן" בײַם קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר. צווישן די קאַנדידאַטן, וואָס האָבן פּרעטענדירט אַף דערדאָזיקער שטעל „פאַר דעם וואויל פון דעם פאָטערלאַנד", ווי ער שרייבט, איז געוועזן אונזער באַקאַנטער וואָלף קאַמראַש אויך. דעם 25 אָקטיאַבר 1856 האָט ער דערלאַנגט וועגן דעם אַ ביט-בריוו דעם קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר. דערבײַ דערציילט ער וועגן זיך: ער איז אַ זון פון אַ שטאָטישן באַלעבאָס („מעשטשאַנין") פון באַרדיטשעוו, ער איז אַלט 34 יאָר, אין דער ראַבינער-שול איז ער אָנגעקומען דעם 17 נאָיאַבר 1847 (דאָס יאָר, ווען די שול האָט זיך געעפנט.—נ. ש.), געענדיקט דעם 12 סענ-

*) גאָטלאָבער ראָט פּיאָדאָראָוון אין אַ בריוו (ניקער, פון יאָר 1852), ער זאָל זיך היטן פאַר דעם „מסכת זהב ואליל הכסף בב"ד" (באַרדיטשעוו). זע „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ" 1911, 3. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז פּיאָדאָראָוו וועט זיך גיכער צונויפריידן מיט דעם „גאָלדענעם קאַלב", איידער מיט די מאַסקילים.

טיאבר 1856. 8 יאָר האָט ער געקראָגן אַ מעלוכישע סטיפּענדיע (ד. ה. פון די סומעס פון דעם ליכט-אָפּצאָל.—ג. ש. *).

דערפון איז צו זען, אַז מיר האָבן דאָס פאר זיך איינעם פון דעם אָרעמען שטאַנד (אַגעוו, בלויז אָרעמע האָבן ביכלאל געקאָנט באַ זיך פּויעלן לערנען אין דער טרייפער ראַבינער-שול), וואָס האָט געלערנט אַף „קאַזיאָנע" כעשבן. אין 1854 י., ווען ער האָט געשפּילט טעאַטער אין באַרדיטשעוו און אָנגעשריבן אַ דראַמע, איז ער אַלט געווען באַ 32 יאָר.

פון זיין הישטאַדלעס אָנצוקומען אַף דער שטעל פון אַ „געלערנטן אידן" איז גאָרניט געוואָרן, אזוי ווי פון די הישטאַדלעסן פון אַלע אַנדערע קאַנדידאַטן. קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט דאַפקע געוואָלט דורכזעצן פאַר אַ „געלערנטן אידן" דעם צענזאָר, דעם מעשומעד פּיאָדראָוון: קיין אידן געטרויט ער ניט די שטעל. דאָס אינערן-מיניסטעריום (דעפּאַרטאַמענט פאַר גייסטיקע איניאָנים) האָט אָבער אָנגעוויזן דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר, אַז לויט דעם געזעץ (פון יאָר 1850) מוז אַ „געלערנטער איד" דאַפקע זיין אַ איד, איז באַם גענעראַל-גובערנאַטאָר געבליבן, אַז איידער אַ איד. איז שוין בעסער קיינער ניט.

וואָלף קאַמראַשן, ווי אַלע זיינע כאַווײרים, איז דעמאָלט געבליבן איינס פון דיביידע: ענטפער ווערן אַ ראַבינער, אָדער אַ לערער אין אַ קרוינישער אידישער שול, אַניט האָבן זיי געמוזט אָפּקומען רעקרוטשינע... דאָס ראַבינעריי איז דעמאָלט געווען באַם יונגן דאָר, און גראַד באַ די בעסטע, זייער פאַרהאַסט: די וואַלן אַלע 3 יאָר און קאָהאָלשע טקיפעס האָבן געמאכט דעם ראַבינער פאר אַ ניכנע באַ קאָהאָל. בעכיין איז ער געוואָרן אַ לערער. פון אַן אַנדער דאָקומענט (זע ווייטער) ווייסן מיר, אַז דאָס יאָר 1864 איז ער געווען לערער אין אַ קרוינישער אידישער שול אין בעלאַצערקאָוו (געוועזענע קיעווער גובערניע). אַ יאָר שפּעטער טרעפן מיר אים פאר אַ פּאַרוואַלטער פון דער העכערער קרוינישער אידישער שול (1-טער גראַד) אין לעטיטשעוו (אין דער געוועז. פּאָדאָלער גוב.), פון יענער צייט איז באַקאַנט זיינער זייער אַ אינטערעסאַנטער מעמאָראַנדום וועגן קרוינישע („קאַזיאָנע") אידישע שולן, ראַבינער-שולן, וועגן אידישער בילדונג ביכלאל **).

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער געלעגנהייט פאַר דעמדאָזיקן מעמאָראַנדום. אַז באַ אידן יענע צייטן, דערהויפּט באַ דער אָרטאָדאָקסיע, זיינען די קרוינישע אידישע שולן און די ראַבינער-שולן (אין זשיטאָמיר און אין ווילנע) געווען פאַראַכט און פאַרהאַסט,—דאָס איז גוט באַקאַנט („שקאָלעס ניע זשעלאַיעם!") מ'האָט זיך קעגן זיי געראַנגלט ווי ווייט מ'האָט געקאָנט. איינע פון די שטרייט-

*) אַקטן נומ. 189 (פונם צווייטן טיש) פונם קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר פאַר די יאָרן 1856—1860.

**) די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס איך ברייננ דאָ ווייטער, זיינען גענומען פון די „אַקטן נומ. 287 פון דעם קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר פון דעם געהיימען אָפּטייל. פאַר די יאָרן 1864—1867"

מיטלען איז געווען באַיקאָט: מ׳האָט ניט געשיקט די קינדער אין די שולן. לעפּאָנים האָט מען אין אַ שטאָט פאַרשריבן אַ פּאָר צענדליק קינדער, אָבער זיי האָבן די שול זעלטן ווען אָנגעקוקט, סיידן די אָרעמסטע, יעסוימים, וואָס האָבן געשפּילט די ראָלע פון אַ מין סאָיר-לאַזאָזל פאַר דער גאנצער פרומער קעהילע, און דערפאַר האָבן זיי געקראָגן אַ פּאָר שיך, אַביסל קליידונג. סאָף די 50-ער און אָנהייב די 60-ער יאָרן (נאָך ניקאָלאַי דעם 1-טנס טויט), ווען דער ברען פאַר די קרוינישע אידישע שולן איז אין די רעגירונג-ספערן אָפּגעקילט געוואָרן, האָט זיך די אָרטאָדאָקסיע דערפילט שטאַרקער און זי האָט פירגענומען אַן ענערגישע אַטאַקע קעגן די שולן. געטון האָט זי דאָס זייער קונציק; דער מאָטיוו קעגן די קרוינישע אידישע שולן איז איצט געווען ניט דער פרומפאַנאַטישער, נאָר, פאַרקערט, דער עכט-ליבעראלער: ספּעציעלע אידישע שולן טיילן אונז אָפּ פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. מיר ווילן זיך ניט אָפּזונדערן. די רעגירונג האָט אונז געגעבן גנאָד צו שיקן אונזערע קינדער אין די אלגעמיינע שולן, איז דאָס פאר אונז גוט און וואויל, און פאר דער רעגירונג אַוואַדע, און מיר דארפן ניט קיין ספּעציעלע אידישע שולן *). אין דעם זין האָבן גאַנצע אידישע קעהילעס פארשיט יענע יאָרן מיט „פּראָשעניעס” אַלע בילדונג-קאַנצעלאריעס.

דידאָזיקע טאַינע האָט שטאַרק אויסגענומען אין די העכערע רעגירונג-קרייזן, ביפראַט, אַז אין די אידישע שולן האָט מען זיך געפילט אָפּגענאַרט: באַ 20 יאָר עקזיסטענץ האָבן זיי געהאַט זייער ווייניק קינדער (פון בערעך 30 טויזנט אידישע קינדער, — אינגלעך, אין קיעווער לערן-ראַיאָן זיינען געווען פאַרשריבן אין די קרוינישע אידישע שולן סאַכאַקל 850 אינגלעך). מעמיילע האָט דאָס לערנען געקאָסט זייער טייער, און די בילדונג-רעזולטאַטן און די ווירקונג אף דער אידישער סוויווע זיינען געווען נישטיק. אין דער רעגירונג האָט זיך גענומען פּיקן פּראָעקטן גאָר צו פאַרמאכן די קרוינישע אידישע שולן אָדער ווייניקסטנס—זיי גרינטלעך רעפאָרמירן. מ׳האָט אָנגעפרעגט וועגן דעם באַ די גענעראַל-גובערנאַטאָרס אין אידישן „טכום”. אַזוי אָרום איז די פראַגע געוואָרן אַקטועל באם קיעווער גענעראל-גובערנאַטאָר אויך. דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט פארעפנטלעכט וועגן די שולן און וועגן די פראַגן פון אידישער בילדונג ביכלאַל די געוויסע אַנקעטע אין „קיעוולאַנין” (נומ. 58 פונם יאָר 1864). צווישן די, וואָס האָבן זיך אַף דער אַנקעטע אָנגערופן מיט מעמאָראַנדומס צו דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר אָדער מיט אַרטיקלען אין „קיעוולאַ-

---

*) צייטן האָבן זיך געביטן, אָבער מיר הערן איצט קימאַט דיזעלבע רייד פון אייניקלעך פון יענע רעדלפירער, וואָס ווילן ניט שיקן זייערע קינדער אין די „יעווסעקישע” שולן. מ׳מוז אָבער זאָגן, אַז אין איין פראַט האָבן די זיידעס געהאַט כאָטש אַ גערעכטן מאָטיוו: די קרוינישע אידישע שולן האָבן זיך אויסגעהאלטן פון אַ ספּעציעלן אידישן שטייער, פון דעם „ליכט-אָפּצאָל”. דער שטייער האָט שווער געטראָפן גראָד די אָרעמע אידישע מאַסע; בעכיין האָט מען צוזאַמען מיט די שולן געוואָלט פּאָטער ווערן פון דעם דריקנדיקן שטייער.

נין", זיינען געווען אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן: שאָלעם-יאַקאָוו אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מויכער-ספאָרים. דעמאָלט אין באַרדיטשעוו) *), אַווראָם אורי קאָוונער **), כ. ז. סלאָנימסקי (דעמאָלט אינספּעקטאָר פון דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול) ***). רוואוון קולישער און אַנדערע, אויך פּיאָדאָראָוו ****). שפּעטער (1865) איז די פּראַגע מיט דעם גאַנצן מאַטעריאַל באַהאַנדלט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער קאָמיסיע באַם גענעראַל-גובערנאַטאָר. צווישן די ענטפּערגעבער איז געווען אונזער וואָלף ק א מ ר א ש אויך.

עטלעכע ווערטער וועגן פּיאָדאָראָוון און זיין פּאָזיציע אין דער פּראַגע. פּיאָדאָראָוו האָט דערלאַנגט אַ מעמאָראַנדום, ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער פּריער-דערמאָנטער קאָמיסיע באַם גענעראַל-גובערנאַטאָר. דאָ איז שוין דערמאָנט געווען, אַז ער האָט געשטיצט די אָרטאָדאָקסישע פּאַרטיי אין דער פּראַגע. געטון האָט ער דאָס זייער קונציק. ער הייבט אָן דערמיט, וואָס איך האָב שוין דאָ פּריער דערמאַנט, אַז פאַר 20 יאָר עקזיסטענץ האָבן די קרוינישע אידישע שולן געבראַכט נישטיקע רעזולטאַטן: פון 30 טויזנט אידישע אינגלעך אין שול-עלטער אין קיעווער לערן-ראַיאָן זיינען פאַרשריבן אין די שולן בלויז 850. דערפון דאַרף מען אַ העלפט אַראָפּוואַרפן: ס'איז בלויז פאַרשריבענע, אין די שולן גייען זיי ניט. מיט די שולן זיינען ניט צופרידן ניט די אָרטאָדאָקסן, ניט די פּראָגרעסיסטן: פאַר די ערשטע איז דאָ צו ווייניק אידישקייט, און שלעכטע אידישקייט, פאַר די לעצטע—צו פיל. אָבער דידאָזיקע שולן קאָסטן זייער טייער: דורכשניטלעך קאָסט אַ קינד, וואָס ענדיקט אַזאַ שול (און לערנט זיך זייער ווייניק אויס), איבער 1600 רובל.

די שולן קאָנען ניט צופרידנשטעלן די רעגירונג אויך. די לעצטע געשעענישן אין געגנט (געמיינט: דער פּוילישער אופשטאַנד דאָס יאָר 1863.—נ. ש.) האָבן געוויזן, מיט וואָסערע קונצן די פּאָליאַקן האָבן מיט אַלע מיטלען געוואָלט איבערציען די אידן אַף זייער זייט. די רעגירונג איז פאַרינטערעסירט צו פאַרשטאַרקן אין געגנט די רוסישע ווירקונג; אַגעוו, צווישן אידן אויך. דאָס איז מעגלעך בלויז אין דעם פאַל, אויב דער יונגער אידישער דאָר וועט אין זיך איינזאַפּן דעם רוסישן גייסט און די רוסישע שפּראַך וועט ווערן זיין שפּראַך. בעכיין וואָלט געווען דאָס בעסטע, אַז די אידישע קינדער זאָלן

---

*) געווען געדרוקט דערנאָך מיט צוגאָבן אין אַ בראָשור „עין משפּט" (זשיטאָמיר 1867).

**) דער גרעסטער טייל פון זיין מעמאָראַנדום, דערהויפּט וועגן דעם צושטאַנד און דער ראָלע פון דער העברייאישער ליטעראַטור, איז געווען געדרוקט דערנאָך (צוזאַמען מיט אַנדערע אַרטיקלען) אין דער בראָשור „חקר דבר" (וואַרשע 1866). איין טייל אָבער, וואו ער פאַלט שטאַרק אָן אַפן טאַלמוד און לייגט פאָר פאַרווערן לערנען טאַלמוד מיט יוגנט ביז דעם עלטער פון 18 יאָר, — דאָס איז ניט געדרוקט געווען.

***) געדרוקט אין „קיעוולאַנין" נומ. 55 דאָס יאָר 1865.

****) אין די אַקטן איז פאַראַן זיין מעמאָראַנדום, ער האָט אויך געדרוקט אַן אַרטיקל אין „קיעוולאַנין" נומ. 44, 45 פאַרן יאָר 1865. איך האָב ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרגלייכן, צי איז דאָס דאָסזעלבע.

גיין אין קריסטלעכע אַלגעמיינע שולן. אַגעוו, איז שוין געווען באַם אינערן-מיניסטער א געדאַנק (אין יאָר 1863) גאָר אינגאנצן צו פאַרמאכן די קרוינישע אידישע שולן.

אָבער דאָ גיט ער זיך באלד א וואָרף צוריק. ער פילט, אז דאָס איז דערווייל פאר „נאַטשאַלסטווע" צו פיל. גאָר אינגאַנצן פאַרמאכן די קרוינישע אידישע שולן קאָן מען ניט: אַלגעמיינע אָנהייב-שולן זיינען דערווייל פאַראַן וויניק, און די זיינען געבויט אף דעם קריסטלעכן גייסט. בעכיין דארף מען די אידישע שולן גרינטלעך רעפאָרמירן: מ'דאַרף ארויסוואַרפן פון זייער פראָגראַם אלע אידישע לימודים, זיי זאָלן ווערן ריין-רוסישע שולן פאר אידישע קינדער (פאַר די אָרטאָדאָקסן וואָלט דאָס שוין אויך געווען אַ שטיק געווינס! — ב. ש.).

אָפּענער רעדט ער שוין וועגן די ראַבינער-שולן. דידאָזיקע שולן דאַרפן איינפלאַנצן אַ ניי רעליגיעז אידיש וויסן צווישן אידן. אָבער אַ פּראַוואָסלאַווע רעגירונג קאָן זיך ניט פאַרנעמען מיט פאַרזאָרגן אידן מיט עפּעס אַ „געלייטערט" אידישקייט און דערמיט געבן דעם מין אידישקייט דעם אַוטאָריטעט און די סאַנקציע, וואָס ס'קומט דעם ניט. די רעגירונג קאָן זיין אין בעסטן פאַל טאָלעראַנט צו דער אידישער רעליגיע, אָבער שטיצן זי קאָן די רעגירונג ניט. די יונגע ראַבינער, וואָס מע דערציט זיי אין דער ראַבינער-שול אונטער דער השגאָכע פון פּראַוואָסלאַווע אופזעער, האָבן קיין אַוטאָריטעט ניט באַ אידן. זיי ווילן גאָרניט זיין קיין ראַבינער אויך. זיי צעלויפן זיך אין די אוניווערסיטעטן. בעכיין דארף מען די ראַבינער-שולן גאָר פאַרמאַכן.

נאָך א פאָר ווערטער וועגן א ספּעציעלער פראַגע: וועגן אידישע פראָפעסיאָנעלע שולן. אזוינע ספּעציעלע שולן האַלט פּיאָדאָראָוו דירעקט פאַר שעדלעך. אידן האָבן שוין אַזוי אויך אַן איבערגעוויכט קעגן קריסטן אין האַנדל, אין אינדוסטריע, האָבן אין די הענט דעם גאַנצן קאַפּיטאל. די רעגירונג וויל פאַרשטאַרקן דעם רוסישן עלעמענט אין געגנט. אָבער ווי אַזוי וועט אַ רוס קאָנען קאָנקורירן מיט א אידישן באַלמעלאָכע, וואָס האָט געקראָגן טעכנישע אויספּילדונג, בעת דער רוס קאָן שוין איצט ניט אויסהאלטן? בעכיין דארף מען ניט אַזוינע שולן ספּעציעל פאַר אידן *).

*) מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז פּיאָדאָראָוו האנדלט דאָ פון אַנטיסעמיטישע מאָטיוון. איך בין אָבער זיכער, אז ס'איז ניט אזוי. דער בעסטער באווייז איז, וואָס בעת אין דערזעלבער קאָמיסיע פאר די שולן האָט מען באַהאַנדלט די פראגע וועגן פאַרברייטערן די אידישע רעכט (לעשעם אַסימילאַציע), ווייניקסטנס פאַר די, וואָס האָבן געענדיקט אלגעמיינע אָדער קרוינישע אידישע שולן (וואוינרעכט אין גאַנץ רוסלאַנד אוכעדוימע), איז פּיאָדאָראָוו געווען אָפּן פ אַ ר. צוויי מאָל האָט ער גענומען דאָס וואָרט און האָט געטאַינעט, אז מ'קאָן נישט פאָדערן פון אידן זיך דערנעענטערן צו דער רוסישער באַפעלקערונג און אין דערזעלבער צייט זיי האַלטן אונטער דעם יאָך פון אויסנאַם-געזעצן. די, וואָס האָבן געענדיקט שולן, דאַרף מען מאַכן פאַר „גלייכבארעכטיקטע בירגער" (מ'דארף דערביי אינזינען האָבן, אַז הישטאַדלעס פאַר „געבילדעטע" האָט יענע צייט אָנגעהויבן די אידישע בורזשואַזיע מיט דעם פּעטערבורגער י ו ז ל ג י נ ז ב ו ר ג בעראָש). וועגן דעם האָט ער דערלאנגט

מיר גייען איבער צו וואָלף קאַמראשס מעמאָראַנדום.

ער דעקט אוף קוידעמקאָל דעם שווינדל, וואָס שטעקט אין דער נייער אָרטאָדקסישער אַטאַקע קעגן די קרוינישע אידישע שולן. אויב די אָרטאָדאָקסן האָבן מיטאַמאָל געקראָגן אזא מאָדנעם כיישעק צו אַלגעמיינע שולן, איז דאָס ניט מער ווי אַ שפיצל: אין ספעציעלע אידישע שולן זעט מען באַלד ווי ווייניק אידישע קינדער דאָרט זיינען פאַראן, און די רעגירונג און די שול־אַדמיניסטראַציע זעט מיט גוטן און מיט בייזן צו פאַרמערן די צאָל קינדער אין די שולן. אין די אלגעמיינע שולן וועט זיך דערוף קיינער ניט אומקוקן און די אָרטאָדאָקסיע קריגט פרייע הענט. די אטאַקע קעגן אידישע שולן איז אומדירעקט געווענדט קעגן די ראַבינער־שולן אויך. אויב מ׳וועט פאַרמאַכן די אידישע אָנהייב־שולן, איז וועט מען ניט דאַרפן האָבן קיין אידישע לערער. פאַר די שילער פון די ראבינער־שולן בלייבט דעמאָלט איין קאַריער: ווערן ראַבינער. אָבער גראָד די ראַבינערײַ איז זייער פאַרהאַסט באַ די שילער, ווייל דער ראַבינער מוז זיין אַ ניכנע באַ קאָהאָל און באַ די שרייערס. בעכיין וועט פאַלן דער אינטערעס בא דער יוגנט פאַר ראַבינער־שולן, און זיי וועלן מעמיילע אומפאַלן.

שוין 40 יאָר האָבן די אידן רעכט צו שיקן זייערע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן. פאַרוואָס האָבן זיי דאָס ניט געטון (כוץ זעלטענע אויסנאַמען) ביז איצט?

אויב אידן ווילן ניט לערנען זייערע קינדער אין די קרוינישע אידישע שולן, וואו מ׳לערנט אַזויפיל אידישקייט. וואו מ׳האָט זיי ביכלאַל אַסאך נאָכגעגעבן אין רעליגיעזן פראַט (היטן שאַבעס אוכעדוימע), איז וועלן זיי אַוואדע ניט שיקן זייערע קינדער אין אַלגעמיינע, קריסטלעכע שולן, וואו זיי האָבן שוין ניט אַזוינע פריווילעגיעס.

אויב די לעצטע יאָרן לאָזט זיך מערקן אין די גימנאַזיעס אידישע קינדער מער ווי פריער, איז דאָס ענטפער יעסוימים, וואָס זיינען אויסן צו קריגן סטיפענדיעס, אָדער קינדער פון באַלמעלאָכעס, וואָס זיי זיינען טאָלעראנטער

אַ מעמאָראַנדום דעם קיעווער גענעראל־גובערנאטאָר (דאס יאר 1863). דערדאָזיקער מעמאָראַנדום האָט, ניקער, פיגורירט צווישן אנדערע דאָקומענטן אין די מאַטעריאַלן פון דער פריערדערמאָנטער קאָמיסיע באם גענעראל־גובערנאַטאר.

די פראָפעסיאָנעלע שולן זיינען בא פיאָדאָראָוון געווען אַ טייל פון דער פראַגע וועגן ספעציעלע אידישע שולן ביכלאַל. פראָפעסיאָנעלע שולן זיינען דעמאָלט געווען בילדונגס־אַנשטאלטן אויך, און די אָרטאָדאָקסיע האָט זיך פאַרהאַלטן צו זיי ניט בעסער, ווי צו קרוינישע אידישע אָנהייב־שולן. פיאָדאָראָוו האָט אין דעם פראַט, מיט אַנטיסעמיסטישע מאָטיוון, געשטיצט די אידישע אָרטאָדאָקסיע און אַגעוו געמאַכט קאַריערע.

זאָל דאָ, אַגעוו, דערמאָנט ווערן, אַז פיאָדאָראָוו האָט דידאָזיקע מיינונג זיינע (וועגן אידישע פראָפעסיאָנעלע שולן) דורכגעזעצט, און אין דעם גייסט האָט דער קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר געענטפערט דעם בילדונגס־מיניסטער (דעם 21 אָקטאַבער, נומ. 6085).

צו בילדונג איידער באַלעבאַטים, אָדער [פּראָגרעסיסטן, וואָס זיינען נאָך דער־
צו גענוג שטאַרק, זיי זאָלן ניט מורירע האָבן פאַר די פאַנאַטיקער.

וואָלף קאמראש ברייגגט דערביי אַ אינטערעסאנטע אילוסטראַציע, וואָס
באַווייזט זיין ערנסטן אינטערעס פאַר דער זאַך און זיין צוזען־פייאיקייט.
דאָס יאָר 1864, בעאַיס ער איז געווען לערער אין בעלאָצערקאָוו, האָט ער
אויסגעפאָרשט די לאַגע דאָרט מיט אידישע קינדער אין דער גימנאַזיע. דער־
ביי האָט זיך ארויסגעשטעלט אזוי: דאָס יאָר 1862 איז סאַכאַקל געווען אין
דער גימנאַזיע 13 אידישע קינדער (פריערדיקע יאָרן — נאָך ווייניקער), אין אַ
יאָר אַרום האָט זיך די צאָל מער ווי פאַרדאָפּלט (28 קינדער), דאָס יאָר 1864
איז שוין געווען 37 אידישע קינדער. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס פון דעם
יאָר 1863 אָן האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן סטיפּענדיעס פאַר אידישע
קינדער אין די גימנאַזיעס (פון די סומעס פון דעם „ליכט־אָפּצאָל" — נ. ש.).
פון די 37 קינדער האָבן 17 געקראָגן סטיפּענדיעס, אָבער בעטן — בעטן דאָס
אַלע. צווישן די 37 קינדער זיינען געווען 23 פרעמדע און 24 אָרטיקע. דאָס
הייסט, אז אַף אָן אָרט שעמט זיך נאָך אַ איד אָפּצוגעבן זיין קינד אין דער גימ־
נאַזיע. ווידער איז פון די 37 קינדער געווען 21, וואָס זיינען פריער געגאַנגען
אין קרוינישע אידישע שולן, ד. ה., אַז דידאַזיקע שולן ווערן א מין צוגרייט־
שולן פאַר גימנאַזיעס. פון די עלטערן האָבן 12 געהערט צום סאָכרים־שטאַנד,
24 צו „מעשטשאַנעס" (אַהין גייען אריין באַלמעלאָכעס אויך.—נ. ש.), ד. ה.,
אַז די אָרעמסטע קלאַסן שיקן גערנער זייערע קינדער אין גימנאַזיע, איידער
דער רייכער סאָכרים־קלאַס. דערפון קומט ער צו אזוינע אויספירן:

1) אין די אַלגעמיינע שולן שיקט א טייל אידן זייערע קינדער, דערהויפּט
צוליב דער סטיפּענדיע.

2) דער איינציקער וועג צו קריגן בילדונג פאַר דער גרויסער אידישער
מאַסע באַ דער איצטיקער לאַגע איז נאָר די קרוינישע אידישע שול.

3) דידאָזיקע שולן דאַרף מען רעפאָרמירן אין צוויי פּראַטים.

א) מ׳דאַרף פאַרקלענערן די צו גרויסע אומנוצלעכע פּראָגראַם פון אידישע
לימודים, לאָזן בלויז דעם רעליגיעזן קאַטעכיזיס און א קורצן קורס אידישע
געשיכטע. אף דעם כעשבן זאָל מען פאַרמערן די אלגעמיינע לימודים.

ב) מ׳דאַרף איינפירן אין די שולן קורסן פאר מעלאָכע און ערדאַרבעט.

4) קעדיי צו ברעכן דעם ווידערשטאנד פון די פאנאטיקער, וואָס האַלטן
אין דער מורירע די גאַנצע מאַסע, דארף מען מאַכן דאָס שול־באַזוכן פאַר אַ
מוז, אַזוי ווי דאָס ווערט פּראַקטיקירט אין עסטרייך: ווער ס׳ענדיקט ניט קיין
שול, קאָן ניט קריגן קיין סאָכרים־דאָקומענטן, קאָן ניט קריגן קיין דערלויב
כאַסענע צו האָבן, סיידן ער זאָל אויסהאַלטן אַ ספּעציעלן עקזאַמען אין רו־
סיש און אַריפמעטיק א. א. וו.

קאמראש גיט נאָך אָן אָנצוהערעניש וועגן בירגערלעכער גלייכבארעכטי־
קונג: מ׳דאַרף שטעלן אידן פאַר זיך אזא דילעמע: ענטפער געאיינגט זיין

אין רעכט, אָדער פאַרקערט: רעכט און פּריווילעגיעס. „פּאָדערן פון אידן, זיי זאָלן זיך בילדן סטאַם פון בילדונג ווענן, איז ניט מעגלעך, אויב פאַר דעם אידן זיינען פאַרמאכט אלע וועגן, וואָס בילדונג עפנט פאַר א מענטשן".

לעסאָף גיט נאָך קאמראש א גענויע פּראָגראַם פאר די קרוינישע אידישע שולן, ווייזט אָן ווי צו פאַרווירקלעכן דעם קאָנטראָל אַף די שולן, אַז די אידישע געזעלשאַפט זאָל זיך אין דעם באַטייליקן.

דאָס איז אין קורצן דער אינהאַלט פון קאמראשס מעמאָראנדום.

מ'דאַרף זאָגן אָפן: קיין נייס האָט ער דאָ ניט אופגעטון, ער האָט פאָרמולירט דעם קוק, וואָס האָט בכלל געגאָלטן יענע יאָרן בא דער אידישער אינטעליגענץ אַף די פּראגעס פון דעם אידישן לעבן, אַף די שטרייטנדיקע פאַרטייען, ספּעציעל אַף דער פראַגע וועגן די צוועקן און וועגן פון אידישער בילדונג. אָבער ער האָט דאָס געטון מיט טאַלאַנט, מיט זאַכקענטעניש, מיט ליבשאַפט פאַר דער זאַך און האָט דערביי ארויסגעוויזן אַ היפּשע צוזע-פייאיקייט און פּראַקטישן פאַרשטאַנד. אין דעם פּראַט קאָן ער אַוועקגעשטעלט ווערן פּאַראַלעל מיט די פירנדיקע פערזענלעכקייטן צווישן דער אידישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ פון זיין צייט מיט אלע זייערע מאילעס און כעסרוינעס. קיין ווייטערדיקע ידיעס וועגן קאמראשן האָב איך ניט. מ'קאָן זיך פאָרשטעלן, אז אלס פּראַקטישער לערער, דערצו נאָך איבער נויט אונטערטעניק פאַר „גאַטשאַלסטוואָ", האָט ער זיך ניט געקאָנט באַטייליקן אָפן און פריי אין דער פּובליציסטיק, איז ער געבליבן אומבאַקאנט. אָבער ער האָט פאַרמאָגט א קלאָרן קוק און ליטעראַרישן טאַלאַנט (דאָס איז צו זען פון זיין מעמאָראַנדום *), און ער האָט דאָס ערלעך געמיינט מיט אופקלער-ארבעט. אומדירעקט ווארפט דאָס אַ שיין אויך אַף זיין טעאַטר-פּרווו דאס יאָר 1854 און אַף זיין דראַמע „קאָהאָל אין שטעטל", וואס איז, לײדער, פאַר אונז פאַרפאַלן געגאַנגען. ער האט פאַרדינט, ער זאל דערמאַנט ווערן.

נאָכוואָרט.

נאָכדעם, ווי מיין אַרבעט „וואָלף קאַמראַש און דער ערשטער אידישער ספּעקטאַקל אין רוסלאַנד" איז שוין לאַנג געווען פאַרטיק (דאָס ערשטע קאַפּיטל איז געשריבן געווען בעערעך אין י. 1923), איז מיר געקומען צו דער האַנט ב. גאָרינס בוך: „געשיכטע פון אידישן טעאַטר" (צווייטע אופלאַגע, ניו-יאָרק 1923). דאָרט אין ערשטן באנד, ז. 137—143 האָב איך געפונען דערציילט וועגן א ספּעקטאַקל, וואָס די שילער פון זשיטאָמירער ראַבינער-שול

*) אַגעוו, דאָס איז ניט זיין איינציקער מעמאָראנדום. אין דעם באַגלייט-בריוו דערמאָנט ער וועגן א פריערדיקן מעמאָראַנדום צום גענעראַל-גובערנאַטאָר פונם יאָר 1864 וועגן דער ראָלע פון די כסידישע ראַבעאים און וועגן דיזעלבע בילדונג-פּראַגעס.

האָבן געשטעלט אין באַרדיטשעוו אין דער פּרייצייט דאָס יאָר פון קרימער קריג, און דאָס שטימט אינגאַנצן מיט דעם, וואָס איז דערציילט בא מיר וועגן דעמדאָזיקן ספּעקטאַקל. איך וואָלט זיך אָף גאָרינען לאַכלוטן ניט פאַרלאָזט, ווען איך זאָל ניט האָבן אויסגעפונען די קוועל, פונוואַנען ער האָט דאָס גענומען (גאָרין גופא ווייזט די קוועל געוויינטלעך ניט אָן). דאָס, וואָס גאָרין דערציילט, איז גענומען קימאַט וואָרט באַ וואָרט פון דעם געוויסן מענאַשע מאַרגוליסעס (פון אָדעס) אַן אַרטיקל „Из моих воспоминаний“ אין דעם זשורנאַל „וואָסכאָד“, מאַי—יוני 1896, ז. 180—175. בעקיצער דערציילט ער דאָרט אַזוי:

צוויי שילער (ניט אָנגערופן בא די נעמען), וואָס זיינען שוין פון לאַנג אָן באַקאַנט געווען פאַר פאַרברענטע טעאַטראַלן, האָבן דאָס יאָר פון קרימער קריג אין דער פּרייצייט געשטעלט אין באַרדיטשעוו אין שטאָטטעאַטער א ספּעקטאַקל אָף אידיש פונם לעבן פון אידישן קאָהאָל. די פּיעסע איז ניט געווען צענזורירט, זיי האָבן דאָך געקראָגן אַן ערלויבעניש באַם „גאָראָדניטשי“, ווייל די האַכנאָסע האָבן זיי פּאָרויס אָפּגעגעבן פאַר די פּאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, און די העכערע אָפיצערן פון באַרדיטשעווער גאַרניזאָן האָבן דעריבער פּראָטעזשירט דעם אופּטו. אָף דעם ספּעקטאַקל זיינען בייגעווען אָפיצערן און אידן. בא די ערשטע האָט די פאָרשטעלונג שטאַרק אויסגענומען, כאָטש זיי האָבן די שפּראַך ניט פאַרשטאַנען: די יונגע אַקטיאָרן האָבן געגעבן אָף דער סצענע אָרטיקע באַקאַנטע טיפּן פון אידישע קאָהאָלפּירער. אַנקעגן האָט די מאַיסע שטאַרק פאַרדראָסן די „אידן“, וואָס האָבן זיך דאָ דערזען בלויזגעשטעלט און באַליידיקט. דער געוויסער טאַקעף האַלפּערין האָט זיך אַריינגעמישט ניט צו דערלאָזן די ווייטערדיקע אופירונגען פון דער פּיעסע; ס'איז אים אָבער ניט געראָטן: דער אַנדערער צאַד (די אָפיצערן) האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאַר שטאַרקער, און די פּיעסע האָט מען געשפּילט עטלעכע מאָל. דיזעלבע שילער האָבן דערנאָך אופגעפירט נאָך אַן אוקראַיִנישע און א רוסישע פּיעסע. שפּעטער איז אין דער ראַבינער-שול אָנגעקומען אַן „אַלהעכסטער“ דאַנק די טעאַטראַלן פאַר זייערע ספּעקטאַקלען לעטויוועס די פאַרוואונדעטע.

מענאַשע מאַרגוליס איז יענע צייט געווען א שילער אין דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול; מיר האָבן דאָ, הייסט דאָס, א לעבעדיקן איידעס. אַלע פּראָטים ווייזן אָן אַ שום סאָפעק, אַז ער דערציילט וועגן דעמזעלבן ספּעקטאַקל, וואָס איז דערמאנט בא מיר (דעם 9 אָקטיאַבר 1854). זיין דערציילונג באַשטעטיקט אַלע דריי האַשאָרעס מיינע: 1) אַז דער ספּעקטאַקל אין באַרדיטשעוו דעם 9 אָקטיאַבר 1854 איז געווען אָף אידיש, 2) אַז דאָס איז געשטעלט געווען דיזעלבע פּיעסע, „קאָהאָל אין א שטעטל“, וואָס וואָלף קאַמראַש און זיינע כאַווײרים האָבן געוואָלט שטעלן אין זשיטאָמיר, 3) אַז דאָס, וואָס דער צענזאָר פּיאָדאָראָוו האט פאַרווערט די פּיעסע, האָבן

מיר צו פאַרדאַנקען די אינטריגעס פון קאָהאָל, מיט דעם טאַקעף האַלפּערין אויבנאָן.

ניט קלאָר איז, וואָס אין זייער מעמאָראַנדום צום דירעקטאָר דערציילן די שילער, אַז זיי האָבן געשפּילט סאַכאַקל איין מאָל, דעם 9 אָקטיאַבר, בעאייס לויט מאַרגוליסעס רייד קומט אויס, אז זיי האָבן אַפילע געשטעלט א רוסישע און אוקראַינישע פּיעסע אויך. האָט מאַרגוליסן, אין 42 יאָר אַרום, ניט פאַר-ראטן דער זיקאָרן אין דעם פּראַט? ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אז אין א קורצער צייט, די פרייע סוקעס-צייט, זאָלן זיי אזויפיל באוויזן צו שפּילן!

אין מאַרגוליסעס דערציילונג ווערט, אַגעוו, באַשטעטיקט נאָך איין האַ-שאָרע מײַנע וועגן דעם דערמאָנטן באַרדיטשעווער ספּעקטאַקל, נעמלעך, אז אונזערע טעאַטראַלן האָבן קיין דאַמען-פּערסאָנאַל ניט געהאַט, די פרויען-ראָלן האָבן געשפּילט איבערגעטאָנענע ראַוויניסטן.

זאָל דאָ, אַגעוו, נאָך דערמאָנט ווערן, אַז דער באַרדיטשעווער „גאָראָדני-טשי", וואָס האט דערלויבט אונזערע ראַוויניסטן צו שפּילן, דאָס איז דער באַ-קאַנטער „ליבעראַל" גראָמעקא.

נ. ש

נ. אויסלענדער

די עלטערע אידישע דראַמע און איר קינסט-לערישע אויסשטאַטונג.

(דריי עטאַפּן)

I.

די עלטערע אידישע דראַמע פון אָנהייב 19-טן יאָרהונדערט האט זיך אַנטוויקלט בּא גאנץ אומגעווינלעכע אומשטאַנדן. ניט האָבּנדיק קיין וועג צו דער בינע, בּא גאָר א קנאַפּער בּאַרירונג מיט די פרימיטיווע טעאַטראַלע פאָלקשפּילן (פּורימשפּילן, בּאַדכאָנים-פאָרשטעלונגען א. אז. וו.), האט די עלטערע אידישע דראַמע אין אָנהייב פון פאָריקן יאָרהונדערט געהאַט פאַר זיך נאָר איין שטיצפּונקט: די ליטעראַטור. פונדאַנען, פון דער ליטעראַטור, האָט די דראַמע אונזערע געדאַרפט בּאַקומען סיי די אלגעמיינע אידעאָלאָגיש-קינסטלערישע אָנפירונג, סיי די עלעמענטאַרע דראַמאַטורגישע דערפאַרונג. נאָר קעדיי דידאָזיקע דערפאַרונג זאָל קאָנען איבּערגיין פון אן עלטערן דראַמאַטורג צו א אינגערן, פון איין דאָר צו א צווייטן, איז נייטיק געווען לעכאָלאַפּאָכעס, אז די דראַמאַטישע ווערק זאָלן געדרוקט ווערן. דאָס איז אָבער דער עלטערער אידישער דראַמע ניט אַלעמאָל בּאַשערט געווען.

די ווערק פון ש. עטינגער, י. אקסענפעלד, א. ב. גאָטלאָבער און שפּעטער פון א. גאָלדפאַדענען זיינען אין מעשעך פון פיל יאָרן אומגעגאַנגען פון הענט צו הענט אלס מאנוסקריפּטן און זיי האבּן געהאַט אן אומגעהייער גרויסע ווירקונג אף דער ליטעראַטור, ניט געקוקט אף דעם, וואס זיי האָבּן קימאַט ווי ניט עקזיסטירט פאַר דער בּרייטער עפנטלעכקייט.

ווען מע נעמט אין אכט, אז פון י. אקסענפעלדס ווערק, וואס האבּן זיך געלאָזט ציילן אין די צענדליקער, זיינען אָפּגעדרוקט געווען נאָר פינף, ווען מע דערמאַנט זיך, אז עטינגערס קאָמעדיע „סערקעלע” פּונקט ווי גאָטלאָבּערס „דעקטוך” זיינען צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן פיל יאָרן נאָכדעם, ווי זיי זיינען בּאַרימט געוואָרן אין דער אידישער לייענער-סוויווע, קומט אויס

ווירקלעך צו באַוואונדערן, ווי אַזוי דער עלטערער אידישער דראַמע האָט זיך איינגעגעבן בישליימעס דורכצומאַכן איר אָרגאַנישע אַנטוויקלונג. און אזא אנט-וויקלונג האט זי בעפיירעש דורכגעמאַכט.

נאָך מער: אָט די ניט-געשפּילטע, ניט-געדרוקטע דראַמעס האָבן אפילע באַוויזן ארויסצוקעמפן פאַר זיך אין דער אידישער ליטעראַטור פונם פאַריקן יאָרהונדערט אן אָנגעזעען אָרט און א ברייטע אנערקענונג. עס איז קעדאַי צו דערמאַנען אזא פאַקט.

צום סאָף פון די 80-ער יאָרן, ווען א נייער דאָר שרייבער (שאָלעם-אַליי-כעם, פּערעץ און אַנד.) האט גענומען אויסטרעטן א ברייטערן וועג פאַר דער אידישער ליטעראַטור, ווען עס האָט זיך אין דער ליטעראַטור געלאָזט הערן אַ קריטישע באַציאונג צו שרייבער און ווערק, און מע האָט גענומען שטרעבן צו פאַרסאַכאַקלען די ביז-דעמאָלטיקע ליטעראַטור-פאַרגאַנגענהייט — שוין דע-מאָלט, אין די אַכציקער יאָרן, האט מען גלייך געמוזט אנערקענען דעם באַטייט פון דער עלטערער אידישער דראַמע. י. דינעזאָן, וואס האט אין דעם ערשטן גרעסערן ליטעראַרישן זאַמלבוך פון די 80-ער יאָר, „דער הויזפריינד״, אָפּגעדרוקט א מין סאַכאַקל-אָפּשאַצונג אונטערן נאָמען „די אידישע שפּראַך און אירע שרייבער״, האט שוין א גאַנץ ברייט אָרט אָפּגעגעבן דאָ דער אי-דישער דראַמע. באַקענענדיק דעם לעזער מיט אקסענפעלדן, שרייבט י. דינעזאָן:

„מיר איז זיין לעבנס-געשיכטע ווייניק באַקאַנט. איך וויים נאָר, דאָס עס איז ניט ווייניקער, יעדנפאַלס, אלס עטלעכע און פופציק יאָר זייט ער האָט זיי פאַרפאַסט. אין יענע צייטן איז ווירקלעך געווען איינע בליענדע און גע-דייענדע צייט פאַר אונזער יודיש לאָשן, דאַן האבן מענטשן געבילדעטע פון העכערן שטאַנד זיך באַגעבן מיט דעם און א גאַנצע ריי פון טעאַטער-שטיקע זיינען פאַרפאַסט געוואָרן, כאָטש פון אידישע פאָרשטעלונגען אָפּנטלעך האָט נאָך גאָר קיינער געטרוימט. צו יענער צייט, אָדער ניט פיל נאכהער, זיינען פאַר-פאַסט געוואָרן די באַקאַנטע קאָמעדיע „סערקעלע״ פון ד״ר ש. עטינגער, „כאַים-עלי קאָצין״, „ראָכעלע די זינגערן״ און נאָך מערערע, וועלכע עס זיינען איצט ניט בענימצע, אָבער מען געדיינקט זיי נאָך, און ווער עס האָט זיי געלעזן ווייסט זייער וויכטיקייט״.

אָט די האַלב-מונדלעכע מעסירע וועגן דער עלטערער אידישער דראַמע איז, אַפּאָנים, אין די אַכציקער יאָרן געווען היפּש פאַרשפּרייט. זי האט ניט אויפגעהערט צו ווירקן אף דעם נייעם דאָר שרייבער, אף יענעם דאָר, וואָס האט זיך שוין געהאַט אָריענטירט אויך אף דער בינע (גאָלדפאַדן, שאָלעם-אַלייכעם). און דורך אָט דער ווירקונג, אייגנטלעך, איז די עלטערע אידישע דראַמע פאַרבונדן געוואָרן מיט דער געשיכטע פונם אידישן טעאַטער, ווארום אדאַנק דער ווירקונג איז מעגלעך געוואָרן די גרינדונג און די פריאיקע עק-זיסטענץ פונם אידישן טעאַטער.

איצט, ווען מיר פייערן דעם 50-יאָריקן יובילײ פונם אידישן טעאַטער, איז אונזער אינטערעס צו דער עלטערער אידישער דראַמע גאַנץ נאַטירלעך: מיר זוכן דאָרט די ריכטשנור, וואָס וועט אונז לאָזן פאַרשטיין פיל דערשיינונגען אין דער געשיכטע פונם אידישן טעאַטער, און צוליב דעמדאָזיקן אינטערעס צו דער עלטערער אידישער דראַמע ווען. רעכן איך, ניט איבעריק זיין אויך די עטלעכע באַמערקונגען אױף דער טעמע, — דערווייל נאָר אַלגעמיין-סכעמאַטישע באַמערקונגען, — וועלכע איך וויל דאָ פאַרצייכענען.

II

אין דער אַנטוויקלונג פון דער עלטערער אידישער דראַמע איז פאַראַן אַ מערקווירדיקער פאַקט: מיט דער עלטערער אידישער דראַמע הייבט זיך, אין פלוג, אָן די נייע אידישע ליטעראַטור פונם 19-טן יאָרהונדערט. עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז די עלטערע אידישע דראַמע איז געווען דער ליטעראַרישער זשאַנר, בײַ וועלכן עס האָט אַ היפּשע צייט געהאַלטן זיך אַ גרויסער טייל אידישע שריפטשטעלער פון דער ערשטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט. שפּעטער, אין גאַנג פונם זעלביקן יאָרהונדערט, האָט די אידישע ליטעראַטור אָפּגעגעבן דעם דראַמאַטישן זשאַנר שוין ווייניקער אָרט, זי האָט זיך געלאָזט פירן מער פון דעם דערציילער, איידער פון דעם דראַמאַטיקער. עס לאָזט זיך אָבער ניט פאַר-שווייגן, אַז אָנגעהויבן די נייע טקופע פון אונזער ליטעראַטור — דעם 19-טן יאָרהונדערט, — האָט דער דראַמאַטיקער (וואָלפזאָן, עטינגער, אַקסענפעלד).

און אָט דער פאַקט דאַרף ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן, אויב מע וויל פאַרשטיין דעם ווייטערדיקן וועג פון דער עלטערער אידישער דראַמע.

יענע צייט, דער סאָף פונם 18-טן און אָנהייב פונם 19-טן יאָרהונדערט, איז געווען בעליסאָפּעק אַ צייט פון אופוואַכנדיקע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן אין דער אידישער ליטעראַטור אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שטרעבן אַרויסצורייסן זיך פון דער געטאָ, וואָס האָט געהאַט ארומגעכאַפּט די פאָרשריטלעכע עלע-מענטן פון דער אידישער בורזשואַזיע. ווען מע פאַרגלייכט די ליטעראַטור פון דער צייט, מיט דעם טיפּ „שיינע ליטעראַטור״, וואָס האָט געהערשט בײַ אונז פריער, וואַרפט זיך אין די אויגן פריער פאַר אַלץ דער ברייטער צופלוס פון קאַמף-אינטערעסן און קאַמף-מאָטיוון, אַלס אַן אָפּשפּיגלונג פון די קאַמף-שטי-מונגען, וואָס האָבן געהערשט בײַ דעם פאָרשריטלעכן טייל פון דער אידישער בורזשואַזיע. און אַלס די בעסטע ראַיע דערצו קאָן מען אָנווייזן אױף דעם כאַראַקטער, וועלכן עס האָט באַקומען די סאַטירע אין אונזער ליטעראַטור פון 19-טן יאָרהונדערט.

אין דער ליטעראַטור פונם 19-טן יאָרהונדערט הייבט אָן די סאַטירע פאַר-נעמען דעם אויבנאָן. די סאַטירע איז שוין דעמאָלט ניט אױף אַזויפיל פאַרבונדן מיט די אינדיווידועלע נייגונגען פון דעם אָדער יענעם שריפטשטעלער. זי

ווערט דער אויסדרוק פון קעמפערישע פאַרלאַנגען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין דער טיף פון גאַנצע געזעלשאַפטלעכע שיכטן. און אָט דער געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פון דער סאַטירע, איר שטרעבן דורכצורייסן זיך צו דער עפנטלעכקייט, ביכלאַל דאָס אַפּעלירן צו דער עפנטלעכקייט — דאָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע, וואָס באַצייכנט דעם אָנהייב פון דער אידישער ליטעראַטור אין 19-טן יאָרהונדערט.

די האַסקאָלע-באַוועגונג, וועלכע האָט ווייט ניט אַלע מאָל געקאָנט מיט ווערדע טראָגן אין דער אידישער סוויווע די געבאָטן פון די פראַנצויזישע „אופקלערער" — די אָנזאָגער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — האָט דאָך פון אירע גרויסע לערער איבערגענומען דעם גלויבן אין דער עפנטלעכקייט, דעם גלויבן אין דער קראַפט פון דער געזעלשאַפטלעכער סאַטירע. און אָט דער גלויבן האָט אַרויסגערופן צום לעבן די עלטערע אידישע דראַמע.

א. וואָלפזאָן, וואָס האָט אפן סאַמע שוועל פון 19-טן יאָרהונד. — אין 1796 י. — אָפּגעדרוקט די קאָמעדיע „לייכטזין אונד פרעממעלייא", האָט דעם דראַמאַטישן זשאַנר פאַרשטאַנען ווי א מיטל אף צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף מיט דער פאַר-פרומטער און פאַרווילדעטער אידישער סוויווע, קעגן וועלכער ער האָט געוואָלט קעמפן אלס מאַסקיל*). די דראַמאַטישע פאָרם איז געווען אין זיינע אויגן, ווי א מין גאַראַנטיע, אז דורך דעם דערגרייכט ער גיכער און בעסער צו דער עפנטלעכקייט. און דאָס איז א צייט לאַנג געווען דער סטימול, וואס האָט גע-שטויסן דעם אידישן שריפטשטעלער פון 19-טן יאָרהונדערט צו שרייבן אין דער דראַמאַטישער פאָרם. נאָך פיל יאָרן שפּעטער האָט י. אקסענפעלד אין דער האַקדאָמע צו זיינער א קאָמעדיע געשריבן:

„דערצו האָב איך עס נאָך ווי א טעאַטר געמאַכט
אף צו לייענען אין א קאָמפּאַניע אין א ווינטערנאַכט"

אין אָט דער נאַאיווער פאָרשטעלונג וועגן א „קאָמפּאַניע" האָט זיך געלאָזט הערן די גאַנצע שטימונג פון דעם מאָדערנעם אידישן שריפטשטעלער אין אָנ-הייב 19-טן יאָרהונדערט, זיין בייַנקשאַפט נאָך א געזעלשאַפטלעכן אָפּקלאַנג, זיין פאַרלאַנג, אז די מאַסקיליש-קעמפערישע מאָטיוון, וואס ווערן פאַרקער-פערט אין זיין ווערק, זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין א געזעלשאַפטלעכער אַק-ציע. און מיט אָט דער שטימונג איז דורכגעדרונגען געווען די עלטערע אידי-שע דראַמע.

דערפון האָט זיך גענומען די גרויסע ווירקונג-קראַפט פון דער עלטערער אידישער דראַמע. דידאָזיקע דראַמע, וואָס איז מייסטנס ניט געדרוקט און ניט

---

*) ב. שטיף, אין זיין ארטיקל „ליטעראטור-היסטאָרישע לעגענדן" (רויטע וועלט, נומ. 10, 8-7, 1926) גיט א גאנץ גענויע כאַראַקטעריסטיק פון אייכעלס קאָמעדיע „ר' העניאך אָדער וואָס טוט מען דאמיט", וואָס האָט געקאָנט זיין דאָס פאָרבילד פון וואָלפזאָנס קאָמעדיע. אבער קאָלזמאַן דער פולשטענדיקער טעקסט פון אייכעלס ווערק איז נאָך ניט פאַרעפנטלעכט, קומט נאָך אויס די באַטראַכ-טונג פון דער עלטערער אידישער דראמע אָנהייבן פון וואָלפזאָנען.

אופגעפירט געוואָרן אַף דער בינע, האָט באַקומען אזא גרויסע ווירקונג אין דער אידישער סוויווע עפשער טאַקע נאָר דערפאַר, ווייל אין איר איז געווען פאַרקערפערט דער דעוויז פון דער נייער ליטעראַרישער טקופע, וואס האט זיך מיט דער דראַמע אָנגעהויבן, און דערדאָזיקער דעוויז האָט געהייסן: אָריענ-טירן זיך אין דער ליטעראַטור אַף געזעלשאַפטלעכע קויכעס, אַף א געזעל-שאַפטלעכער אַקציע. דעמדאָזיקן דעוויז האָט מען געקענט פאַרנעמען אין דער עלטערער אידישער דראַמע שטענדיק, אפילע דעמאָלט, ווען מע האט די דראַ-מע נאָר געהערט לייענען פון א מאנוסקריפט, אַפילע, ווען מע האט נאָר גע-הערט דערציילן וועגן איר. די עקזיסטענץ גופע פון אזא דראַמע, וואס האט זיך פאַרמאָסטן אַף א ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַקציע, האט שוין געקלונ-גען ווי אן אָנזאָג פון דער נייער ליטעראַרישער טראַדיציע, פון יענער טראַ-דיציע, וואָס האָט אונז געגעבן שפעטער די קלאַסישע ווערק פון מענדעלען, פערעצן און שאָלעם-אַלייכעמען.

III

די עלטערע אידישע דראמע האָט גלייך בא איר באשאַפן ווערן געשטרעבט צו פארנעמען אַן אָרט אינם געזעלשאַפטלעכן אידישן לעבן. דאָס איז, אייגנט-לעך, געווען איר באַרוף. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס פון די ערשטע טריט אָן האָט די עלטערע אידישע דראמע געמוזט רעאַגירן אַף יע-נעם אייגנאַרטיקן טיפ פון פאָלקס-דראמע, וואָס האָט געטראָגן דעם אלגעמיי-נעם נאָמען „פורימשפיל".

די טראַדיציע פון דער „פורימשפיל" איז געווען צופיל פעסט, אז מע זאָל זי קאָנען אינגאַנצן איגנאָרירן. די „פורימשפיל" (אין אירע פארשיידענע גיל-גולים) איז געווען ניט בלויז פארשפרייט, נאָר אויך באַליבט. זי האָט אין גאנג פון דוירעס דערוואָרבן פאַר זיך ברייטע סימפאַטיעס. באזונדערס האָט די „פורימשפיל" דורכגעמאַכט אַ אינטערעסאַנטע ווענדונג אין 19-טן יאָרהונדערט, ווען עס הייבט זיך אָן אין איר צו פארשטאַרקן דער עלעמענט פון סאָציאַלער סאַטירע *). די „פורימשפיל" האָט געהאט די גרויסע מאַילע, וואָס אין איר איז אַף אַ פרימיטיוון אויפן פאַרהיט געוואָרן די לעבעדיקע סטיכיע פון אַ פאָלקס-בינע, וועלכע האָט געלעבט מיט אַקטועלע סאָציאַלע מאָטיוון, פאר-שלייערט אין דער טראַדיציאָנעלער פאָרם פונם מעגילע-סוזשעט. די „פורים-שפיל" האָט אין דעמדאָזיקן מעגילע-סוזשעט אריינגעטראָגן היימישן לעבנ-שטייגער, אַ שטאַרק-אָנגעזעטיקטן גראָטעסק און אסאך עלעמענטאַרע, נאָר ליידנשאַפטלעכע אימפראָוויזאַציע. אָבער ניט געקוקט אַף דעם אלעמען, איז דאָך די „פורימשפיל" געווען צופיל פרימיטיוו, צופיל שוואך און אומבאהאָלפן, אז פון איר זאָל קאָנען אָנהייבן אויסשיילן זיך דער קערן פון אַ מאָדערנעם

*) זע דעם כאראקטעריסטישן וואריאנט פון אַ „פורימשפיל", וואָס ווערט געבראכט אין „Пережитое" באנד II.

אידישן טעאַטער-ווערק. די „פורימשפיל" האָט זיך אפילו טיילמאָל געלאָזט באַ-טראכטן, ווי אַ שטערונג אפן וועג צו דער מאָדערנער שוישפּיל.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאר די שפּעטער פון דער עלטערער אידישער דראמע, — ווי איבערהויפּט פאַר יענעם גאַנצן דאָר מאַסקילים — אַז, פארנע-מענדיק מיט רעכט אַ שאַרפע שטעלונג צו דער „פורימשפיל", האָבן זיי ניט געהאַט קיין כוש צו יענע געזונטע עלעמענטן פון פאָלקלאָר, וואָס האָבן גע-וועלטיקט אין דער „פורימשפיל". דער עלטערער אידישער דראמאטורג א. וואָלפזאָן טרעט ארויס אין אַן אָפענעם קאַמף קעגן דער „פורימשפיל". ער שרייבט אין דער פאָרעדע צו זיין קאָמעדיע „לייכטזין אונד פרעממעלייא", אַז זיין ווערק איז בארופן צו פאַרבייטן די פורימשפילן, וועלכע ווערן דאָ אפן אָרט, אין דער האַקדאָמע, כאַראַקטעריזירט מיט די שאַרפסטע אויסדריקן. וואָלפזאָנס קאָמעדיע וויל אין קיין מאָמענט ניט זיין ענלעך צו דער „פורימשפיל", זיין קאָמעדיע ווערט געבויט לויט באַשטימטע ליטעראַרישע געזעצן, אירע צילן זיינען אויך גאָר באזונדערע, און דאָך וואָלט זיין אַ טאָעס צו מיינען, אַז די „פורימשפיל" האָט מיט גאָרניט געווירקט אַף דער ערשטער אידישער קאָמע-דיע. די קאָוואָנע צו פאַרבייטן די „פורימשפיל" האָט געלייגט אַ שטעמפל אַף דער גאַנצער קינסטלערישער אויסשטאַטונג פון וואָלפזאָנס קאָמעדיע.

עס איז אַ גאנץ נאטירלעכע זאַך, אַז קעמפן מיט דער „פורימשפיל" האָט מען געמוזט אָנהייבן ניט אנדערש, ווי מיטן זעלביקן געווער, מיט וועלכן עס האָט געווירקט דער פורימשפילער: מיט דעם מונטערן, פריילעכן געלעכטער. און וואָלפזאָן באמיט זיך טאַקע אין זיין קאָמעדיע צו באהערשן אָט דעם גע-לעכטער. דאָ קומט פאָר אַ אינטערעסאַנטער פראָצעס. פון איין זייט, ווערט א. וואָלפזאָן, דער מאַסקיל, געשטויסן צו סאַטירע, קעדיי צו אויסדריקן אין איר זיין קאַמף מיט דער פארפרומטער און פארווילדעטער אידישער סוויווע, ער שטרעבט דידאַקטיק סאַטירע צו באפארבן מיט מאסקילישער טענדענציעז-קייט, מיט וועלטלעכן מוסער; און פון דער צווייטער זייט, שטויסט אים דער קאַמף מיט דער „פורימשפיל" צו פארוואנדלען זיין סאַטירע אין אַ פריילע-כער סאַטירע, וואָס וויניקער איבערלאָדן מיט „מאָראַל", ארייננטראָגן אין איר יענעם אומיטלבארן קאָמיזם, וואָס איז פאראן אין דער „פורימשפיל".

און א. וואָלפזאָן, דער געבילדעטער מאַסקיל, מוז אָפטמאָל נאָכגעבן. ער האָט געמוזט זיין ווערק אַ נאָמען געבן „לוסטשפיל", און זיינע דידאקטישע קאַוואָנעס האָט ער געמוזט פארמאסקירן אף אזא אויפן, אַז עס זאָל טאַקע ניט אופהערן זיין אַ „לוסטשפיל". דערפון נעמט זיך דער גיכער לויף פון דער האנדלונג, די גאַנץ רייכע — כאָטש אפילו שטאַרק סכעמאַטיזירטע — אינטריגע, וואָס ווערט ארייגעטראָגן אין זיין קאָמעדיע. דער גאַנג פון דער קאָמעדיע איז אַזאַ, אַז די פערזאָנען ווערן אלעמאָל געשטעלט אין אַן עקסטרעמער לאגע. אָט איז ר' יויסעפכע, אַ לאַמדן, מיט פארגלייזטע אויגן, ער רעדט גאָטספאָרכ-טיקע רייד אין דער שטוב פון אַן אַלטפרענקישן נאָגיד, און אָט גלייך ווערט

שוין דערזועלביקער ר׳ יויסעפּכע געגעבן ווי א שטענדיקער באַזוכער פון א שאַנדהויז. דאָס שאַנדהויז מיט דער באַלעבאָסטע פונם הויז, מיטן גאַנצן קאָ-לאָריט פון אַזאַ סיטואַציע ווערט אָוועקגעשטעלט אין צענטער פון דער האַנד-לונג. די נידערטרעכטיקייט פון ר׳ יויסעפּכע ווערט אַנטפּלעקט בוילעט, אַנשוי-לעך, עפנטלעך. עפּעס איז דאָ פאַראַן פון יענעם גראָטעסק, וואָס מיר באַקומען אין דער „פּורימשפּיל״, דיזעלביקע נייגונג צו שאַרזש — ניט אומזיסט ווי׳ל דאָך וואָלפואָן „פאַרבייטן״ די „פּורימשפּיל״...

עס פאַרשטייט זיך, אַז די קאָמעדיע האָט אויך א באַשטימטע טענדענץ, אַ ריין-מאַסקילישע: באַווייזן די נידערטרעכטיקייט פון דעם ווילדן פרומאַק ר׳ יויסעפּכע און גלייכצייטיק שאַנעווען דעם נעגידישן כיין, וואָס רוט אף דער שטוב פון דעם „רייכן הויזפּאָטער״ ר׳ כאַנויך. עס איז שוין פאַראַן אין דער קאָמעדיע אויך דער שפּעטער באַרימט-געוואָרענער העלד „מאַרקוס״ — יענע פּאָזיטיווע פיגור, אין וועלכער עס האָט זיך געשפּיגלט דער גאַנצער דאָר מאַסקילים — אַ פאַרקערפּערונג פון די „קליינע האַסאָגעס״ פונם מאַסקילישן שרייבער. אָבער דידאָזיקע געשטאַלט, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אינם טויטן באַלאַסט פון דער אידישער דראַמע, האָט נאָך דעמאָלט בא איר ערשטן באַווייזן זיך געשפּילט מיט נייקייט, מיט פרישקייט, זי איז נאָר-וואָס געוועזן אַרויס אף דער אויבערפלאַך פון אידישן לעבן, און די עלטערע אידישע דראַמע האָט זיך געאיילט דאָס נייע צו פיקסירן.

דאָס האָט באַטייט זייער פיל אין יענער צייט. דאָס האָט געהאַט צו זאָגן, אַז, וועלנדיק אַפּעלירן צו דער עפנטלעכקייט, פאָדערנדיק פאַר זיך אַן אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, הייבט אָן די עלטערע אידישע דראַמע פון טכילעס אָן צופּאַסן אירע מיטלען דערצו, אַז זי זאָל קאָנען אופנעמען די אַרומיקע סוויווע מיט אַלע אירע נייאיקייטן און אַפּילע סורפּריזן.

און נאָך איין שטריך דאַרף אָנגעוויזן ווערן אין דער עלטערער אידישער דראַמע: קיין עלעמענטן פון עכטן דראַמאַטיזם זיינען אין איר ניט געווען. ווי ווייט דער מאַסקיל, דער שעפער פון דער עלטערער אידישער דראַמע, איז ניט געגאַנגען אין זיין קאָנפליקט מיט די ווילדע לעבנספאָרמען אין דער דעמאָלטיקער אידישער סוויווע, האָט דאָך דערדאָזיקער צוזאַמענשטויס ניט געקענט אַרויסגיין פון די ראַמען פונם איינגן מאַסקילישן וועלט-באַנעמען. און אין דעם מאַסקילישן וועלט-באַנעמען האָט דאָך די אויבערהאַנט גענומען דער גלויבן, אַז עס האַנדלט זיך נאָר וועגן אָנווייזן די אָדער יענע ריכטיקע רע-צעפּטן, וואָס דאַרפן אויסבעסערן דאָס אידישע לעבן. און האָט דער מאַסקיל דידאָזיקע רעצעפּטן אַזוי אָדער אַנדערש אָנגעוויזן, איז ער שוין געניי‌גט גע-ווען צו גלויבן אין דער אידילישער צוקונפט. דערפון האָט זיך גענומען, וואָס אין דער מאַסקילישער דראַמאַטורגיע האָט אַזוי לאַנג ניט געקענט זיך געפינען אַן אָרט יענער דראַמאַטיזם, צו וועלכן עס האָבן געמאַכט באַוואוסט-זיניקע שריט שוין די ערשטע אידישע דראַמאַטורגן און, באַזונדערס, ש. עטינגער.

IV

ריידנדיק וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער עלטערער אידישער דראַמע, דאַרף מען ניט פאַרגעסן אָן דער ווירקונג פון די מאַירעוו-אייראָפּייאישע (און שפּעטער רוסישע) מוסטערן. מיר האָבן שוין געהערט פון דער פריער-געבראַכטער ציטאַטע פון י. דינעזאָנס אַרטיקל, אַז די שעפער פון דער על-טערער אידישער דראַמע זיינען געווען „מענטשן געבילדעטע, פון העכערן שטאַנד". און ווי קלעך: ש. עטינגער, א. וואָלפזאָן, י. אַקסענפעלד און א. ב. גאָטלאָבער זיינען געווען מענטשן פון אַזאַ בילדונג-גראַד, אַז זיי האָבן די מוסטערן פון דער מאַירעוו-ליטעראַטור געקענט באַקומען פון די ערשטע הענט. און דאָס האָט געהאַט פיל צו זאָגן אין דעם ווייטערדיקן וועג פון דער אידי-שער דראַמע.

די מאַירעוו-אייראָפּייאישע דראַמאַטורגיע האָט גראָד אין יענער צייט גע-האַט דורכגעמאַכט אַ פולבאַדייטנדיקע ווענדונג, וואָס האָט געמוזט נאָך מער צוציען צו איר די סימפּאַטיע פון די שעפער פון דער אידישער דראַמע. אויב פאַר אַ אידישן דראַמאַטורג איז געווען פרעמד און ווייניק-באַלערעוודיק דער טראַגעדיע-מוסטער פון קאָרנעלס און ראַסינס צייטן, איז אָבער די נייע ריכטונג אין דער מאַירעוו-אייראָפּייאישער דראַמאַטורגיע, וואָס אַנטוויקלט זיך צום אָנהייב פון 19-טן יאָרהונדערט, געווען פאַר דעם אידישן דראַמאַטורג שוין פיל צוגייִנגלעכער און נאָענטער. אָקאָרשט ניט לאַנג, פאַרן סאָף פון 18-טן יאָרהונדערט, האָט אין דער פראַנצויזישער דראַמאַטורגיע דורכגעקלונגען דער דעוויז: אויסראָטן פון דער דראַמע די געטער, קעניגן און העלדן און אָנהייבן שילדערן דאָס לעבן פון דער דורכשניטלעכער בורזשואַזער סוויוע. דערדאָזיקער דעוויז, וואָס האָט אַרויסגערופן צום לעבן אַ ריי אויסגעצייכנטע פראַנצויזישע און איינגלישע דראַמאַטישע ווערק, האָט זיך געלאָזט וויסן אויך אין דער דייטשישער ליטעראַטור, וואָס איז געווען אומיטלבאַר-נאָענט צו אונזערע מאַסקילישע שריפטשטעלער. שרייבן אַף דעם נייעם שטייגער אַ סענ-טימענטאַל-רעאַליסטישע דראַמע מיט אַ סוזשעט פון בירגערלעכן פאַמיליען-לעבן איז געוואָרן די מאָדע. און פאַר די אידישע דראַמאַטורגן, די „געביל-דעטע מענטשן פון העכערן שטאַנד", איז דערדאָזיקער מוסטער געווען ווי אָנגעמאָסטן. אין פלוג האָט אונזערער „העכערער שטאַנד" פאָרגעשטעלט די-זעלביקע בורזשואַזיע, וואָס פאַר אירע רעכט האָט אין יענער צייט געקעמפט די מאַירעוו-אייראָפּייאישע דראַמאַטורגיע. עס איז דעריבער כאַראַקטעריסטיש, וואָס א. וואָלפזאָן שטעלט אַוועק אַף זיין ווערק אַן אויפשריפט: „איין פאַמי-ליען-געמעלדע אין דריי אופציגן". ער איז דערמיט געטריי די מוסטערן פון דער מאַירעוו-אייראָפּייאישער דראַמע, פונקט ווי ער איז געטריי איר אויך דעמאָלט, ווען ער שטעלט אַוועק אין צענטער פון דער האַנדלונג די שטוב פונם „רייכן הויזפאַטער". אָבער אויב פאַר א. וואָלפזאָנען האָט עס געקענט גילטן ווי אַ גלייכער מוסטער, האָבן אָבער די שפּעטערדיקע אידישע דראַ-

מאטורגן געמוזט אַריינטראָגן אהער גאַנץ גרויסע קאָרעקטיוון. און דאָס זעט זיך שוין אין ש. עטינגערס קאָמעדיע „סערקעלע“. ש. עטינגער, האַגאַם ער האָט זיין קאָמעדיע געשריבן מער ווי מיט אַ פערטל יאָרהונדערט נאָך וואָלפזאָנען, איז אויך געטריי די געבאָטן פון דער מאירעוו-אייראָפּייאישער דראַמאַטורגיע אין דעם זינען, ווי וואָלפזאָן האָט זיי פאַרשטאַנען. ער זוכט ניט קיין אויסערגעוויינלעכע העלדן, ער נעמט זיי פונם ארומיק בירגערלעכן לעבן. ער זאָרגט דערפאַר, אז עס זאָל ניט פעלן דאָס גייע און גייסטע פונם ארומיקן לעבן, די האנדלונג זאָל טראָגן אַף זיך דעם שטעמפּל פון די אקטועלע פראַגן, וואָס שוועבן אין דער אידישער סוויווע, און מעמיילע זאָרגט ער שוין אויך דערפאַר, אַז דידאָזיקע פראַגן זאָלן זיין נאָענט יענעם „העכערן שטאַנד“, וועלכן ער שטעלט פאַר אין דער ליטעראַטור. אָבער ארום עטינגערס געשטאַלט ווערן די פאַרשטעלונגען וועגן דער אידעאָלאָגיע פון אונזער „העכערן שטאַנד“ פון יענער צייט גאַנץ פאַרוויקלט. ש. עטינגער האָט, כוץ דער קאָמעדיע „סערקעלע“, געשריבן אויך אנדערע ווערק, איבערהויפּט מעשאָלים, וואָס האָבן געבראַכט אַ שעפע פון שטייפע רעאַליסטישע בילדער אין דער אידישער ליטעראַטור. אין דידאָזיקע מעשאָלים, געשריבן אין דער שפּראַך פון דער אידישער מאסע — אין אידיש — האָט עטינגער, קימאט דער ערשטער צווישן דעם דאָר מאַסקילים, ארויסבאוויזן די טענדענץ אָנצונעמען צוזאַמען מיט דער שפּראַך פון דער אידישער מאסע אויך אירע סימפּאַטיעס און ליידנשאַפטן. עטינגער הייבט אָן אין זיינע מעשאָלים צו אַכטן און היטן די פאָלקס-שפּראַך, ווי דעם אויסדרוק פון יענע פאָלקס-אינטערעסן, וועלכע זיינען אים געווען נאָענט.

אָפּטמאָל, ווען עטינגער מיידט אויס צו פאָרמולירן זיינע אַנשויאונגען און טענדענצן אפן סקארבאָוון מאַסקילישן שטייגער, זעט עס אויס פונקט ווי ער וואָלט האלטן, אז זיין צוגאַנג צו אידיש, צו דער שפּראַך פון דער אידישער מאַסע, דאָס אליין באשטימט שוין יענע מאָס און וואָג, יענעם קריטעריי, מיט וועלכן ער גייט-צו צו ארומיקע דערשיינונגען. און דאָס ליגט אויך אין גרונט פון יענעם איינדרוק, וואָס סע מאכט אַף אונז טיילווייס זיין קאָמעדיע „סערקעלע“.

אַף דער סצענע האָבן מיר דאָ ווידער, ווי בא וואָלפזאָנען, א נעגידישע שטוב. נאָר עס איז דאָ שוין ניטאָ יענער גרויסער רעספּעקט פאַר דערדאָזיקער שטוב, וואָס האָט געהערשט אין וואָלפזאָנס קאָמעדיע. פאַרקערט, די גאַנצע קינסטלערישע קאָוואָנע פון „סערקעלע“ באַשטייט, קאָן מען מיינען, אין דעם, אז עס זאָל באווייזן ווערן די קלוגע מעכאניק, ווי אזוי ווערט עס באַשאַפן א נעגידישע שטוב.

ווען מע דערמאָנט זיך אָן דער אידעאַליזאציע פון דער בירגערלעכער שטוב, מיט וועלכער מיר האָבן אָקאָרשט געהאַט צו טון בא וואָלפזאָנען, קומט אויס צו וואונדערן זיך, ווי גיך עס האָט זיך אין דער אידישער ליטעראַטור

געקומען אויסוועפן דער רעספעקט פאַר דער שטוב פונם „רייכן הויזפּאָטער". אין עטינגערס „סערקעלע" זעען מיר, עמעס, נאָר די שטוב פון אַן אופגע-קומענעם אוישער, אָבער אַהער ווערן אריבערגעטראָגן אַלע אַטריבוטן פון א נעגידישער שטוב פון יענער צייט. ארום דער שטוב דרייען זיך ארום פערסאנאַזשן פון דער אידישער האַנדל-סוויווע, און איבער אָט דער גאַנצער סוויווע שוועבט עטינגערס קריטישע באציאונג, וואָס גייט אָפטמאָל איבער אין סארקאזם.

האָט עמעץ „סערקעלע" געלייענט
און מיינט, איך האָב זי דערמיט געמיינט,
זאָל זי עס שוין דאָס אנדערע מאָל ניט לייענען,
און איך וועל מיך אָסער ניט זעצן וויינען...

אָט דאָס איז געווען אַלץ, וואָס עטינגער האָט געפונען פאַר נייטיק צו זאָגן אין נאָכוואָרט צו זיין „סערקעלע". און דערדראַזיקער טאָן איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער עלטערער אידישער דראַמע ביכלאַל, פאַר איר גלויבן אין די רעכט פון סאַטירע, פאַר דעם גלויבן אין איר געזעלשאַפטלעכן באַרוף.

די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער ארום דער אידישער ליטעראַטור פון 19-טן יאָרהונדערט, א ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אין דער שפּראַך פון „האַמוין" און צוליב דעם „האַמוין", אָט די אַטמאָספער איז געווען אַזאַ, אַז זי האָט געשטויסן אין יענער צייט צו א מין „נאַטירלעכן אָפּקלייב" פון קינסטלערישע מאָטיוון. און דאָס האָט גורעם געווען דערצו, אַז צוגלייך מיט די קליינע רעשטלעך פון דער סענטימענטאַלער אידעאַליזאַציע, וואָס איז נאָך פאַראַן אין דער פאַר „פּאָזיטיווע" פיגורן בא עטינגערן, זאָל דאָ ווידער פאַר-שאַרפט ווערן דאָס געווער פון סאַטירע, און די סאטירע זאָל דאָסמאָל גע-ווענדט ווערן גראָד קעגן יענער נעגידישער שטוב, פאַר וועלכער וואָלפזאָן האָט נאָך אָקאָרשט געהאַט אַזויפיל רעספעקט.

עס פאַרשטייט זיך, אז אף דער קינסטלערישער אויסשטאַטונג פון „סער-קעלע" האָט עס געווירקט אף א גאַנץ באַשטימטן אויפן. ווענדן די סאַטירע קעגן אַזאַ געשטאַלט, ווי סערקעלע, איז געווען פיל שווערער, איידער אין דעם פאַל מיט דעם צוואוואַק ר' יויסעפכע, וועלכן עס האָט אויסגעלאַכט וואָלפזאָן. דאָ האָט מען ניט געקאָנט אָנקומען צו יענע שניידיקע קאָנטראַסטן, וואָס עס האָט געגעבן וואָלפזאָן. די אידישע דראַמאַטורגיע האָט זיך געמוזט ווענדן צו אַנדערע קוואַלן פון דראַמאַטישן עפעקט. אויב וואָלפזאָן האָט געבויט זיין עפעקט אף דעם, וואָס דער העלד ווערט געשטעלט אין אן עקסטרעמער לאַגע (וואָס איז אַפילו ניט שטענדיק טיפּיש, לעבנשטייגערדיק), הייבט אָן עטינגער דער ערשטער צו געבן דראַמאַטישן עפעקט נאָר אין די ראַמען פון לעבנ-שטייגער. מיר זעען שוין, ווי עטינגער הייבט זיך אוף העבער איבער דעם עלעמענטאַרן שאַרזש פון וואָלפזאָנס קאָמעדיע, פונקט ווי וואָלפזאָן האָט זיך

אין זיין צייט געשטעלט העכער איבער דעם פאַרגרעבטן גראָטעסק פון דער „פורימשפּיל“. עטינגער זוכט ניט דאָס עקסטרעמע, ער געפינט דערפאַר אָבער די מיטלען אף צו געבן דאָס טיפּישע. אנשטאָט דעם שאַרזש פון וואָלפזאָנס „לוסטשפּיל“, גיט ער קאָמיזם פון דער רעאַליסטישער קאָמעדיע, דעם שפּאַנענ-דיקן סוזשעט, וואָס איז געגעבן געוואָרן נאָך סכעמאַטיש, גיט ער א ברייטע נעץ פון עפּיזאָדן, וואָס גייען זיך צונויף אלע אין איין פּונקט: דעם כאַראַקטער פון דער הויפּט-פיגור, סערקעלע. עטינגער געפינט די פּסיכאָלאָגישע פעדים ווי צו פאַרקניפּן די איינצלנע עפּיזאָדן פון דער האַנדלונג. דערפאַר שפּילט בא אים אַזאַ גרויסע ראָלע דער דיאַלאָג. גיט געקוקט אף דעם, וואָס דער דיאַלאָג איז דאָ וויינציק קאָנטראָלירט דורך א סצעניש געפיל (האַגאַם סצעניש איז עטינ-גערס קאָמעדיע בעליסאָפּעק!), איז עטינגערס דיאַלאָג פּסיכאָלאָגיש-אויסגע-האַלטן און גייט קיינמאָל ניט אַרויס פון די ראַמען פון טיפּישקייט. אָט די באהעפטונג פון „פּסיכאָלאָגיע“ מיט טיפּישקייט האָט עטינגער דער ערשטער אריינגעבראַכט אין דער אידישער ליטעראַטור.

די טענדענץ פון וואָלפזאָנען צו שרייבן ווערק, ווי א „לוסטשפּיל“, איז בא עטינגערן שוין באדייטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אָפּאָנים, עטינגער האָט געפילט, אז ער האָט אין זיין רעשוס אַנדערע מיטלען. ס'קאָן זיין, אז עטינ-גער האָט אַפילע דערביי געלייגט געוויסע האָפענונגען אף דעם דראַמאַטישן עלעמענט, וואָס וועט אריינציען דעם לייענער און צושויער. עטינגער האָט טאַקע אין אייניקע ערטער געוואָלט פאַרשטאַרקן דעם דראַמאַטיזם פון דער האַנדלונג. אָבער, ווי געזאָגט, האָט דער דראַמאַטיזם קיין טיפע וואָרצלען אין דער נאַטור פון א מאַסקיל ניט געקענט האָבן, און, מעגלעך, אז דערפאַר האָט עטינגער, וואָס איז געווען גוט באהאווגט אין דער קלאַסיפיקאַציע פון דרא-מאַטישע זשאנרען, דאָך אָנגערופן זיין אויסגעצייכנט ווערק „סערקעלע“ מיטן אומבאַשטימטן נאָמען: „א טעאַטער-שטיק אין פינף אופציען“.

אונטער דעמדאָזיקן אומבאַשטימטן נאָמען לאָזן זיך גאַנץ גרינג אונטער-שיידן די גרונט-עלעמענטן, פון וועלכע עס באַשטייט עטינגערס „סערקעלע“. און פריער פאַר אַלץ ציט דאָ צו אונזער אופמערקזאַמקייט א כאַראַקטערי-סטישע דערשיינונג פאַר דער עלטערער אידישער דראַמע ביכלאַל. איך מיין, דעם אויפן, ווי עס ווערן דאָ איבערגעפלאָכטן די עלעמענטן פון קאָמעדיע און מעלאָדראַמע. אין עטינגערס „סערקעלע“ זעען מיר נאָך א פרידלעך צו-זאַמענלעבן פון דידאָזיקע צווייערליי עלעמענטן. טיילמאָל באמערקט זיך אַפילע, אַז דער קאָמעדיע-שטייגער פּאַסט זיך מער צו עטינגערס קינסטלערי-שער נאַטור און ער באַקומט טאַקע אָפטמאָל די אויבערהאַנט אין „סער-קעלע“, אָבער אויך דאָס מעלאָדראַמאַטישע פלעכט זיך אריין אף א גאַנץ נאַטירלעכן אופן, צו קיין קאָנפליקט צווישן אָט די צוויי עלעמענטן קומט ניט בא עטינגערן. און עס קאָן אויך ניט קומען צו קיין קאָנפליקט. האָט דאָך דאָס מעלאָדראַמאַטישע געגעבן דעם מאַסקיל די אילוזיע פון עכטן דראַמא-

טיום, צו וועלכן עטינגער האָט אזוי באוואוסטזיניק געשטרעבט. און עטינגער האָט דידאַקטישע אילוזיע געשעצט, געהיט און פאַר זיך, אלנפאַלס, זי פאַרהיט, ווי די מעגלעכקייט צו שאַפן א מאיסטערווערק, פאַרבלייבנדיק אין די איינגע ראַמען פונם מאסקילישן וועלט-באַנעמען.

V

די ווערק פון אַ. וואָלפזאָנען און ש. עטינגערן האָבן נאָר טיילווייס אָנגעצייכנט דעם וועג פאר דער אַנטוויקלונג פון דער עלטערער אידישער דראַמע. י. אַקסענפעלדס שאַפן, וואָס האָט לעפאָנים אָפגעקערט אַף אַ זייטיקן וועג, האָט אָבער אינדערעמען פארפולקומט און פארגאנצט דעם אינהאַלט פון דער אידישער דראַמע. אַקסענפעלד האָט דער ערשטער אַריינגעטראָגן אין דער אידישער דראַמע די שילדערונג פונם מאַסן-לעבן און דערמיט האָט ער די דראַמע געזיכערט מיט דעם נייטיקסטן: מיט האַנדלונג און מיט געשטאַלטן. אַקסענפעלד האָט דערמיט באוואָרנט אויך דעם וועג אַף ווייטער. ער האָט פארבונדן די האַנדלונג פון דער אידישער דראַמע מיטן מאַסן-לעבן, שפעטער, נאָך אַקסענפעלדן, איז עס געוואָרן קימאַט ווי אַ טראַדיציע און ווען די טראַדיציע פלעג אַמאָל אַפילע אַריינפאַלן אין די הענט פון אַ שוואַכערן מאַיסטער, ווי אַ דאָוויד זאַיק *), לעמאָשל, האָט דאָך אונזער דראמאטישער זשאַנר מער זיך ניט אָפגעריסן פון יענעם רייכן שאַפונג-קוואַל, וועלכן עס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך דאָס אידישע מאַסן-לעבן.

ניט אין וואָלפזאָנס „פאַמיליען-געמעלדע" זעט אַקסענפעלד דעם הויפט-ווערט פון דער דראַמע, אויך ניט אין עטינגערס אָנשטרייגנונג צו געפינען דעם דראַמאַטיזם אין יענער נעגידישער שטוב, פאַר וועלכער עטינגער אַליין האָט שוין אַזוי ווייניק רעספעקט — אַקסענפעלד פארברייטערט דאָס סאָציאַלע בילד אַזוי ווייט, אַז עס בלייבט דאָ איבערהויפט ניט די אָדער יענע שטוב. אין צענטער פון דער האַנדלונג שטייט די גאַנצע אידישע סוויווע, די שטאָט ניבי-וואַלע אין איין פאַל, די שטאָט ווימיסלע אין אַ צווייטן פאַל — אַלעמאָל איז דער מאסשטאב פון דער האַנדלונג די גאַנצע שטאָט, די גאַנצע אידישע סוויווע, די מאַסן-דערשיינונגען און מאַסן-פיגורן. דער דראַנג צו אַ געזעלשאַפטלעכער אַקציע, וואָס האָט אַלעמאָל באַגייסטערט די עלטערע אידישע דראַמע, באקומט אין אַקסענפעלדס ווערק אַ נייעם כאַראַקטער.

וואָס ברייטער צו פארמעסטן דאָס בילד, וואָס מער אַלזייטיק צו באַלויכטן דאָס לעבן פון דער גאַנצער אידישער סוויווע — אָט אין דעם זעט אַקסענפעלד דעם געזעלשאַפטלעכן באַרוף פון דער אידישער דראַמע. דערפאַר איז זיין

*) דאָוויד זאַיק, וואָס האָט אין 1883 יאָר אַרויסגעלאָזן אַ טעאַטער-שטיק „די רויז צווישן דערנער", שטעלט פאָר זייער אַ אינטערעסאַנטן מאָמענט אין דער אַנטוויקלונג פון דער עלטערער אידישער דראמע. ליידער, איז זיין איינאונאייניציק ווערק דערוויל נאָך ווייניק-ווועמען באוואוסט.

פערזאָנען-פאַרצייכעניש אַלעמאָל געבויט לויט דעם מאסשטאב פון אַ גאַנצער שטאָט. אין זיין „ערשטן אידישן רעקרוט" באַצייכנט ער אַליין זיינע העלדן:

שלוימע פסייאכע — פארנעס אין שטאָט
הערש-לייב — אַ גרויסער שטאָט-נאַר
ציוויעלע — דעם שטאָט-נאַרס ווייב
כאַנצי — אַ שאַדכנטע אין שטאָט
פינכעס דער רויטער — האַלט שטאָט-אַרענדע.

דערזעלביקער שטייגער צו כאַראַקטעריזירן די העלדן כאַזערט זיך איבער אויך אין אַנדערע ווערק באַ אַקסענפעלדן. ער באַצייכנט זיי אַלעמאָל לויט דער געזעלשאַפטלעכער פונקציע, וואָס זיי פירן אויס אין „שטאָט", דעם סימוואָל פון דער גאַנצער אידישער סוויווע. דערמיט האָט אַקסענפעלד אומגהייער פאַרברייטערט דאָס סאָציאַלע בילד, וואָס עס האָט ביז דעמאָלט עקזיסטירט אין דער אידישער ליטעראַטור. אַקסענפעלד האָט דער ערשטער אין דעמדאָזיקן בילד אַריינגעשלאָסן יענע פיגורן, וועלכע ער רופט „דער אונטערשטער אוילעם" — געשטאַלטן פון די אָרעמע שיכטן. אַקסענפעלד שטעלט זיך אַפילע ניט אָפּ, ווען אַף דער סצענע דאַרף געוויזן ווערן דער ווארשטאט פון אַ שניידער (אין דער קאָמעדיע „מאַן און ווייב, שוועסטער און ברידער"), אַ שיינק, וואו עס זיצט דער „מאַיאָסעניק" — אַ געשטאַלט פון דער אידישער אונטער-וועלט — „גאָר ניט קיין לייט", ווי אַקסענפעלד כאַראַקטעריזירט אים („דער ערשטער אידישער רעקרוט"), אַ „שלאַכאָווע קרעטשמע" („געגנארטע וועלט"), אַ גרויס איינפאָר-הויז („געגנאַרטע וועלט")—מיט איין וואָרט, אַקסענפעלד רוקט אַזוי פאַנאַנדער די ראַמען פון דער עלטערער אידישער דראַמע, אַז זי ווערט ענדגילטיק אָפּגעריסן פון דער נעגידישער שטוב, מיט וועלכער זי איז געווען פאַרבונדן באַ וואָלפזאָנען און עטינגערן. אין דער האַנדלונג פון אַקסענפעלדס ווערק נעמט אנטייל איין העלד — די שטאָט, ריכטיקער, דאָס שטעטל. און פאַר אַקסענפעלדן איז דאָס די ריכטיקע פארקערפערונג פון יענעם באַרוף, וועלכן עס האָט די אידישע דראַמע.

מע דארף, פארשטייט זיך, דערביי אָפּשאַצן סיי די פאָזיטיווע, סיי די נעגאַטיווע מאָמענטן פון אַקסענפעלדס קינסטלערישן נוסעך. אַקסענפעלדס שאַפן האָט קלאָר און דייטלעך באַוויזן, אַז צו יענעם גראד פון דראמאטורגישער באַוואוסטזיניקייט און פולקומקייט, וואָס איז פאראן באַ עטינגערן, קאָן זיך אַקסענפעלד ניט דערהייבן. אַזאַ קאָמעדיע, ווי „סערקעלע", מיט דער גאַנצקייט, מיט די רייכע אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטן, געפינט מען ניט באַ אַקסענפעלדן. אויסער דעם, וואָס אַקסענפעלד איז אַ קנאַפער דראמאטורג, איז ער נאָך אַ קנאַפער מייוון אַף יענעם פיינעם קאָמיזם, וועלכן עס באַהערשט אַזוי גוט עטינגער. עטינגער האָט שוין אין אַ געוויסער מאָס פארמאָגט יענעם קאָמיזם, וועלכן עס האָט שפּעטער מיט עטלעכע צענדליק יאָר גוט פארשטאנען א. גאָלדפאַדן. באַ גאָלד-

פאַדעגען האָט געהייסן: „סאַטיר און פריילעכע מאָראַל״ *). אַף אָט דער „פריי-לעכער מאָראַל״ איז שוין גאָרניט געווען קיין מייוון אַקסענפעלד. ער האָט שטריינג קאָנטראָלירט אַלע סוזשעטן פון זיינע ווערק, קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָנצואווייזן די פאַקטן, אַף וועלכע עס איז זיך סוימעך זיין פאַנטאַזיע, ער איז ביכלאַל געווען צופיל מאַסיוו פאַר יענעם לייכטן קאָמעדיע-שטייגער, וואָס האָט נאָך עטינגערן גענומען הערשן אין אונזער ליטעראַטור (גאָלדפאַדן, שאָלעב-אַלייכעם), אָבער אין דערדאָזיקער מאַסיווקייט האָבן זיך צום ערשטן מאָל אַנט-פּלעקט אַקסענפעלדס טיפע וואָרצלען אינם מאַסן-לעבן, די אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיט דער ברייטער פעריפעריע פון דער אידישער סוויווע.

בא קיינעם פאַר אַקסענפעלדן האָט ניט דערהייבן אַזוי הויך זיין שטים דער סאָציאַלער אינהאַלט פון דער נייער אידישער ליטעראַטור. אונטער די בערג מיט עטנאָגראַפישע קלייניקייטן, וואָס זיינען אָנגעשאָטן אין זיינע ווערק, רייכט זיך שטענדיק דורך דער אָטעם פון אַ גאַנצן, איינהייטלעכן לעבנס-פּראָצעס. עס שטעלט זיך פאַר די אויגן דער גאַנצער אידישער לעבנשטייגער, וואָס איז גלייך פאַרדאָרבן אין ניביוואַלע, ווי אין ווימיסלע, אין שפּיצינ‏יץ ווי אין שאַריוועקע. די ערשטע סימפּטאָמען פון יענער ברייטער קינסטלערישער או-פאַסונג פונם גאַנצן אידישן לעבן, וועלכע עס האָט אונז דער ערשטער געגעבן מענדעלע מויכער-ספאָרים, געפינען מיר דאָ בא אַקסענפעלדן אין זיינע דראַ-מאַטישע ווערק. און ווייל אַקסענפעלד האָט אָפּגעריסן די עלטערע אידישע דראַמע פון דער נעגידישער שטוב, ווייל ער איז ביכלאַל אוועק פון דער שטוביקער האַנדלונג צו דער עפנטלעכער געזעלשאַפטלעכער האַנדלונג, גענו-מען פונם אידישן מאַסן-לעבן, דערפאַר האָט זיך אים טיילמאָל איינגעגעבן אַריבערצוגיין איבער די גרענעצן פון זיין מאַסקילישן וועלט-באַנעמען, איבער דעם נאַאיוון גלויבן אין דער יעשועו, וואָס קאָן קומען, ווען אידן וועלן זיך באַצייטנס באַוואָרענען מיט ריכטיקע מעטריקעס — איבער דעם אלעמען האָט אַקסענפעלד דערלאַנגט צו די קוואַלן פון עכטן דראַמאַטיזם, וואָס פילן אָן היפשע שטעלן פון זיינע ווערק. און מע מוז זאָגן, עס איז געווען אַן אייגנ-אַרטיקער דראַמאַטיזם פאַר יענער צייט.

ש. עטינגער, ווען ער האָט געפּרואווט אַריינטראָגן אין זיין „סערקעלע״ עלעמענטן פון דראַמאַטיזם, האָט ער עס שטענדיק פאַרשטאַנען אַזוי, אַז דער דראַמאַטיזם נעמט זיך דערפון, וואָס דער מענטש איז אונטערגעדריקט פון זיך אַליין, פון זיינע שלעכטע אינסטינקטן, שלעכטע געוויינהייטן. אַף וויפל עטינ-גערן האָט זיך עס איינגעגעבן — דאָס איז אַן אַנדער פראַגע — אָבער אַלעמאָל האָט עטינגער געשטרעבט צו באַווייזן, ווי דער מענטש איז אונטערגעדריקט פון זיך. אַקסענפעלד האָט צוגעגעבן דערצו אַ וויכטיקן צוגאָב. אַקסענפעלד האָט דער ערשטער אין אונזער ליטעראַטור געפונען דעם קוואַל פון דראַמאַטיזם

*) זע גאָלדפאַדנס בוך: „דור הפלגה״ (ניו-יאָרק 1909).

אין דעם, וואָס דער מענטש איז אונטערגעדריקט פון יענעם, ער האָט דער ערשטער געפונען די סאָציאַלע וואָרצלען פונם דראַמאַטיזם. און פון אָט די וואָרצלען איז אויסגעוואַקסן דאָס שטאַרקסטע, וואָס איז פאַראַן אין זיינע ווערק*).

נאָך גאָר פרי, אין 1868 יאָר, האָט אַ געוויסער אידישער שרייבער (א. לערנער) אָנגעוויזן, אַז ווען אַקסענפעלדן קומט אויס צו שילדערן דאָס מיעסע און נידערטרעכטיקע, דערוועקט ער אינם לייענער אַ האַס צו דעם העלד פון דער מיעסקייט. עס דוכט זיך דעם לייענער, אַז ער איז אימשטאַנד אַליין צו נויקעם זיין זיך אין אָט דעם העלד. י. אַקסענפעלד האָט ווירקלעך אַריינגעאָטעמט אין זיינע דראַמאַטישע ווערק אַזאַ ליידנשאַפטלעכן צאָרן, אַז דאָס אַליין ווערט די טרייבקראַפט פון דער האַנדלונג אין יענע פאַלן, ווען עס פעלט אַקסענפעלדן אויס די דראַמאַטורגישע מיטלען. און דידאַקטיקע מיטלען פעלן אים אויס גאַנץ אָפט. ער האָט זייער ווייניק געפיל פאַר קאָמפּאָזיציע פון דער דראַמע און דאָס איינציקע, מיט וואָס ער זוכט נאָך צו קאָמפּענסירן דעם דאָזיקן כיסאָרן, איז די געשפּאַנטע אינטריגע פון דעם ווערק. ער בויט די האַנדלונג אויף סורפּריזן, וואָס געשעען אַזוי אָפט, אַז עס דערפילט זיך די געקינצלטקייט פון דער גאַנצער „אינטריגע”. אָבער לאָמיר אויך דאָ אויסהערן דעם קריטיקער, וואָס האָט צוריק מיט 60 יאָר שוין געוואוסט ווי צו פאַרענטפערן אָט דעם כיסאָרן פון אַקסענפעלדס ווערק.

„מיר קאָנען אים פאַרענטפערן, — שרייבט א. לערנער וועגן אַקסענפעלדס ליבע צו שפּאַנענדיקע סוזשעטן, — דערמיט, וואָס אין דער צייט פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָט דידאָזיקע מאַניע געהערשט קימאַט אין אַלע אייראָפּייאישע ליטעראַטורן, אָדער — וואָס עס איז ריכטיקער — באַשטימענדיק זיינע ווערק אויסשליסלעך פאַר דער מאַסע, האָט ער (אַקסענפעלד) באַמיט זיך אויסצונוצן זייער נייגעריקייט און באַהאַלטן פון זיי דעם אינטערעסאַנטן פינאַל, קעדיי זיי זאָלן צוליב דעם דורכלייענען אַלעס און קעדיי זיי זאָלן זיך מער צוקוקן צו דער הויפּט-אידייע” *).

*) באַזונדערס דייטלעך זעט מען עס אין „ערשטן אידישן רעקרוט”. ווי קאָנטיק עס זאָל ניט זיין די מעלאָדראַמישע באַפאַרבונג אין דער שילדערונג פון דעם „מאַיאַסעניק” נאכמען האָט דאָך אַקסענפעלד ניט פאַרמיטן צו באַווייזן, ווי נאַכמען, — דער קאָרבן פון זיין אייגענער, אַזוי צו זאָגן, אינדיווידועלער פאַרדאָרבנקייט — ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָרבן פון יענער פאַרדאָרבנקייט, וואָס הערשט אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן פון זיין סוויווע. אין דער סצענע, ווען נאַכמען זינגט זיין ליד אין שיינק, אַ ליד פון אַ מענטשן, וואָס מאַכט קיין ווערן ניט פון אלע איינגעפונדעוועטע טראַדיציעס פון פאַרצייטיקן שטעטלשן קאָהאָל-לעבן, וויל אַקסענפעלד אונטערשטרייכן, אַז די אייגציקע, ווער עס סאָלידאַריזירט זיך דערמיט, זיינען די היגע באַלמעלאָכעס, זיי הערן צו מיט גרויס באַפרידיקונג נאַכמענס שפּאָטישע לידלעך וועגן די אָרטיקע „פּניי”, זיי דערמונטערן אים און גיבן אים צו מוט צו זינגען ווייטער. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט מער ווי אַן עפּיזאָד, אָבער אַקסענפעלד האָט דאָ גאַנץ דייטלעך באַוויזן די סאָציאַלע וואָרצלען פון יענעם דראַמאַטיזם, וואָס אויף אים האָט ער געבויט זיינס אַ ווערק.

**) Осип Лернер—Критический разбор сочинений И. Аксенфельда. Одесса. 1868.

מיט דעמדאָזיקן צוגאַנג צו אַקסענפעלדס שוואַכקייטן קאָנען מיר קומען אויך צו דעם, וואָס איז קינסטלעריש שטאַרק און באַדייטנדיק בא אַקסענפעלדן.

„באשטימענדיק זיינע ווערק פאר דער מאַסע” האָט אַקסענפעלד פארשטאַנען, אַז באַפרידיקן דעם מאַסע-לייענער קאָן מען נאָר דעמאָלט, ווען אינם „טעאַטער-שטיק” וועט אַריינגעטראָגן ווערן דער אימפעט פון רעאַלן לעבן, דער גאַנצער ווידעראנאנד פון די אַרומיקע סאָציאַלע פארהעלטענישן. אונטער אַקסענפעלדס פערסאָנאַזשן האָבן זיך דעריבער געלאָזט דערקענען באשטימטע סאָציאַלע פיגורן פון דעמאָלטיקן אידישן לעבן, און אין די עפיזאָדן, וואָס פאַסירן מיט דידאָזיקע פיגורן, איז אַלעמאָל, ניט געקוקט אף דעם יאָגן זיך נאָך אַ שפאַנענדיקן סוזשעט, געווען אַ געוויסע געזעצמעסיקייט, וועלכע האָט זיך באזירט אף אַן אויסגעצייכנטן קענען דאָס לעבן פון דער אידישער סוויווע. קענען דאָס לעבן האָט געקאָנט שוין אויך עטינגער. אָבער ערשט דורך אַקסענפעלדן איז עס געמאָלדן געוואָרן ווי אַ מין געזעץ פאר יעטווידן אַרט ליטעראַרישן שאַפן. און אַ פאַקט איז עס דאָך: דעמדאָזיקן געזעץ, וואָס האָט שפעטער געמאַכט אַזוי פרוכטבאַר די גאַנצע קלאַסישע טקופע פון אונזער ליטעראַטור, האָט די ערשטע געמאָלדן די עלטערע אידישע דראַמע.

י. נוסינאָוו

די ערשטע באַגעגענישן פון דער אידישער פּרעסע מיטן טעאַטער.

I

„קול מבשר"

ביז דער טקופע, וואָס ס'הייבט זיך אָן אין דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער דורך מאָסקווער מעלוכע-טעאַטער, האָט די אידישע ליטעראַטור און פּרעסע בדרעך קלאל זיך באַצויגן מיט אַ געוויסן ביטל צום אידיש טעאַטער-וועזן.

די פּרעסע האָט פּרעטענדירט דערויף, אַז זי פאַרמאָגט מער קולטור, אַ גרעסערן פארנעם, העכערע האָסאָגעס, אַז זי איז געבילדעטער און אייראָפּייאישער פונם טעאַטער.

אויב דאָס האָט אין אַלגעמיין געהאַט אונטער זיך אַ גרונט אין דער גאָרדינישער טקופע פון אידישן טעאַטער, איז עס אָבער געוויס ניט ריכטיק געוועזן אין דער גאָלדפאדן-און פאַרגאָלדפאַדן-טקופע.

דער אונטערשייד צווישן דער פּרעסע, פון איין זייט, און דעם גאָלדפאַדן-טעאַטער, ווי אויך דער פאַרגאָלדפאַדנשער פּאָלקשפּיל—פון דער צווייטער זייט—איז באשטאַנען ניט אזוי אין דעם, וואָס דער אָדער יענער צאַד האָט פאר מאָגט מערער אָדער ווייניקער קולטור, און אַיואדע שוין ניט מערער אָדער ווייניקער וועלטלעכקייט. דער אונטערשייד האָט זיך דאָ גענומען פון פארשיידענער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג און פאַרשיידענע סאָציאַלע האָסאָגעס.

די אידישע פּרעסע איז געקומען צוזאמען מיטן אופקומען און וואוקס פון דער באַלעבאַטיש-בירגערלעכער אינטעליגענץ; דער אידישער טעאַטער, ווי אויך די פאַרטעאַטרדיקע פּאָלקשפּיל, זיינען געוועזן די רעזולטאַטן פון שאפונג-אימפּעט פון מאַסן.

די אידישע פּרעסע איז עלטער פונם אידישן טעאַטער, עלטער פון די 50 יאָר, וואָס דער גאָלדפאַדן-טעאַטער ציילט.

די אידישע פּרעסע האָט שוין פון די ערשטע שריט געמוזט האָבן אַ שטעלונג צו דער נייער באַדערפעניש אין אידישן לעבן: צו טעאַטער און צום אידישן טעאַטער-באזוכער.

און דאָ האָט זיך גלייך ארויסגעוויזן דער פארשיידענער סאָציאַלער שוירעש פון אונזער טעאַטער און פרעסע.

שוין אין העברעאישן „המגיד״ פאר 1858 טרעפן מיר אַזאַ לייטאַרטיקל:

„צו די לעזער פון פאַרדאָרבענע ראָמאַנען און צו די וואָס קוקן אין טעאַטער ליבע-פאָרשטעלונגען, צו אייך װענד איך מיין וואָרט״.

(אל קוראי ראָמאַנען נשחתים גם מחזות אהבה יחזו בבתי תיאטרות אליכם תטף מלתי).

דער „המגיד״ וואָרנט קעגן לייכטזין פון ראָמאַנען און קעגן ליבע-פאָרשטעלונגען אין טעאַטער, און רעקאָמענדירט בעסער פארברייננגען די לאנגע ווינטערדיקע אָוונטן אין לייענען צייטונגען:

„רב לכם כתבי עתים טובים בלשוננו ובלשונות העמים מקורות עמינו״ (המגיד 1855, № 20). דאָס איז לאָמדישער ביטל צו אַמאַראַצישער פארוויילונג.

ניט ווייט פון אַזאַ באַציאונג צו טעאַטער איז דער „קול מבשר״ אין זיינע ערשטע יאָרן.

אָט איז די ערשטע נאָטיץ, וואָס מיר טרעפן דאָרט וועגן טעאַטער-ווען:

„יענע וואָך האָבען דיא היגע חברה משרתים געשפּיעלט טהעאַטער, זייא האָבען זיך אויסגעליגען אַ פּאָר קריסטליכע אַקטערקיס, אונ אַ יודישען פראָוויזאָר וואָס איז אַ געריהמטער בריה איהם שפּיעלען. נאָר עס איז גאנץ רעכט, אַבי עס איז געפעללען, וויא מען זאָגט, דעם עולם, באַזאָנדערס קריסטען, וואָס דאָס איז דער עיקר. היינט איז דאָך טאַקי ארייננגעפלאססען געלד אין דער קאסע. נאָר אַ ביסעל האָט מען חוזק געמאכט: אין דעם וואָדעוויל קוממט פאָר, וויא איינער דארף עססען און טרונקען אויף דער סצענע, האָט מען איהם נישט אָנגעגרייט קיין גאָפּיל אונ קיין גלאָז אונ אפילו דאָס עססען האָט מען אויך פארגעססין איהם צו דערלאַנגען, אַז יענער איז אַזש אין כעס אַריין געקוממען אונ האָט מיט דעם פינגער ביי דער נאָז זיך געבייזערט אויף די מתעסקים וויא אויף זיין טאַטענס משרת, חאָטש דאָס האָט גאָר ניט געקעהרט צום שטיק. לכתחלה איז מיר אפילו אַ גרויס חידוש געוועזען: וויא שיקט זיך זייא זאָללען ניט ווייססען אַ טיש אַקוראַט צו באַדיענען, דערצו נאָך אַז קריסטען זיצען? נאָר אזוי וויא איך האָב תמיד ליעב מלמד-זכות צו זיין אויף יעדען, האָב איך זייא פארענטפערט: זייא האָבען געוואוסט, אַז דאָס עססען אונ דער וויין זיינען ניט כשר, האָבען זייא דאָס האַרץ ניט געהאט אַ יוד מאכיל טריפות צו זיין. נאָר אלץ קשה פאר וואָס האָט מען אין זינען געהאט אזויא פיעל זאַכען אָנצוגרייטען, נאָר נישט קיין כשר שטיקעל פלייש מיט כשרה כלים? בלייבט דיא קשיא״.

אַ חברה מאנן. Θ V. („קול מבשר״ 1864, № 18. ז. 281).

דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ פאָרשטעלונג, וואָס האָט אָרגאניזירט דער אייגנאַרטיקער אידישער פאריין פון אָנגעשטעלטע, וואָס האָט עקזיסטירט אין אָדעס שוין פון 1863.

(ז. קול מבשר״ 1863, נ. 16).

דער באַלעבאַטישער „קול מבשר" איז מעוואַטל די „גראָבע יונגען", די „קלייט-מעשאָרסים", וואָס פירן קאָמפּאַניע מיט „קריסטלעכע אַקטיאָרקעס", זיינען „מאכל טריפע", און דערצו נאָך דערלאָזן זיי, אַז „קריסטן" זאָלן האָבן פון וואָס „כויזעק מאַכן".

גיך איז אָבער דער טעאַטער אַרויס פון דער „שוסטערשער גאַס". דער אידישער „אופגעקלערטער" און אופגעקומענער סויכער, דעם „קול מבשר'ס" גלייכן, הייבט אָן באזוכן טעאַטער, ווערט שוין „קול מבשר'ס" שטעלונג צו טעאַטער אַ מער פּאָזיטיווע.

אין 1869 י. שפּילט אין אָדעס אַ דייטשישע טרופּע. איר רעפּערטואַר באַשטייט פון אָפּערעטן פון דעם שניט, וואָס מע שפּילט אין יענער צייט אין אָדעסער רוסישן טעאַטער. און דער „קול מבשר" פּאַרפירט דעם ערשטן מאָל א טעאטער-אָפּטיילונג, וואָס הייבט זיך אָן פון אַ קליינער נאָטיץ און פאַרנעמט שוין אין די ווייטערדיקע נומערן צו 60—50 שורעס.

קלאָר איז, אז א שאיכעס צו דער טעאַטער-אָפּטיילונג האָט דאָ די דייטשישע טרופּע גופע.

וועגן דעם זאָגט איידעס די שפּראַך פון די נאָטיצן, וואָס אונטערשיידט זיך אַזוי דורך איר דייטשמערישקייט פון „קול-מבשר"-אידיש.

דאָס איז אויך צו זעען פונם אַרט פּאָרשטעלן די פּראָגראַם, די אַקטיאָרן, וואָס צוליב זיי איז ווערט, דאָס „אידישע פּובליקום" זאָל קומען אהין.

דער נוסעך איז אזא, אז ס'קאָן זיך שוין דוכטן, אז ס'האַנדלט זיך שוין ניט וועגן קיין דייטשישן טעאַטער, נאָר וועגן שאָלעם-אַליכעמס דירעקטאָר פונם אידיש-דייטשישן טעאַטער שטשופּאַקן.

ערעוו דעם בענעפיס פון איינעם פון די הויפּט-אַקטיאָרן פון דער טרופּע, אַ אידן, רעכנט מען אויס אין „קול-מבשר" זיינע מאַילעס:

„זיין מימיק, זיינע שפּראכע, זיינע וויטצע אונ קאָמישע ווענדונגען, זיין שטימע אונ זיין פּאָרטראג פערדיענען אללען לאָב". די צייטונג דריקט אויס איר זיכערקייט, אַז דער אוילעם וועט קומען אפן בענעפיס:

„בעזאָנדערס דארף הי' פאגאי אידען מעהר אינטערעסירען, ווייל ער איז דער איינציקער יוד אין דער דיעסיעהריגען דייטשען טרופּפּע, א יוד פון איינער דער שאנסטען און רייכסטען יודישען פאמיליע אין פּראָג, וואָס האָט זיך געווידמעט דער ביהנע נאָר אויס ליעבע צום פאַך אונ איז דערביי א הייסער יודישער פּאַטריאָט, אזא יוד מאכט אונז עהרע אונ פאַרדינט, אז יודן זאָללען איהם בעווייזע געבען, אז זייא ווייססען א טאלענט אונ זיין יודיש הארץ צו שעמצען".

(„קול מבשר" 1869, נ. 26, ז. 181 „טהעאטער אנצייגע").

דעם אידישן סויכער, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל פּאַרווכט פון אָדעסער גרויסשטעטישער אויסגעלאסנקייט, זאגט מען צו אן אָפּערעטן-אינטריגע: „דער מאַן אונטער דער טיר", „די שיינע העלענע". מע ווייזט אים אן אָפּערעטן-קאנקאן, מע איבעראשט זיין קליינשטעטלדיקייט מיט „איי־אָפּעאיש-בארימטע טענצערין".

זאָל ער אָבער זיך ניט צופיל שרעקן פאַר דער זינדיקייט פון טעאַטר, טרייסט מען אים מיטן איכעס פון אקטיאָר:

„אַ יוד פון איינער דער שאנסטען און רייכסטען יודישען פאמיליע אין פראג".

דאָ איז אָנגעטאָפּט געוואָרן די שפּראך, דורך וועלכער דער אידישער טעאַטר וועט זיך שפּעטער צונויפרעדן מיטן אידישן באַלעבאָס. דער „קול-מבשר" האָט דעם „שידעך" אויסגעפּירט, און די דייטשישע טרופּע שטרעבט, געוויסער מאסן, צו ווערן א דייטשיש-אידישער טעאַטר.

אין א נאָטיץ, וואָס שיינט אינגאַנצן צו זיין צונויפגעשטעלט אין דער דייטשישער טרופּע, און וואָס די רעדאקציע האָט זי פון איר אייגענעם נאָמען אָפּגעדרוקט, לייענען מיר:

„שבת דעם 9-טן אַווגוסט, געלאָנגט „דער לעצטע יודע" צום אויפפיהרונג. דער פערפאססער איסט זעלבסט איין יודע אונד פערשטאנד עס מייסטערהאפט דיא קאָנפליקטע צווישן קריסט אונד יודע לעבענסוואהר צוא שילדערען אונד וויר קעננען דאהער מיט רעכט דען פובליקום דיעזען טהעטער אַבענד בעס-טענס עמפּפעהלען".

„נעכסטען מאנטאג... א נייא שטיק, וואָס וועט אם מייסטען אינטערעסירען יודען. דאָס שטיק הייסט: „דער יודישער דיענסטבאָטע".

(„קול מבשר" 1869, נ. 32, ז. 229).

ווייזט אויס, אז די דייטשישע שפּראך און די צו גרויסע פאַרפערעמדקייט פונם רעפערטואַר, וואָס ס׳האָט אין אים אינגאַנצן געפעלט אידישע שטייגער-דיקייט, האָט דאָך ניט געלאָזט, דער אידישער באַזוכער זאָל ווערן א געגוגנ-דער מאַטעריעלער באַדן פאַר דעם דייטשישן טעאַטר. אין 1870—71 איז אין „קול מבשר" פאַראַן בלויז איין נאָטיץ וועגן דעם דייטשישן טעאַטר, אז זיינע געשעפטן גייען שלעכט.

(ק. מ. 1870, נ. 40, ז. 298).

די טעאַטר-אָפּטיילונג בלייבט שוין אָבער אין צייטונג אַף טאָמיד. זי בא-שטייט ס׳ראָוו פון נאָטיצן וועגן רוסישן טעאַטר, אין וועלכן דער אידישער באַזוכער פאַרנעמט שוין א בעקאָוועדיק אָרט. עס באַמערקן זיך שוין, ווי דער רוסישער טעאַטר זוכט שוין דורך זיין רעפּערטואר זיך צופּאַסן צום אידישן באַזוכער.

ס׳קומען שוין אין רוסישן טעאַטר פאָרשטעלונגען, וואָס זיינען אויסגע-רעכנט דעריקער אפן אידישן באַזוכער.

דערוף זאָגט איידעס די נאָטיץ וועגן דער שטעלונג פון א נייער שטיק פון אַ היגן מחבר, אונטער דעם נאָמען „דער יוד, וואָס טרייבט זיך ארום". „Странствующий жид" דער פאַרפאססער איז... א יודע, וואָס לאָזט עס צום ערשטען מאָהל היע אויפיה״ען און וועט אליין אויך מיטשפּיעלען—צוליעב וואהלטעטיקען צוועק".

(ק. מ. 1871, נ. 5, ז. 40).

דאָסזעלבע דער אַנאָנס אין רוסיש וועגן א פאָרשטעלונג „האָמען — א דראַמע פון אלטן אידישן לעבן מיט רייכע דעקאָראַציעס, וואס שטעלן פאָר פּאַלעסטינע, אַ זעלטענער היסטאָרישער מאָמענט מיט אלע אַלטע אידישע מינהאָגים".

(ק. מ. 1871, נומ. 51).

און לעצטנס — דער אַנאָנס, אז „אינם מאַריען-טהעאַטער וועט פאָרגעשטעלט ווערין דורך דער רוסישער טרופּפּע אונ מיט דער באַגלייטונג פון יודישע כאר אונטער דער אופּראַוולעניע ג. נאָוויקאָוו — אוריאל אַקאָסטאַ, אַ טראַגעדיע אין 5 אַקטען, איבערזעטצונג ג. גוצקאָוו'ס".

נאָכדעם, ווי ס'ווערט אין א פּאָר צענדליק שורעס איבערגעגעבן דער אינהאַלט פון „אוריעל אקאָסטא" און אויסדערציילט, וואָס פאַר א רירנדע פאַרן אידישן האַרץ היסטאָרישע סצענעס ס'קומען דאָרט פאָר, ווערט געמאָלדן:

„אין שלוס איין אָפּערעטקע פון דעם בעריהמטען יודישען קאָמפּאָזיטאָר ה' אפּנבאַך — צעהן כלה'ס אונ ניט איין חתן".

(„קול מבשר" נומ. 29 1871 י., ז. 231).

אָט דאָס זיינען די נאָטיצן און אַנאָנסן פון די רוסישע טעאַטערן, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך דעם אידישן באַזוכער.

די ידיעות פון „קול מבשר" אין דעם געביט זיינען געווען אַזוינע קנאַפּע, אז ס'איז רעכט געווען אָנצוווייזן גוצקאָוון, אלס איבערזעצער פון „אוריעל אַקאָסטא".

נאָר אָט די טעאַטער-נאָטיצן פון „קול מבשר" זיינען דאָך געווען דער באַווייז, אז דאָס אידישע טעאַטער איז שוין א צייטיקע געזעלשאַפטלעכע באַדערפעניש.

ווער און ווי אַזוי וועט באַפרידיקן אָט די באַדערפעניש — וועגן דעם האָט „קול מבשר" קיין אנונג ניט געהאַט.

די באַלעבאַטיש-בירגערלעכע אָפּשטאַמונג פון דער צייטונג, וואָס האָט פון אָנהייב אָן געמאַכט פאַר אומעגלעך, זי זאָל זיך באַציען צו אידיש, ווי צו אַ שפּראַך, אף וועלכער ס'דאַרף געשאַפן ווערן א מאָדערנע פאָלקס-קולטור, האָט ניט געלאָזט דער „קול-מבשר" זאָל גאָר שטעלן די פראַגע וועגן אידישן טעאַטער.

דער „קול מבשר" נעמט אָן אקסענופעלדס דראַמען, גאָלדפאַדנס „די מומע סאָסיע", ער באַגריסט זיי אין ביבליאָגראַפישע נאָטיצן, וואָס זייער מעכאַבער איז טאַקע צעדערבוים אַליין.

(ק. מ. 1869, נומ. 22, 26).

ער באַטראַכט זיי און באַגריסט זיי בלויז אלס ביכער, קיין שטאָף פאַרן צוקונפטיקן אידישן טעאַטער זעט ער אין זיי ניט.

געבן סטימולן צו א זעלבשטענדיקער אַרבעט אפן טעאַטער-געביט וועט זיך נאָך דער „קול מבשר" פאַר קיין ציל ניט שטעלן.

און דערמיט ווערט כאַראַקטעריזירט די ערשטע באַגעגעניש פון דער אידישער פּרעסע מיטן טעאַטער, אף וויפל דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין „קול מבשר".

II

„יודישעס פאָלקס-בלאַט"

אין די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון גאָלדפאַדנס טעאַטער איז קיין אידישע פּרעסע אין רוסלאַנד, אייגנטלעך, ניט געווען.

דער „קול מבשר" האט זיך פאַרמאַכט אין 1872, „פאָלקס-בלאַט" האָט אָנגעהויבן ארויסגיין דעם 1/13 אָקטיאבער 1881.

דערפאַר אָבער זיינען די ערשטע צוויי יאָר פון „יודישעס פאָלקס-בלאַט" צונויפגעפאַלן מיט די יאָרן פון א באַזונדערער אַקטיווקייט פון גאָלדפאַדנס טעאַטער.

ער האָט פאַר די יאָרן געמאַכט איינִיקע נעסיעס איבערן אידישן אישעוו, ער האָט גאַסטראָלירט אין מאָסקווע, פאַרבראַכט בעערעך א לייִנגערע צייט אין פּעטערבורג גופא, וואו דער „פאָלקס-בלאַט" איז אַרויסגעגאַנגען.

די צייטונג האָט אָבער קנאַפּע אופמערקזאַמקייט געשיינקט גאָלדפאַדענען, ווי דעם טעאַטער-וועזן בּיכלאָל. פאַר די יאָרן 1882—83 געפינען מיר אין „פאָלקס-בלאַט" בלויז איין רעצענזיע וועגן דער 5-טער פאָרשטעלונג פון „דר. אלמאַסאדאָ" אין פעטערבורג (פ. ב. 1 № —1882), איין אַנאָנס וועגן דער פאָרשטייענדיקער שטעלונג פון „אוריעל אקאָסטא" (3 №, 1882) און איין קאָרעספּאָנדענץ וועגן גאַסטראָלן פון א אידישער טרופּע אין קרעמענטשוג (45 №, 1882*).

אין די יאָרן 1882—83 איז גאָלדפאַדן אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ. אויסער אים, זיינען שוין איבער דער פּראָווינץ אַרומגעפאָרן נאָך איינִיקע טרופּעס. „פאָלקס-בלאַט" האָט געהאַט בעערעך א גרויסע אָפּטיילונג פון פּראָווינץ-קאָרעספּאָנדענצן. מע האָט דאָרט געשריבן וועגן אלץ און אַלעמען, וואָס עס קומט פאָר אין דער פּראָווינץ, אָנהײבנדיק פון טאַלמעטוירע און ענדיקנדיק מיט „א שיינער" מאַטאָנע, וואס א „פיינער" באַלעבאָס האָט געגעבן אן אָרעמען קאָרעוו. נאָר וועגן אַזאַ געשעעניש, ווי גאַסטראָלן פון אידישן טעאַטער, געפינען מיר בלויז איין קאָרעספּאָנדענץ, האַגאַם מיר טרעפן ניט איינמאָל נאָטיצן פון אזא אָרט:

„טאַגאַנראָג. די טעג האָבען די היגע יודען געהאַט א שטיקעל נחת און א ביסעל כבוד. אין טהעאַטער האָבען צוויי יודיש׳ע מיידלעך געגעבען א קאָנצערט. דאָס זיינען געווען קינדער פון ד״ר דאמבּרא... אלע זיינען אַוועק זעהער צופריעדען".

(פ. ב. 1884 נומ. 43).

אין דעם פאַרשווייגן דעם טעאַטער און שטאָלצירן מיט א קאָנצערט פון א דאָקטערס צוויי מיידלעך האָט געשטעקט א באַשטימטע קאָוואָנע.

---

*) די נומערן, וואָס זיינען דערשינען פאַר די 3 כאָדאָשים 1881, האט זיך מיר ניט איינגעגעבן צו זען. דער איינציקער עקז. פון די נומערן, וואס איז געווען אין דער מאָסקווער לעניניִשער ביבליאָטעק, איז פארפאַלן געגאַנגען. אָבער, אַף וויפל מיר איז באַוואוסט, איז דאָרט וועגן גאָלדפאַדנס טעאַטער גאָרניט געווען געדרוקט.

דאָס ווערט בוילעט באַם קעגנשטעלן דידאַקטישע נאַטיץ מיט דער איינציקער קאָרעספּאָנדענץ פון „יודישן פאָלקס-בלאַט" וועגן די גאַסטראָלן פון אידישן טעאַטער.

מיר ברענגען זי קימאַט אינגאַנצן:

— „קרעמענטשוג. 9 נאָיאַבר. שוין פון עטלעכע וואָכן זענען היע דיא יודישע אַקטיאָרען און שפּיעלען טהעאַטער. זיי האָבען שוין כמעט אויסגעשפּיעלט זייער גאַנצען רעפּערטואַר און פאַנגען אָן ווייטער פון דער התחלה. קענט איהר פאַרשטיין, אַז קרעמענטשוג איז אַ גרויסע שטאָדט און אח"בי האָבען איבעריקס געלד. די ראיה איז נאָך פון דעם, אַז ווען די רוסישע טרופּעס שפּיעלען איז פּשוט וויסט און לעער דאָס טהעאַטער, און אז אונזערע יודישע שפּיעלען איז צייטענווייז פּשוט אַ נאָדעל ניט אַריינצוואַרפען. געלד מאכט געניג. איך האב מורא איהר וועט פרעגען אַ קלאָץ-קשיא: אַז קרעמענטשוגער יודען זענען אזוי רייך און שיטען מיט געלד אויף טהעאַטערען און אנדערע אזוינע נארישקייטען, פאר וואָס גייט ארויס פון זיי ווייניג צדקה אויף וויכטיגערע און נויטיגערע זאכען? כדומא מאכען אַ קאַפּיטאַל צום נאָבאָר פאר די וואָס דארפען גיין צום גורל און דערגלייכן... נאָר איהר וואָלט אפשר גימיינט אז די אקטיאָרען שפּיעלען טאקע עקסטרא פיין און די היגע יודען זענען גרויסע מבינים און אַ מבין צאָלט די לעצטע קאָפּיקע פאר זינגען און שפּיעלען. דאָס איז אָבער מחילה פאלש!" (פ. ב. № 45, ז. 694, 1882).

די קאָרעספּאָנדענץ רעדט קלאָר וועגן דעם גרויסן אינטערעס פון דער אידישער באַפעלקערונג צום אידישן טעאַטער, בעשאַס צום רוסישן טעאַטער איז מען געווען גלייכגילטיק. דאָך האַלט זי ניט פאר נייטיק צו זאָגן קיין וואָרט ניט וועגן די טרופּע, ניט וועגן דעם רעפּערטואַר, און באַנוגנט זיך מיט אַ ביטלדיקער באַמערקונג וועגן דער שפּיל און וועגן דער מעווינעס פונם עולם. דערפאַר האַלט זי זיך פעסט באַם באַלעבאַטישן טאַכלעס און שטראָפט פאַר אויסברייגען געלט אָף „אַזוינע נאַרישקייטן".

אַט די גרינגשעצונג פון טעאַטער מיצאַד דעם צופעליקן פּראָווינציעלן קאָרעספּאָנדענט איז כאַראַקטעריסטיש פאר דעם „פאָלקס-בלאַט" ביכלאַל. וועגן דעם זאָגט איידעס די קנאַפּע אופמערקזאַמקייט פון דער צייטונג צו גאָלדפאַדנס גאַסטראָלן אין פּעטערבורג, ווי אויך צום פאַרבאָט פונם אידישן טעאַטער.

וועגן די גאַסטראָלן פון גאָלדפאַדנס טעאַטער איז, ווי געזאָגט, פאַראַן בלויז איין רעצענזיע. זי איז זייער אַ וואַרעמע און אַ גינסטיקע פאַרן טעאַטער. די שוואָכים זיינען אָבער אַזעלכע, אַז הערן אין זיי די שטים פון די מאַסן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן צום לעבן דעם טעאַטער, קאָן מען ניט. פאַרקערט, די שוואָכים זיינען געקומען מיצאַד יענע סאָציאַלע גרופּן, וועלכע שפּעטער זיינען אין בעסטן פאַל געווען גלייכגילטיק צום אונטערגאַנג פון גאָלדפאַדנס טעאַטער, אויב זיי האָבן נאָר אַליין קיין שאַיכעס ניט צום פאַרבאָט.

ס'האַנדלט זיך וועגן דער 5-טער פֿאָרשטעלונג פֿון „ד"ר אלמאסאדאָ", וואָס איז געגעבן געװאָרן דעם 28-טן דעקאַבר א. ס. 1882 אין פּעטערבורג.

דעם גרעסטן שוואך, וואס דער רעצענזענט מ. ח—ס (מוז זיין מוישע ראַש-קעס — כאַשקע די ווילנערקע. י. נ.), באַשטייט אין דעם, וואָס „די פּיעסאַ (שטיק) איז היסטאָריש". מער פֿון אַלץ געפֿעלט אים דאָרט „דאָס געדיכט געה-געה", וואָס ד"ר אלמאסאדא זינגט אין געפֿענגעניש".

און קעדיי זיינע שוואָכים זאָלן בא קיינעם ניט אַרויסרופֿן קיין ספּייקעס ברייגנט ער זיין הויפּט-ראַיע:

„דאָס טהעאַטער איז געווען בעזעצט פֿון א בעסערעס נאָבעלערעס פּובליקום—דאָס אַליין, גלויבען מיר, איז שוין די בעסטע „רעצענזיאָן" אונ דעם „רע-צענזענט" (קריטיקער) בלייבט נאָר איבעריג צו זאָגען, אז דאָס שטיק אין גאַנצען איז א מייסטער שטיק, אזאַ ווערק, וואָס קען ניט אלעמאָל געמאַכט-ווערין".

(פֿ. ב. נום 1, 1882).

אין דער אַרגומענטאַציע דורך „בעסערעס נאָבעלערעס פּובליקום" ליגט דער שליסל צו דער גאַנצער שטעלונג פֿון „פֿאָלקס-בלאַט" צום טעאַטער.

אין העסקעם מיט די פֿאָדערונגען פֿון דער בורזשואַזער האַלב-אַסימילירטער אינטעליגענץ האָט „פֿאָלקס-בלאַט" מיט דער האַנט אוועקגעמאַכט די שטייגער-דראַמען פֿון גאָלדפֿאַדענען און הויך געשטעלט, אַפּילע געשטויסן אים צו געשיכטלעכע דראַמען, וואו ס'קאָן זיך אנטפּלעקן „דאָס פּינטעלע איד".

דער ביטל פֿון דער בורזשואַזיע צו אזעלכע זאַכן, ווי „שמענדריק" איז געווען אזוי שטאַרק, אז גאָלדפֿאַדן גופֿע האָט געשטרעבט פֿאָרצושטעלן דאן די זאַך אזוי, אז ער האָט זיך שוין אָפּגעווענדעט פֿון אָט דעם אַרט פֿאָרשטעלונגען, און האָט זיך טאַקע גענומען פֿאַר זיינע היסטאָרישע זאַכן: „באַר-קאָכבע", „אלמאסאדא" א. ד. ג.

נאָך שטאַרקער האָט דעם דרוק פֿון דעם „פּעטערבורגער" „בעסערעס נאָבעלערעס פּובליקום" געשפּירט דאָס „פֿאָלקס-בלאט", און דערום געקוקט אפֿן טעאַטער מיט די אויגן פֿונם דאָזיקן „פּובליקום".

אין 1887 י. ווענדעט זיך דערזעלבער מ. ראשקעס מיט א ליד „צו גאָלד-פֿאַדענען" (פֿ. ב. № 18, 1887).

מאַיסע גוטער-ברודער שטראָפֿט ער גאָלדפֿאַדענען פֿאַר זיין שווייגן:

„שעהם זיך, אברהם'על, אין אַזאַ צייט צו שלאָפֿען . . . .

גענוג דיר צו רוען דאָרט בייא דיין וויב.

ווערביל'ס*) טאָכטער — קענן זיין — איז א גאַנץ וואהלע דאַמע אין איהר שוים איז פֿיעלייכט גוט צו געפֿינען די רוהע, נאָר אָן דיין ערשטע פֿרוי האסטו פֿאַרגעסען מן הסתמא, איך מיין די הימלישע ליעבע פּאָעזיע!" ער פֿאָדערט בא גאָלדפֿאַדענען:

*) ווערביל — א מאַסקילישער פּאָעט — איז גאָלדפֿאַדענס שווער.

„גיט אונז אזויגע ליעדלעך, ווי „פינטלעך פון יודלעך", „ווי דער בית דין של מעלה". ווי „דער יודישער רעקרוט", „שרייב אונז „געה! געה!" „דאָס פּאַסטיכל" זינג ווידער". און פאַרענדיקט מיט אַ קאַטעגאָרישער אָנווייזונג, וואָס גאָלדפאַדן דאַרף ניט צו שרייבן:

„שמענדריקעס", „קאָלדראָניעס" האבן מיר גענוג

. . . .

מיט דיין „קוני לעמיל" וועסט דו אונז ניט מאכען קלוג".

איצט איז שוין קלאָר. אויב מ. ראשקעס, דער מעכאַבער פון דער איינ-ציקער רעצענזיע, האלט, אז „קאָלדראָניעס", און „שמענדריקעס" האָבן מיר גע-נוג, איז פאַרשטענדלעך אויך דער טאָן פון דער רעצענזיע. דאָס „פאָלקס-בלאַט" וויל צוזאמען מיט דער דעמאָלטיקער רוסיש-אידישער פרעסע ניט ליידן, אלעמאַי מע ווייזט פאַר „קריסטן" „שמענדריקעס". ער איז מוחל אויך ד"ר אלמאסאדא צוליב דעם ביזאָיען, וואָס די שמענדריקעס פאַרשאַפן אים.

דאָס „אידישע פאָלקס-בלאַט" מאַכט שוין דעריבער ניט קיין באַזונדערן ווען פונם גאַנצן אידישן טעאטער.

ס'קומט נאָך דער רעצענזיע אן אנאָנס, אז „דאָנערשטאָג, דעם 26-טען יאַנואַר ווערד געגעבן צום ערשטען מאָהל אוריאל אַקאָסטא — אַ טראַגעדיע אין 5 אקטען, איבערזעצט פון דער דייטשער שפּראַכע און אַראַנזשירט פאַר דער יודישער סצענע, אין 10 בילדער מיט קאהרע פון א. גאָלדפאַדען" (פ. ב. № 3 1883).

נאָר קיין רעצענזיע וועגן דער פאָרשטעלונג געפינען מיר שוין ניט אין „פאָלקס-בלאט", ווי מיר טרעפן דאָרט ביכלאל מער קיינע ידיעס ניט וועגן אידישן טעאַטער.

און אויב די עקזיסטענץ פון אידישן טעאַטער האָט אזוי ווייניק געצויגן צו זיך די אופמערקזאַמקייט פון „פאָלקס-בלאַט", איז קיין וואונדער ניט, וואָס די ציייטונג האָט זיך אזוי ווייניק אָפּגעשטעלט אפן פאַרבאָט פונם אידישן טעאַטער.

דער טעאַטער איז פאַרבאָטן געוואָרן לויט א פאראָרדענונג פון געהילף-מיניסטער פאַר אינערלעכע איניאָנים. וואָלט געווען נאַטירלעך, אז א אידישע ציייטונג, וואָס גייט ארויס אין פעטערבורג, זאָל די ערשטע וויסן פון אַזאַ פאַרבאָט.

נאָר „פאָלקס-בלאַט" ווערט דערפון געוואָר פון „אָדעסקי וועסטניק", דאָרט איז אין № 192 פון $^1/_{13}$ סענטיאבר אָפּגעדרוקט א כראָניק-נאָטיץ:

„דער פאַרבאָט פון אידישע פאָרשטעלונגען, אין אָדעס איז דערהאַלטן גע-וואָרן א ידיע פון פעטערבורג, אז ס'ווערן אומבאדינגט פאַרבאָטן פאָרשטע-לונגען פון אידישע טרופּעס".

אפן סמאַך פון אָט דער ידיע אין „אָדעסקי וועסטניק" מעלדעט „פאָלקס-בלאַט":

„אין אָדעססאַ איז אָנגעקומען א פּריקאז פון דער מיניסטערסטווא וונוט־רעניך דיעל צו פאַרביעטען די יודישע טרופּען צו שפּיעלען יודיש טעהאַטער" — („אָדעסקי וועסטניק") — (ז. פּ. ב. 36 מ, 1883, פון 14/26 סענטיאַבר).

קיינע פּיירושים פון זיך מאכט די צייטונג ניט. דער לייטאַרטיקל אין № 36, ווי אין № 37 רעדן וועגן גזיירעס און פאַרפאָלגונגען אף אידן, נאָר וועגן דעם פאַרבאָט פונם טעאַטער ווערט דאָרט א וואָרט ניט דערמאָנט. מיינען, אז דאָס איז געווען צוליב צענזור־באַדינגונגען איז אויך שווער טאַקע דערפאַר, ווייל גראָד אין № 82—83 איז קימאַט יעדער ארטיקל געווען א קלאָג אף אַלערליי פאַרבאָטן און באַגרענעצונגען אין רעכט, וואָס פלעגן פאַלן אף דער אידישער באַפעלקערונג.

דער טעאַטער־פאַרבאָט האָט געטראָפן גאָלדפאַדענען אין ריגע. די אָרטיקע דייטשישע צייטונג „Rigasche Zeitung" האָט וועגן דעם געמאָלדן אין א גרעסערער נאָטיץ. „אָדעסקי וועסטניק" האָט די נאָטיץ מיט אייניקע פאַרקירצונגען איבערגעדרוקט. אין „פאָלקס־בלאַט" געפינען מיר וועגן דעם גאָרניט. און די־דאָזיקע נאָטיץ האָט געהאַט אַ באַזונדער אינטערעס פאַר אַ צייטונג, וואָס פלעג אזוי אָפט רעאַגירן אף אַלץ, וואָס ניט־אידישע צייטונגען, סיי אידן־פריינטלעכע, סיי אנטיסעמיטישע, פלעגן אַרויסזאָגן וועגן אידישע אנגעלעגנהייטן.

ברענגענדיק די ידיעה וועגן די פאַרבאָטן פון אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, שרייבט די „Rigasche Zeitung": „אייניקע פון די אין העברעאישן זשאַרגאָן פאַרפאַסטע זאַכן, וואָס מע פלעגט פריער פאָרשטעלן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פולשטענדיק ניט קיין פאַסיקע אף פאָרגעשטעלט צו ווערן.

אף וויפל מיר זיינען אינפאָרמיט וועגן די מיינונגען פון דער היגער געבילדעטער אידישער באַפעלקערונג, קאָנען מיר זאָגן, אז דערדאָזיקער שריט איז אָנגענומען געוואָרן מיט באַגיטיגונג":

„Dass diese Massregel beifallig aufgenommen wird". „Rigasche Zeitung" № 209, 12/24 сентябр 1883.

די אידישע „געבילדעטע באַפעלקערונג" פון דער שטאָט, וואו דער פאַרבאָט האָט גאָלדפאַדענען געטראָפן, האָט אופגענומען דעם פאַרבאָט מיט באַגיטיגונג. און די איינציקע אידישע צייטונג האָט אַזאַ שענדלעכן פאַקט פאַרשוויגן. צי עפשער איז עס געווען א בילבל פון א ניט־אידישער צייטונג? עס איז קעדאַי צו דערמאָנען דאָ, אַז ווען אנטיסעמיטישע צייטונגען האָבן אין זעלבן יאָר געשריבן, אז „געבילדעטע אידן" באַגריסן דעם פאַרבאָט אידן צו האלטן שיינקן, ווייל דאָס, זעט איר, וועט פאַרבעסערן די אידישע זיטלעכקייט, האָט „פאָלקס־בלאט" שאַרף פאָלעמיזירט סיי מיט די אנטיסעמיטישע צייטונגען, סיי מיט אָט די „געבילדעטע אידן". דאָס מאָל אָבער האָט

„פּאָלקס־בלאַט“ געשוויגן. ווייזט אויס, דער עצם איניען אידישער טעאַטער איז נאָך דעם „פאָלקס-בלאַט“ ווייניק אָנגעגאַנגען.

מיט וואָס דערקלערט עס זיך?

מיט צוויי גרונט-זאַכן.

מיט דער האַשפּאָע פון דער „פּעטערבורגער“ גווירישׂ אסימילאַטאָרישער געזעלשאַפטלעכקייט אפן „פּאָלקס-בלאַט“, און מיט די כּיבאסטיאָנישע טענדענצן פון דער צייטונג.

אָט די צוויי פאַקטאָרן האָבן געשטערט דעם „פּאָלקס-בלאַט“ בא זיינע בעפּיירעש דעמאָקראַטישע פּאָלקס-טענדענצן צו דערשפּירן דעם ווערט פון אַנטשטייענדיקן אידישן טעאַטער און אים ווי געהעריק אָפּצושאַצן.

אויב „פּאָלקס-בלאַט“ האָט שוין ניט אזוי באַטאָנט, אז אידיש איז א צייט-ווייליקע זאַך, ביז דאָס פאָלק וועט זיך אויסלערנען די לאַנדשפּראַך, האָט ער אָבער, צוליב דער בורזשואזער ווירקונג און צוליב זיינע כּיבאסטיאָנישע טענדענצן ניט געגלויבט, אז אין אידיש וועט אויסוואקסן א נייע גרויסע קולטור.

פונדאַנען נעמט זיך דער פאַקט, וואס, לויבנדיק, לעמאָשל, אין דער דער-מאָנטער איינציקער רעצענזיע וועגן גאָלדפאַדנס טעאַטער דעם ארטיסט קאָרפּ, אז ער „שפּיעלט אויסגעצייכענט, ווי איין וואַרער אַרטיסט, ווי איין קינסטלער פון ערשטען ראַנג“, באַדויערט אים דער רעצענזענט: „ה׳ קאָרפּ וואָלט קענען ערוואַרטען א גרויסע און גאָלדענע צוקונפט... ווען... ווען... ווען ער וואָלט קיין יוד נישט געווען“.

דאָס הייסט, אז איבער אידישער רעכטלאָזיקייט קאָן קאָרפּ קיין קאריער אף דער רוסישער בינע ניט מאַכן, און וואָס, מ׳שטיינס-געזאָגט, פאַר א „גלענ-צענדע צוקונפט“ קאָן דאָס זיין אין אידישן טעאַטער?

בלויז איין מאָל האָט זיך אין „פּאָלקס-בלאַט“ דורכגעריסן באַציאונג צו גאָלדפאַדנס טעאַטער, ניט אַפילע צו גאָלדפאַדענען גופע, ווי צו א גרויסער געשעעניש אין אידישן לעבן, און דער באַוואוסטזיין, אז דאָס אומקומען פון אַזאַ טעאַטער איז א גרויסער פארלוסט געווען.

דאָס איז געווען אין 1888.

אין אן אַרטיקל „דאס יודישע טהעאַטער און די יודישע שוישפּיעלער“ („רעצענזיע איבער דאס יודישע טהעאַטער אין ווארשוי“ געצאַסמעט „ישראל ליפשיץ איש קאוונע“, ביילאַגע צום „יודישען פּאָלקס-בלאט, № 26, 1888) ווערט געמאַכט א פאַרגלייך צווישן דעם, ווי אַדלער מיט זיין טרופּע שטעלן איצט אין ווארשע גאָלדפאַדנס רעפּערטואר, און ווי גאָלדפאַדן האָט בעשאטוי דיזעלבע זאַכן מיט זיין טרופּע געשפּילט אין וואַרשע.

דער מעכאַבער שטעלט זיך פאָר פאַר אַ סויכער פון דער ליטע, וואָס קו-מענדיק קיין וואַרשע נאָך סכוירע, איז ער אין די יאָרן פון גאָלדפאַדן אַמאָל פאַרשלעפּט געוואָרן אין אידישן טעאַטער און איז אזוי איבעראַשט גע-

וואָרן פון די פאָרשטעלונגען, אז ער האָט שוין קיין איינע ניט פאַרלאָזט. און ווען איצט איז ער ווידעראמאָל געקומען קיין וואַרשע און האָט ווידער דערזעען אפישן, אז מע שטעלט „שולאמיס", בארקאָכבא", „דאָקטאָר אלמא-סאדא", איז ער גלייך נאָך א מאָל געלאָפן אין טעאַטר און איז געקומען טיף אנטוישט.

דער אַרטיקל איז אַזוי אָנגעשריבן, אַז ס'איז שווער צו מיינען, אַז דער מעכאבער איז טאַקע געווען פאָשעט א טויכער פון דער פראָווינץ. ס'האָט געמוזט זיין א מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ שאַיכעס צו דער אידישער פרעסע. אָבער דערפאַר איז נאָך וויכטיקער זיין אָפשאַצונג.

ער דערציילט, אז אים איז אויסגעקומען צו זיין אף דער 150-טער שטעלונג פון „שולאמיס". לויבט אויסערסט די ארטיסטן. און גיט איבער כאַראַקטעריסטישע פאַקטן וועגן די באַזוכער:

„דער יודישער עולם פון אללע קלאַססען האָט דעם טהעאַטער בעזוכט, זעלבסט דער פראָסטער ארבייטער, וואָס האָט זאָנסט ווענינ געפיהל פיר קונסט און שענהייט, האט זיינע צוואנציק קאָפיקעס מיט פערגניגען געטראגען אין טהעאַטער אריין. ער האט זיין ביער-האַללע און שאַנקעל ווי פערגעססען און פלעגט געהען צו זעהען „שולמית", „בר-כוכבא" נאָך אמאָל און נאָך א מאָל. איך האב אין גיכען באַמערקט די גוטעווירקונג פון דעם טהעאַטער אויף דעם המון! אין יעדער פאַבריק, וואו איך האָב זיך נאכהער מיט יודישע אַרבעטער באגעגנט, האָב איך געהערט זינגענדיק אָט די ליעבע פאַטריאָטישע ליעדעלעך, וואָס דער פאַטריאָטישער דיכטער האט אין זיינע ערענסטע מעללאָדראַממען אַריינגעשטעלט; איך האב דיעזע ליעדלעך געהאָרכט זינגענדיג אויך פון עלטערע אַנשטענדיגע יודען, שבת ביים טיש צו זמירות, און אין א וואָכען טאָג אויף אַ שמחה, אָדער אין א געזעלשאַפט. דיעזע ליעדעלעך זינגען נאָך עד היום זעלבסט קליינע קינדער; זייערע טאַטעס און מאַמעס, האבען דיעזע ליעדעלעך זייערע קינדער געלערנט, ווייל זיי געפאַללען זיי זעהר און עס איז, ווי מען זאגט, זיי איינגעבאַקען אין הערצען. איך האב געזעהן, אַז דאס טהעאַטער איז ניט קיין קלייניגקייט, דאָס איז אַן אַנשטאַלט, וואס האט בכח מיט דער צייט דעם יודישן פאָלק פיעל נוטצען צו ברענגען".

דער מעכאַבער האַלט, אין העסקעם מיט דער טראַדיציע, פאַר דעם וויכטיקסטן פון גאָלדפאַדנס רעפערטואַר די אַזויגערופענע „פאַטריאָטישע-היסטאָרישע זאַכן". ער געפינט שוין אָבער אונז א זכוס אַף זיינע שטייגער-זאַכן, אַז ס'איז ניטאָ דאָרט „קיין שלעכטס און שאנדלעכעס, וואָס זאָל, חלילה, דעם איינפאַכען צושויער א לעהרע און אַ געלעגענהייט געבען וואָס שלעכט פון טהעאַטער אַרויסצוטראַגען".

ער שטעלט קעגן יענעם טעאַטער אַדלערן. ער דערציילט מיט פאַרביטערונג, ווי נאָך דער פאָרשטעלונג האָט אַדלער „זיך געווענדט צום פובליקום מיט גרויס פרעכהייט און האָט אָנגעהויבן צו דרשינען ממזריש קלוג האַלב דייטש,

האַלב יודיש און אַללע ווײלע צוגעמישט די ענגלישע ווערטער: „יעסס״, „נאָ״, „אלרײד״. אַדלער האָט דערבײ אויסגעשריען:

„בא מיר אין אמעריקא אונ אין לאָנדאָן ווייסען זיי שוין ווער אדלער איז אונ וואס ער קאָן. דער אַרטיסט, „דער וואַהרער זשעני״ טהאָר אבער אויף איין אָרט ניט זיטצען, ווייל דער זשעני געהערט דער גאַנצער וועלט, אַזוי האט מיין קאָללעגע שעקספיר געטהון אונ אַזוי טהו איך אויך. ניט אום־זיסט, ווען איהר זאגען, נעהם איך איינער מעהר געהאַלט פיר די אַללע יונגלעך, אונ עס איז ריכטיק צו זאגען: אלרייד!״

אופגעבראַכט פון אָט דער דראָשע, באמערקט ליפשיץ: „אונ אזא גולם לערענט דעם עולם וואס שענהייט און קונסט באדייט״.

ליפשיץ זאָגט איידעס, אז דאָרט, וואו מע האָט פריער געזונגען גאָלדפאַ־דענען, כאַזערט מען איצט א בער „די גראָבע רייד און פערדארבענע וויטצען״ פון אַדלערס אָפּערעטן. אַדלער האָט „אין צוויי פאָרשטעלונגען חרב געמאכט וואָס „שולמית״, אלמאססאדא״ אונ „בר־כוכבא״ האבן אין צעהן יאהר געבויט״.

ער שטראָפט די וואַרשעווער אידישע רעדאַקטאָרן, וואָס פאַרשווייגן אָט דעם כילעל און וואָס ענטפערן אַ צוויעשן טערעך:

„אונזערע בלעטטער — זאגען זיי — לעזט א פובליקום, וואָס קומט קיינ־מאָל אין טהעאַטער ניט אַריין, און עס פאַסט גארניט, אַז מען זאָל וויססען, אַז מיר זענען אין טהעאַטער, כאָטש אין א יודישן, „געווען״.

דאָ איז צום ערשטן מאָל דורך דער אידישער פרעסע אנערקענט געוואָרן די גרויסע קולטור־באַדייטונג פונם טעאַטער, דאָ האָט מען דאָס ערשטע מאָל איינגעזען די פאָלקסטימלעכקייט פון גאָלדפאַדנס רעפּערטואַר. דא האט דער שונד־טעאטער געצוואונגען קלאר צו דערשפירן, וואָס איז גאָלדפאַדנס טע־אַטער געווען.

מע דאַרף דערצו געדיינקען, אַז 1888 י. איז געווען דאָס יאָר, ווען ס'איז דערשינען „שמר׳ס משפט״, דאָס יאָר פון שאַרפסטן קאַמף קעגן שונד און פאַר ליטעראַטור, און אָט דער פאַקט האָט געוויס געשטויסן צו דעם אויספיר, אַז ווער ס'איז קעגן שאָמערן און פאר שאָלעם־אַלייכעמען, מוז אויך זיין קעגן אַדלערס און פאַר גאָלדפאדנס טעאַטער.

אין „פאָלקס־בלאַט״ גופא האָט ליפשיצעס אַרטיקל ארויסגערופן בלויז איין אָפּקלאַנג.

רעדנדיק וועגן דעם אונטערגאַנג פון גאָלדפאַדנס טעאַטר אין וואַרשע, וואַרפט ליפשיץ אַזאַ פראַזע:

„די יודישע דירעקציאָן... האט זיך זייער שלעכט בעגאַנגען מיט די אַק־טיאָרן, וועלכע האבען נעבעך געמוזט הונגערען. הערר גאָלדפאַדען איז נאָך אין אַמעריקא אנטלאָפען, און די אַקטיאָרען האבען שוין מעהר קיין כח גע־האַט זאַטט צו זיין מיט כבוד, מיט בראַוואָ און מיט „ביסס״ אונ זענען צו־פאהרען אין אללע פיער זייטען״.

אָט דער פאָרוואורף גאָלדפאַדענען האָט ארויסגערופן אַן ענטפער מיצאַד י. דינעזאָן אין דער פאָרם פון אַ בריוו אין רעדאַקציע. ער שרייבט, אז ער איז ניט אויסן צו דיסקוטירן, אף וויפל ליפשיץ איז גערעכט מיט זיין גאַנצער אָפּשאַצונג, ער וויל נאָר פעסטשטעלן, אַז „דאָס, וואָס אין דערזועלבער רע- צענזיע איז געזאגט געוואָרן, אז דער ה׳ גאָלדפאַדען איז פון וואַרשוי קיין אַמעריקא ענטלאָפען געוואָרן, איז געוויס אַ גרויסער ליגען און א גרויסע אונרעכט, דערצו צו בעשולדיקען אונזער פאָלקס-דיכטער פאַר פרעמדע חטאים, פון וועלכע ער אַליין האט געליטען געוויס מעהר אלס יעדער אַנ- דערער״. גאָלדפאַדן האט צו דער דירעקציע קיין שאַיכעס ניט געהאט. „ה׳ גאָלדפאַדען, אלס רבי, האָט גיכער געזוכט שטענדיק די לאַגע פון זיינע תלמידים צו פאַרבעסערען, איידער זיינע אייגענע״. קיין אַמעריקע איז ער ניט אַנטלאָפען: „איהם האבען באגלייט אַ סך גוטע פריינד, וואָס האבען זיין טאַ- לענט געשעצט״. דינעזאָן בעט וואָס גיכער אָפּדרוקן זיין בריוו, ווייל „אונז איז טהייער דער כבוד פון אונזער בעסטען פאָלקס-דיכטער און מיר זענען מחויב אויף דעם כבוד צו שיטצען ער זאָלל דורך ערגעץ וועלכער פערזאנ- ליכע שנאה פון ערגעץ א פערזאָן ניט מחולל ווערן״ (פ. ב. 1888, 29 №).

אָט דער דינעזאָנס ענטפער דערגאנצט דאָס בילד פון דער איבערשאַצונג, וואָס ס׳איז פאַר די 5 יאָר נאָכן פאַרבאָט פון טעאַטער פאָרגעקומען.

די כ׳כ׳ אויסלענדער און פינקעל מיינען, אז ליפשיצעס לויבן די אקטיאָרן און גרינגשעצן גאָלדפאַדענען „איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַציאונג צו גאָלדפאַדנס טעאַטער אין יענער צייט*).

פון דינעזאנס ענטפער זעען מיר, אַז דאָס איז בלויז אן אויסדרוק פון ליפשיצעס „פערזענלעכער סינע״.

אין דער אידישער ליטעראַטור איז די אלגעמיינע מיינונג וועגן גאָלדפאַ- דענען אין זיין טעאַטער-אופּטו שוין איצט געווען א גאַנץ הויכע, אָבער דאָס איז געווען די מיינונג פון דער ליטעראַטור. אין דער פרעסע האָט דאָס קיין אויסדרוק ניט געפונען.

די פרעסע האָט אַלץ נאָך געהאַלטן זיך בא איר באַלעבאַטישער ביטל- באַציאונג צו אידישן טעאַטר.

---

*) ב. אויסלענדער, אר. פינקעל. „א. גאלדפאדן״, מינסק, 1926. ז. 76.

א. גורשטיין

די לינקע זייט.

(שטריכן פון גאָלדפאַדנס טעאַטער-שטייגער)

פון שיינק און פון ווייַן-קעלער איז געקומען גאָלדפאַדנס אידישער טעאַטער. די פאַרבאָרגענע טעאַטראַלע סטיכיע, וואָס האָט דורעס-לאַנג געלעבט און געווירט אין די טיפענישן פון פאָלק, האָט קיין אנדער וועג גיט געקאָנט געפינען פאַר איר אַנטפלעקונג, ווי נאָר דעמדאָזיקן לאנגן און שווערן, דיאַלעקטישן זיגזאַגן-וועג...

איז דעם שאַבעס-צוגאַכטיקן אוילעם פון רומעניש-אידישן שיינקל-גאָרטן באַשערט געווען צו שאפן גאָלדפאַדנס ערשטע „פּובליקום”. אין זיינע שפּעטערדיקע אווטאָביאָגראַפישע נאָטיצן *) האָט גאָלדפאַדן אויסגעצייכנט דערציילט וועגן זיינע ערשטע טעאַטראַלע פּרוּוון און וועגן דעם אופנעם, וואָס ער האָט געהאַט באַם דאָזיקן אוילעם. דער אוילעם האָט אים באלד געגעבן אַ „קאַפּוליער אַנצוהערעניש” וועגן זיין געשמאַק און טעאַטראַלע פאָדערונגען...

די רוסיש-טערקישע מילכאָמע, וואָס האָט צוגעצויגן קיין רומעניע אידישע סאָכרים-פּאָדריאַדטשיקעס און קאָלערליי קריג-ספּעקוליאַנטן פון אלע עקן וועלט, האָט איגגיכן געגעבן גאָלדפאַדענען אַ נייעם קאַדר טעאַטער-באַזוכער. דאָס איז געווען אַ „גאָלדענע צייט”. די פּאָדריאַדטשיקעס פלעגן מאכן גליקלעכע געשעפטן, רומעניע איז געוואָרן אַ לאַנד פון „כאָלאָוו אודוואָש”, אַ נייער „עלדאָראַדאָ”... דער אָנגעפּאָרענער אוילעם האָט געלעבט אַ טאָג, און אין דעם ניי-געבוירענעם אידישן טעאַטער האָט ער געבראכט מיט זיך זיינע אייגענע פאָדערונגען, דיזעלבע פאָדערונגען פון „לעבן אַ טאָג” און „פריילעך זיין”.

*) גאָלדפאדנס אווטאָביאָגראפישע נאָטיצן זיינען איבערגעדרוקט אין דער ניט-לאנג דערשינענער איגטערעסאנטער אויסגאבע: גאָלדפאדן-בוך, ארויסגעגעבן פון דעם אידישן טעאטער-מוזיי, ניו-יאָרק, 1926. — ב. גאָרין אין זיין טעאטער-געשיכטע האָט גאנץ ברייט אויסגענוצט גאָלדפאדנס אווטאָביאָגראפישע מאטעריאלן.

איז דער בוקאַרעשטער טעאַטר „פּאָמאַ-ווערדי", וואו עס האָט זיך איינ־געפונדעוועט גאָלדפאַדן מיט זיין ערשטער טרופּע, געוואָרן אויך אַ מאָקעם־מיקלעט פאַרן אופגעקומענעם, צעכראַסטעטן מילכאָמע-גוויר... די גע־יאַרשנטע פּאָרמען פון שיינק זיינען נאָכגעגאַנגען טראָט נאָך טראָט דעם יונגן אידישן טעאַטר, און אַט-וואָס עס דערציילט, לעמאָשל, אַ צייט-כאַווער וועגן דער אויסערלעכער זייט פון די בוקאַרעשטער פאַרשטעלונגען:

„...בעשאַס דער פאָרשטעלונג, אין די אַנטראַקטן, גייען ארויס די אַקטיאָרן און די אַקטריסעס פון הינטער די קוליסן, באַווייזן זיך צווישן דעם אוילעם, פירן געשפּרעכן, טרינקען, גייען ארום, רויכערן אין בופעט..." *)

עס איז, עמעס, איינגיכן געקומען אַ סאָף צו די מילכאָמע-„גליקן", עס איז אַראָפּגעפאַלן דער שוים פונם ספּעקוליאַנטישן הו-האַ... און האגאם אינם פּראָ־צעס פון וואקסן (שוין הויפּטזאַכלעך אַף דער ערד פון רוסלאנד) האָט זיך אָנגעהויבן מער דיפערענצירן אויך גאָלדפאַדנס טעאַטראַלער אוילעם, און די דיפערענציאַציע האָט געבראכט צו אַ בוילעטן קעגנזאַץ פון סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס ביכלאַל, איז דאָך דער שוים פון שיינק נאָך אַ לאַנגע צייט ניט אראָפּ פונם טעאַטר.

*

גאָלדפאַדן דער „טעאַטר-דירעקטאָר" איז געווען טריי דעם טראַדיציאָנעלן „אַני-מאַימין" פונם אייראָפּייאישן דורכשניט-טעאַטר. און אַ קלאַסישע פאָרמול פאַר דעמדאָזיקן „אַני-מאַימין" געפינען מיר נאָך אין געטעס „פאַוסט", אין די ווערטער פונם טעאַטר-דירעקטאָר, וואָס טרעט אוף אינם „פאַרשפּיל אַף דעם טעאַטר"... דער דירעקטאָר לערנט דאָ זיינע טעאַטר-כאַווײרים:

> „Die Masse könnt ihr nur durch Masse zwingen,
> Ein jeder sucht sich endlich selbst was aus.
> Wer Vieles bringt, wird Manchen etwas bringen;
> Und Jeder geht zufrieden aus dem Haus".

דער טייטש דערפון איז: די מאסע קענט איר צוציען נאָר דורך מאסע (ד. ה. דורכדעם, וואָס אַף דער בינע וועט זיין פיל און פאַרשיידנאַרטיקע האַנדלונג); דעמאָלט וועט יעדערער (פון אוילעם) אליין עפּעס אויסגעפינען פאר זיך. דער, וואָס ברייגנט פיל, וועט יעדערן עפּעס ברייגנען, און יעדע־רער וועט צופרידן אוועק פון טעאַטר...

גאָלדפאַדן האָט זייער גוט געוואוסט דעמדאָזיקן „טעאַטראַלן" געבאָט און געשטרעבט צו פאָרלייגן זיין טעאַטראלן אוילעם אלץ, וואָס ער האָט

---

*) Н. Д. Шигарин. Евреи, продовольствовавшие нашу армию в последнюю турецкую войну. Путевые заметки... Вып. I: Русские евреи за-границей. Киев. 1871.—78

פאַרלאַנגט: יעדערער זאָל באַקומען לויט זיין געשמאַק און נעטיע...*) און אויב גאָלדפאַדען האָט זיך הויפּטזאַכלעך אָריענטירט אַף דעם קליינבירגערלעכן געשמאַק, און זיין גאַנצער טעאַטר האָט זיך געהאלטן אַף די סימפּאַטיעס פון די קליינבירגערלעכע שיכטן (צו דידאָזיקע שיכטן איז גאָר נאָענט געשטאַנען דער באַלמעלאָכישער און דער „פּאָשעטער אוילעם" ביכלאל), האָט גאָלדפאַדען פונדעסטוועגן געוואוסט, ווי צופרידנשטעלן אויך די אנדערע שיכטן, וואָס פלעגן קומען צו אים אין טעאַטר. אַפן וועג צום צופרידנשטעלן דאָס „געערטע פּובליקום" זיינען אלע מיטלען געווען וואויל, און דער מאָמענט פון פריוואָלישקייט, וואָס איז ביכלאַל געווען גאַנץ נאָענט גאָלדפאַדענס כּעאַטר, פלעגט אָפטמאָל אָנעמען די ברוטאַלע פאָרמען פון אַ שאַנטאַן... מיר באַגעגענען דאָ און דאָרט אין דער דעמאָלטיקער פרעסע די סאַמע באַשיימפערלעכע אָנווייזונגען אַף דעם. דער רעצענזענט פון אָדעסער „נאָוואָראָסייסקי טעלעגראַף" (1880, נומ. 1471) באַדויערט, וואָס גאָלדפאַדן באַווייזט „דער פּאָשעטער אידישער מאסע אַ קאַפע-שאנטאן מיט האלב-נאקעטע פרויען" (אין דער פּיעסע „אָנדיינק פון פלעוונע"; דאָס איז, אַפּאָנים, אַן איבערגעניצעווע-טער נאָמען פון „פּאָדריאַדטשיק אָדער רוסיש-טערקישער קריג"). אויך דער אָדעסער קאָרעספּאָנדענט פון „ראַזסוועט" (1880, נומ. 5) דערציילט וועגן דער פּיעסע „ני—בע, ני—מע, ני—קוקעריקו", אַז „דער איניען ענדיקט זיך מיט אַ באַל, וואו כסידים טאַנצן מיט דעקאָלטירטע נעקייוועס"...

ניט אומזיסט טרעפן מיר צווישן גאָלדפאדנס אוילעם פארדעכטיקע פיגורן פון קאָלערליי פארוויילונגס-ליבהאָבער, רוסישע „טשינאָווניקעס", אָפיצערן, וואָס זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען מעווינים אין געוויסע געגנשטאַנדן. אין דער אינטערעסאַנטער באשרייבונג פון גאָלדפאַדנס פאָרשטעלונגען אין באַרדיטשעוו, וואָס עס האָט אונז איבערגעלאָזן איינער אַ פראַנצויזישער רייזנדער**), ווערט דערציילט, אַז „אין פאַרטער... האָבן רוסישע אָפיצערן... מיט מאָנאָקלען אין די אויגן... געפירט געשפרעכן מיט דאמען אין עלעגאנטע טואַלעטן, — זייערע פרויען אָדער זייערע געליבטע".

און אַז דעדאָזיקער לוסטיקער „שיכט" פון גאָלדפאַדנס אוילעם איז געווען אַ באַדייטנדיקער, איז, אַגעוו, צו זעען דערפון, וואָס ער איז אַפילע געקומען צום וואָרט אין דער דעמאָלטיקער פרעסע. איז דען דער רעצענזענט פון „פעטערבורגסקי ליסטאָק", וואָס האָט זיך באַהאלטן אונטערן אָס „ъ", ניט קיין

*) עס איז קעדאי צו באַמערקן, אַז שאָמער האָט אויך געהאלטן פון דעמדאָזיקן קלאל: „אום אַלעמענס פארלאנג צו ערפילן — האָט שאָמער געשריבן אין אַ „פאָרעדע" צו איינעם פון זיינע אָנצאָליקע ראָמאַנען, — מוז דער פארפאַסער פון אַ ראָמאַן אַלע מיטלען אָנווענדן יעדן צופרידנצושטעלן, ער מוז פון אלץ צו ביסלעך אין זיין ראָמאַן אריינשטעלן: בילדער פון לעבן, רירנדיקע סצענען, איבערנאַטירלעכע ערייגניסע" („די אייזערנע פרוי אָדער דאָס פארקויפטע קינד", ציטירט לויט דער ווילנער אויסגאַבע 1889).

**) Victor Tissot. La Russie et les Russes. Indiscrétions de voyage. Paris. 1882. Premiére partie, VII: Théatre juif. p.p. 75—82.

בעפֿיירישער „שאָליעך-ציבער" פֿון דעמדראָזיקן „שיכט"? זיין רעצענזיע (1881, נומ. 146) איז, אגעוו, אן איינציקע אין איר מין, זי איז אינגאַנצן איבערגע-שאָטן מיט אידישע ווערטלעך, ווי „их бенаид", „балабусте" און אנדערע (דעם מעכאַבער איז מיסטאַמע אויסגעקומען צו האנדלען מיט אידן). איז אָט וואָס ער שרייבט וועגן די פֿרויען פֿון דער טרופּע (מיר גיבן איבער דעם רו-סישן טעקסט ווי ער שטייט און גייט):

„Крайне бесцветны обе женщины, г-жи Цукерман и Беркович; последняя, по крайнем мере, ш е н е н е к е й в е“ (хорошенькая барышня) другая-же а у ф м е й н е м у н е с (честное слово) портит все иллюзии .

דער לעקסיקאָן פֿון אונזער רעצענזענט שילדערט אונז אפֿן אויסדריקפֿולסטן אויפֿן מיט וועמען מיר האָבן דאָ צו טון...

אז מיר שטעלן אוף אַצינד די אטמאָספֿער, אין וועלכער עס איז אויסגע-קומען גאָלדפֿאַדענען צו שפּילן „אידישן טעאַטר", קאָנען מיר ניט פֿאַרבייגיין אָט דידאָזיקע מיעסע שורעס פֿון אַ רוסישער גאַסן-צייטונג... און דער „בע-קאָוועדיקער" רוסיש-אידישער „ראַזסוועט" האָט געשריבן בעפֿאַרעסיע: „די ערשטע „אַקטריסע"... איז אַנגעקומען אין דעם טעאַטר פֿון ה' גאָלדפֿאַדן אין בוקאַרעשט, וואו זי האָט פּראַקטיקירט איר פֿריילעכע מעלאָכע" („ראזסוועט", 1881, נומ. 32).

אָט אין דערדאָזיקער אטמאָספֿער פֿון שפּאָט און דערנידערונג, מיטן שוים פֿון שיינק, איז געוואקסן גאָלדפֿאַדנס אידישער טעאַטר, וואָס האָט געטראָגן דער בֿרייטער אידישער מאסע טעאַטראַלע פֿרייד...

און אויב מיר דערמאָנען אין די היינטיקע יובֿילײ-טעג וועגן דער „לינקער זייט" פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטר-שטייגער, וועגן די געיאַרשנטע פֿאָרמען פֿון שיינק, וואָס זיינען נאָכגעגאַנגען דעם טעאַטר, איז נאָר אף צו דערמאָנען, וואָס פֿאַר אַ לאַנגן און שווערן וועג, אַ וועג פֿון דערנידערונג און ניסיוינעס, האָט געהאט דורכצוגיין דער אידישער טעאַטר, ביז ער איז געקומען צו זיינע איצטערדיקע ליכטיקע ניצכוינעס.

י. רימיניק

רעדיפעס אפן אידישן טעאטער אין רוסלאַנד אין די 80-ער און 90-ער יאָרן.

(לויט ניט-פארעפנטלעכטע מאטעריאלן)

די געשיכטע פונם אידישן טעאַטער איז זייער אָרעם אין דאָקומענטירטן מאַטעריאַל. די פּיליאָריקע אומלעגאַלע עקזיסטענץ פונם אידישן טעאַטער, די רעדיפעס מיצאַד זיינע פּילצאַליקע פיינט, אינערלעכע און אויסערלעכע, די ביטל-באַציאונג צום אידישן טעאַטער אַלס קולטורעלן פאקטאָר מיצאַד זיינע שעפער גופע — אָט דאָס אלץ האָט געבראכט דערצו, אַז ביז היינט נאָך בלייבן פארשטעלט פאר אונז וויכטיקע מאָמענטן אין אונזער טעאַטער-געשיכטע. די וויכטיקסטע פראגע — ווי אזוי האָט מען געשפּילט, וואָס ס'דארף זיין די גרונט-פראַגע פאר דער געשיכטע פון טעאטער, בלייבט אַדאיעם פאַר אונז ניט געלייזט, און מער ווי איינצלנע, אָפּגעריסענע עפּיזאָדן און וויטע אַנצוהע-רעניש ווענן דעם האָבן מיר דערוויל ניט. באַ דעם איצטיקן צושטאַנד פון די מאַטעריאלן און דאָקומענטן צו דער געשיכטע פונם אידישן טעאַטער קאָן זיך די אויספאָרשונג פארגעמען קימאַט הויפּטזאכלעך נאָר מיט דער פראגע— באַ וועלכע אומשטאנדן איז געשפּילט געוואָרן. אָט די אומשטאנדן זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען מערסטנטייל איינג פארבונדן מיט דער אלגעמיינער אידישער רעכטלאָזיקייט. איין פאָדעם האט פארבונדן די באַרימטע „ציי-טוויליקע" טאַקאָנעס ווענן אידן פונם 1882 יאָר מיטן צירקולאַר פון 1883 יאָר, וואָס האָט פארבאָטן די אידישע פאָרשטעלונגען. די אויפגאַבע פונם געגעבע-נעם ארטיקל איז—אופדעקן אייניקע שפּורן פון דער רעגירונגס „וואוילטאטן" אַפן געביט פון אידישן טעאַטער אין שיין פון אָפיציעלע דאָקומענטן.

I

ווען האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדיפעס אַפן אידישן טעאטער ?

ווי סע ווייזט זיך ארויס, האָבן די רעדיפעס אפן אידישן טעאַטער זיך אָנ-געהויבן נאָך ביזן פארבאָט פון 1883 יאָר. מיר ווען ניט מאַכן קיין טאָעס, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז זיי זיינען געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיטן אידישן

טעאַטער און האָבן אים באגלייט פוסטריט ווי א שאָטן אין מעשעך פון זיין עקזיסטענץ. ס'זיינען, עמעס, ניטאָ קיין באווייזן וועגן א באשטימטע ליניע, וועלכע די רעגירונג זאָל האָבן פאַרנומען בענויגייע דעם אידישן טעאַטער טיי־קעף נאָך זיין אָרגאַניזירונג, נאָר אז די רעגירונג האָט גלייך געכאַפּט אין אויג דעם אידישן טעאטער און גענומען נאָכשפּירן נאָך אים—דאָס איז א פאַקט, וואָס קאָן בעשומויפן ניט אָפּגעלייקנט ווערן. אין אונזער רעשוס געפינען זיך אייניקע דאָקומענטן, וואָס באלייכטן, עמעס, עפּיזאָדיש די באַציאונג צום אידישן טעאַטער פאר דער צייט פון זיין לעגאַלער עקזיסטענץ. סיי מיצאַד דער רעגירונג, סיי מיצאַד דער אדמיניסטראַציע אַף די ערטער.

שוין דעם 7־טן פעווראל 1878 יאָר, ד. ה. פינקטלעך אין צוויי וואָכן אַרום נאָכדעם, ווי דער אידישער טעאַטער האָט אָנגעהויבן עקזיסטירן אין רוס־לאַנד, האָט די הויפּט־פּאַרוואַלטונג פאר דרוק־איניאָנים זיך געווענדעט צום אָדעסער גדאַדאָנאטשאלניק מיט אן אָנפראגע וועגן דעם, ווער ס'האָט דער־לויבט צום שטעלן פּיעסן אַף אידיש, וואָס זיינען לאַכלוטן ניט געווען אין דער באַטראַכטונג פון דער הויפּט־פּארוואַלטונג[1]. אָט די אָנפראגע איז דעמאָלט אויסן געווען ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע. מע דאַרף זיך פאָרשטעלן, אַז דער פאַרבאָט, וואָס גאָלדפאַדן האט באקומען ערשט ארום יוני כוידעש[2], איז ארויסגערופן געוואָרן שוין דורך א צווייטן באַפעל, וואָס איז, ליידער, אין די אַרכיוו־איניאָנים ניטאָ[3]. אַזעלכע פאַרבאָטן זיינען, לויט דער גוויעס־איידעס פון מענטשן, וואָס האָבן געהאט א נאָענטע שאַיכעס צום טעאטער, פאָרגעקומען עטלעכע מאָל[4]. די מאכט אַף די ערטער פלעגט אָפּט אויסנוצן דעם באַפעל וועגן פאַרבאָט אפילע אין דער צייט, ווען ער איז שוין געווען אָפּגעשאַפט.

אין אונזער רעשוס געפינט זיך פאָלגנדיקער אינטערעסאַנטער דאָקומענט, וואָס באשטעטיקט ווירקלעך, אַז די אָרטיקע אַדמיניסטראציע האָט גאַנץ אָפּט ניט דערלויבט קיין אידישע פאָרשטעלונגען, אַפילע אין דער צייט, ווען אָפּי־ציעל האָט מען געמעגט שפּילן. דאָס איז א באַקאָשע־קסאָוו, וואָס שאָמער (נ. מ. שייקעוויטש) האָט דערלאַנגט צום אָדעסער גענעראל־נובערנאַטאר דעם 23 יוני 1882 יאָר. מיר געפינען פאר צוועקמעסיק צו ברייגגען אין טעקסט גלייכצייטיק מיט דער איבערזעצונג פון דעם באַקאָשע־קסאוו אויך דעם אָריגינאַל:

1) איניען פון אָדעסער גראדאָנאטשאלניק־ארכיוו (פּאַראָרדענונג—טישל) נומ. 20 פארן 1879 „О разного рода предметах, касающихся управления по делам печати". בלאט 8.

2) לויט א יעדיע, וואס מיר געפינען אין צייטונג „Вед. Од. Град." פארן 1879 יאר, נומ. 61, איז גאלדפאדן אָנגעקומען קיין אדעס דעם 18 מארט.

3) זע מיין ארבעם „ערשטע פינף יאר אידישער טעאטער אין אדעס" אין „רויטע וועלט" נומ. 12, 1926 י.

4) די יעדיעס האב איך באקומען בא אן אלטן אקטיאר קאצאַפ. ס'האבן דאס אויך באשטע־טיקט גאלדפאדנס קאסטיומער שולמייסטער און דעם דיריגענטס טאכטער—ווינאוויטש. אלע אָנגעווי־זענע פערזאנען וואוינען אין אָדעס.

Труппа еврейских актеров, игравших в Херсоне под моей дирекцией, выезжает ныне в Бессарабскую губернию для постановки репертуара еврейских пьес моего сочинения, разрешенных Главным Управлением по делам печати, выдержавших неоднократно здесь в Одессе с большим успехом и производящих вообще на еврейскую публику нравственное влияние.

Между тем, в некоторых местах Бессарабской губернии еврейские труппы часто встречают притеснения со стороны местных властей, которые нередко вовсе не разрешают еврейским труппам давать свои представления, лишая таким образом еврейских актеров всяких средств к существованию, а публику желаемых удовольствий. Независимо сего, часто не дозволяется еврейским труппам играть по субботам.

Ввиду изложенного, я имею честь всепокорнейше просить ваше высокопревосходительство разрешить мне играть в Бессарабской губернии еврейские цензурованные пьесы, как в будних днях, так и по субботам безпрепятственно, в чем и выдать мне надлежащее удостоверение. При этом имею честь представить гербовую марку 60 копеечного достоинства.

Одесса, 23 июня 1882 года.

Н. М. Шайкевич.

די טרופּע פֿון אידישע אַקטיאָרן, וואָס האָט געשפּילט אין כערסאָן אונטער מיין דירעקציע, פֿאָרט איצט ארויס אין בעסאַראַביער גובערניע, קעדיי צו שטעלן א רעפּערטואר אידישע פּיעסן פֿון מיינע ווערק, וואָס די הויפּט-פֿאַרוואַלטונג פֿאַר דרוק-איניאָנים האָט דערלויבט צו שטעלן, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען ניט איינמאָל מיט גרויס דערפֿאָלג דאָ אין אָדעס און האָבן אין אַלגעמיין א מאָראַלישע ווירקונג אפֿן אידישן פּובליקום.

אין איייניקע ערטער פֿון בעסאַראַביער גובערניע באַגעגענען אָבער די אידישע טרופּעס אָפֿט נעגישעס מיצאַד דער אָרטיקער מאַכט, וועלכע דערלויבט זיי אָפֿטמאָל לאכלוטן ניט צו געבן פֿאָרשטעלונגען, און דערמיט ווערט אָפּגענומען באַ די אַקטיאָרן זייער כאַיונע און באַם פּובליקום דער געגארטער טאַינעג. אומאָפּהיינגיק דערפֿון, ווערט די אידישע טרופּעס אָפֿט ניט דערלויבט צו געבן פֿאָרשטעלונגען אום שאַבעס.

דעריבער האָב איך די ערע צו בעטן אייער הויך-עקסעלענץ מיר דערלויבן צו שטעלן אין בעסאַראַביער גובערניע אָן שום שטערונגען אידישע צענזורירטע פּיעסן, ווי אינדערוואָכן, אַזוי אויך אום שאַבעס, וועגן וואָס איך בעט מיר ארויסגעבן א געהעריקע צייגעניש. דערביי האָב איך די ערע צולייגן א 60-קאָפּיקענע הערבמאַרקע.

אָדעס, 23 יוני 1882 יאָר.

נ. מ. שייקעוויטש *).

*) אַרכיוו פֿון אָדעסער צייטווייליקן געגעראל-גובערנאַטאָר, איניען נומ. 89—1882 יאר, בלאט 51.
„по разного рода вопросам и ходатайствам о разрешении театральных представлений и др. зрелищ“

דער אָדעסער גענעראַל-גובערנאַטאָר, וועלכער האָט צוליב אַן אומבאַ-וואוסטן טאַם, קענטיק, גאַנץ וואויל אופגענומען שאָמערן, האָט אין דעמזעלביקן טאָג נאָך אָנגעשריבן דעם בעסאַראַביער גובערנאַטאָר פאָלגנדיקן פּאַפּיר:

צום בעסאַראַביער גובערנאַטאָר.

„דער דירעקטאָר פון דער אידישער טרופּע נאָכעם מייער שייקעוויטש, וואָס וואוינט אין אָדעס, האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט א באַקאַשע צו דערלויבן אים געבן פאָרשטעלונגען אַף אידיש-דייטשישן זשאַרגאָן אין פאַר-שיידענע פונקטן פון בעסאַראַביער גובערניע. דערביי האָט ער מאָטיווירט זיין באַקאַשע דערמיט, וואָס אין אסאך ערטער פון אייער גובערניע דערלויבט מען ניט די אָרטיקע מאַכט צו געבן אידישע פאָרשטעלונגען. און דאָרט, וואו ס'ווערט יאָ דערלויבט, ווערן ניט דערלאָזט קיין ספּעקטאַקלען אין די שאַבעס-טעג. אנערקענענדיק אין צוזאַמענהאַנג דערמיט פאַר מעגלעך צו דערלויבן שייקעוויטשעס טרופּע געבן פאָרשטעלונגען אין די שטעט פון בעסאַראַביער גובערניע, וואו אידן מעגן וואוינען, און אויך אַפן סמאַך פונם קייזערלעכן באַפעל פון 21 סענטיאַבר 1881 יאָר, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „אוקאַז פּראַוויטעלסטוו. סענאַטאַ" לויטן נום. 33581, ניט געפינענדיק דערצו קיין מאָטיוון צו פאַרבאָטן אידישע פאָרשטעלונגען אום שאַבעס, האָב איך די ערע צו מעלדן וועגן דעם אייער עקסעלענץ, קעדיי איר זאָלט מאַכן די אָפּ-הייִנגיקע פון אייך פאַראָרדענונג"[1].

דער בעסאַראַביער גובערנאַטאָר, וואָס האָט, קענטיק, ניט באַקומען צו דער צייט דאָס פּאַפּיר, האָט ניט געוואָלט געבן קיין דערלויבעניש, און שאָמער האָט זיך געווענדעט וועגן דעם צום גענעראַל-גובערנאַטאָר פון קעשענעוו[2]). ערשט נאָכדעם, ווי ס'האָט זיך באַקומען דער ענטפער, איז דאָס דערלויבעניש גע-געבן געוואָרן און דער בריוו-אויסטויש וועגן דעם האָט זיך פאַרענדיקט.

שאָמערס אָנווייזונג וועגן די אָפטע נעגישעס, וואָס די אידישע טרופּעס זיינען אויסגעשטאַנען אין פאַרשיידענע ערטער, האָט צו זיין אן איידעס ניט וועגן איינצלנע צופעליקע עפּיזאָדן, נאָר פון א מאַסן-דערשיינונג. שאָמערן גופע האָט, ווייזט אויס, „געגליקט". אַדאַיעם בלייבט פאַר אונז א סאָד, צו-ליב וועלכע מאָטיוון איז דער גענעראַל-גובערנאַטאָר געווען אזוי נאָכגיביק בענוגייע צו שאָמערן, וואס זיין באַקאַשע איז גלייך באַפרידיקט געוואָרן. ס'איז נאָך מער צום באַוואונדערן די אויסערגעוויינלעכע פּינקטלעכקייט, וואָס די קאַנצעלאַריע פונם גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט באַוויזן בענוגייע צו אים[3]). גאָר אנדערש איז געווען די לאַגע פון די היפּשע עטלעכע טרופּעס, וואס האבן אומגעוואַנדערט הויפּטזאכלעך אין נאָוואָראָסיע.

---

1) דערמאָנטער איניען, בלאַט 52.

2) דאָרטן, בלאַט 53.

3) די ענטפערן פונם גענעראַל-גובערנאַטאָר, סיי אַפן באַקאַשע-קסאַוו, סיי אף דער טעלעגראַמע, זיינען געגעבן געוואָרן אין דעמזעלביקן טאָג.

די שווערסטע גזירע אפן אידישן טעאטר איז געווען דאָס פּאַרבאָטן געבן פּאָרשטעלונגען אין די שאַבעס-טעג. אָט דער באַפעל וועגן פּאַרבאָטן צו שפּילן אין די ערעוו-יאָנטעוו טעג און אין די טעג פון א גאַנצער ריי רע-ליגיעזע יאָנטויווים איז לעכאַטכילע ארויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1876 [1]. דערנאָך איז ער א צייט געווען אָפּגעשאַפט און ערשט דעם 21 סענטיאַבר 1881 יאָר איז ער צוריק איינגעפירט געוואָרן לויטן קייזערלעכן באַפעל[2]. אָט דער באַפעל האָט געזאָלט כאַל זיין בלויז אף די פּאָרשטעלונגען און עפנט-לעכע ספּעקטאקלען אף רוסיש. אָבער די אדמיניסטראַציע אף די ערטער האט שוין געוואוסט ווי אויסצונוצן אָט דעם באַפעל, קעדיי אים אָנצואווענדן אויך צו די אידישע טרופּעס. ס'פאַרשטייט זיך, אז פאַר די אידישע טרופּעס איז אָט די גזירע געווען די געפערלעכסטע. אָן דעם שאַבעס-ספּעקטאַקל, וואס האָט געגעבן די איקער-האַכנאָסע, האָבן אין אסאך ערטער די אידישע טרו-פּעס געהאַלטן באַם אונטערגיין.

מיר ברענגען דאָ אייניקע אילוסטראַציעס. אָט די דאָקומענטן זאָגן, אגעוו, איידעס וועגן א ברייטער נעץ אידישע טרופּעס, וואָס איז געווען צעשפּרייט איבער נאָוואָראָסיע.

אָט איז א טעלעגראַמע פון סימפעראָפּאָל פון 19 פעווראַל 1881 יאָר:

„דער גרויסער אנסאַמבל פון אונזער טרופּע געפינט זיך אין א שטאַרקער נויט מאַכמעס דעם, וואָס דער גובערנאַטאָר איז אין א פאַרלעגנהייט — צי זאָל מען דערלויבן ספּעקטאַקלען אף אידישן זשאַרגאָן אָן אייער האַסקאָמע. מיר בעטן זייער אייער עקסעלענץ ניט צו פאַרלאָזן אונז אָן אופמערקזאַמקייט און געבן אייער האסקאָמע“[3].

אָנפירער גליקמאַן

אָט איז א צווייטע טעלעגראַמע פון 12 יוני 1882 יאָר פון כערסאָן:

„דער אָנטרעפערנער פון דער אידישער טרופּע בעט א דערלויבעניש אף טעאַטראַלע פּאָרשטעלונגען אין די שאַבעס-טעג. כ'בעט ענטפער“[4].

גובערנאַטאָר ערדעלי.

און צולעצט א דריטע טעלעגראַמע פון טיראַספּאָל:

„די געזעלשאַפט אידישע אַקטיאָרן איז אין א קריטישער לאַגע, האָט ניט מיט וואָס א טאָג איבערצוקומען. מיר בעטן אייער הויך-עקסילענץ דערלויבן דעם איספּראַווניק דורכצולאָזן אונזערע צוויי פּאָרשטעלונגען“[5].

פאַרוואַלטער האָן.

1) ארטיקל 155 — „Устав о предупр. и пресеч. прест.“ изд. 1876

2) „Новороссийский телеграф“ 1881—2020.

3) איניען פון אָדעסער גענגוב-אַרכיוו נומ. 89—1882 יאָר, בל. 19.

„по разного рода вопросам и ходатайствам о разрешении театральных представлений“.

4) דאָרטן, בל. 43.

5) דאָרטן, בלאט 67.

אַזעלכע און ענלעכע דאָקומענטן איז פאַראַן אין אַרכיוו פון אָדעסער צייט־ווייליקן גענעראַל־גובערנאַטאָר א גאַנץ היפּשע צאָל. ס׳ראָוו האָט דער גענע־ראַל־גובערנאַטאָר יויצע געווען מיט איין וואָרט „отказать״, האט זיך אים אמאָל פארוואָלט, האָט ער דערלויבט. אָט איז א קוריאָזע אופשריפט, וואס דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האט געמאכט אף איינער פון די באַקאָשע טע־לעגראַמעס: разрешить им сколько угодно

נאָך איין ביישפּיל פון אומגעלומפּערטער ווילקירלעכקייט, וואס די אַדמי־ניסטראַציע פלעגט אָפּט ארויסווייזן:

דעם 1־טן סענטיאַבער 1882 יאָר האט דער טאווערישער גובערנאטאָר גע־מאַכט אַן אָנפראַגע באַם אָדעסער גענעראַל־גובערנאטאָר, צי זאל ער געבן א דערלויבעניש אַף שאַבעסדיקע ספּעקטאקלען אייגעם געליס—א דירעקטאָר פון א אידישער טרופּע. דערביי האָט דער גובערנאטאָר צוגעגעבן, אַז אין זיין באַקאָשע־קסאַוו ווייזט געליס אָן, אַז ער איז זיך סוימעך אף דעם געזעץ, לויט וועלכן אַף אויסלענדישע שפּראַכן ווערן דערלויבט פאָרשטעלונגען אין די שאַבעס־און יאָנטעוו־טעג. צום באַקאָשע־קסאַוו האָט געליס אויך צוגעגעבן אַן אָפיציעלע קאָפּיע פון אַן ענלעכער דערלויבעניש, וואָס דער גענעראַל־גו־בערנאטאָר האָט שוין איינמאל געשיקט צום כערסאָנער גובערנאטאָר. דער ענטפער פונם אָדעסער גענעראַל־גובערנאטאָר איז דאָס מאָל געווען א באַפרי־דיקנדיקער. דערפאר אָבער האט דערזועלביקער גענעראל־גובערנאַטאָר באַוויזן אזאַ קונץ. אין א כאַדאָשים דריי ארום האָט געליס געבעטן א דערלויבעניש אַף סימפּעראָפאָל. דער באַקאָשע־קסאַוו איז, פאַרשטייט זיך, שוין געווען צו־נויפגעשטעלט מיט אלע פּישטשעווקעס, ווי פריער, ס׳איז אָנגעוויזן געוואָרן דערזעלביקער געזעץ, דערזעלביקער אַרטיקל, וועלכער דערלויבט צו שפּילן אף אַלע אויסלענדישע שפּראַכן, אָבער דאס מאָל איז אים שוין ניט געלונגען. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט „כאַראַטע״ באַקומען און האָט איבערגעגעבן די לייזונג פון דער פראַגע אין רעשוס פונם גובערנאטאָר [1].

אָט אזוי איז דער גורל פון די אידישע טרופּעס געווען געווענדט אָן יעדן מינדסטן קאַפּריז פון באַאַמטן. איין און דערזעלביקער קריץ פון פעדער האט איין טרופּע דערלויבט צו שפּילן, און א צווייטער פאַרבאָטן.

אָבער ניט נאָר אין דעם אליין האָבן זיך אויסגעדריקט די באגרענעצונ־גען פאר די אידישע טרופּעס. מע דאַרף אויך דערמאָנען די צו אָפּטע פּילאַנ־טראָפּישע אָוונטן. ווי ס׳ווייזט זיך ארויס, זיינען זיי גאַנץ אָפּט געווען איינג צוזאַמענגעבונדן מיט דעם עצם פראגע פון דער עקזיסטענץ פאַר דער אָדער יענער טרופּע. די מאַכט אַף די ערטער האט געוואוסט ווי אויסצונוצן אָט די

1) דאָרטן, בלאט 114.

מעגלעכקייט. מיר האָבן שוין געשריבן וועגן די אָפּטע פֿילאַנטראָפּישע אָוונטן, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן נאָך דורך ספּיוואַקאָווסקין, ס'איז אויך דערמאָנט געוואָרן וועגן אַן אָוונט לטובֿת די אָרענבורגער ניסראָפֿים, צו וועלכן גאָלדפֿאַדענען איז אויסגעקומען צו דערלייגן פֿון זיין קעשענע קאַרגע 200 רובל[1]. דאָס איז געטון געוואָרן, דאַרף מען פֿאַרשטיין, ניט אַזוי מאַכמעס פֿילאַנטראָפּישע מאָטיוון, ווי קעדיי בעסער נויסעכיין זיין אין די אויגן פֿון דער אַדמיניסטראַציע און דערמיט זיין זיכערער מיט די דערלויבענישן אַף צו שפּילן.

אַן אינטערעסאַנטע בריוו-אויסטויש וועגן איינעם אַזאַ פֿילאַנטראָפּישן אָוונט האָט זיך פֿאַרהיט אין אַרכיוו פֿון אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק. דאָס האָט געהאַט אַ שאַיכעס צו לערנערס טרופּע. איבער איינעם אַזאַ אָוונט לטובֿת די מילכאָמע-אינוואַלידן, וועלכע לערנער האָט, קענטיק, זיך געפּרואווט פֿאַרבויגן, האָט זיך פֿאַרבונדן אַ בריוו-אויסטויש צווישן דעם בעסאַראַביער גובער-נאַטאָר מיט דעם אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק. ווען לערנער האָט דערשמעקט, אַז ער וועט פֿון דעם אייסעק גלאַט ניט אָפּשניידן, האָט ער איבערגעבעטן דעם גראַדאָנאַטשאַלניק מיט אַן אָוונט און דערצו נאָך מיט אַ בעקאָוועדיקער בעדאָוועפֿון דער אייגענער קעשענע לטובֿת... די אָרעמע קריסטן[2].

אַזוי איז געווען די לאַגע אַפֿן דאָרעם, וואו דער דרוק אַף דער אידישער באַפֿעלקערונג איז געווען אַ שוואַכער. מע דאַרף געדיינקען, אַז אין אַנדערע

---

1) זע מיין אַרבעט אין „רויטע וועלט" 1926—12 ז.ז.94, 106.

2) אַרכיוו פֿון אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק, פֿאַראָרדנונגס-טיש,—איניען נומ. 1199 פֿאַר 1880 יאָר.

„Об Одесских театрах, об устройстве маскарадных балов, семейных музыкальных и литературных вечеров и вообще по предметам касающимся игр" נומערן ניט אָנגעוויזן.

צוליב דער גאַנצקייט פֿונם בילד און קעדיי צו כאַראַקטעריזירן לערנערן ברייגען מיר דאָ דעם בריוו אין אָריגינאַל:

Ваше Превосходительство!

Представляя при сем сто тридцать семь рублей шестьдесят копеек, вырученных из спектакля данного труппою моей 23 сего декабря в Мариинском театре в пользу бедных христиан г. Одессы, и присовокупляя к этой сумме лично от себя для означенной цели пятьдесят рублей, имею честь покорнейше просить ваше превосходительство о распределении этих денег по вашему благоусмотрению.

Крайне сожалея, что неблагоприятное время перед праздниками отразилось на сборе и лишило меня возможности сделать большее для нужд бедности, льщу себя надеждою, что моя посильная лепта не будет отвергнута и с глубоким уважением остаюсь

Вашего превосходительства
покорною слугою

Осип Михайлович Лернер
Директор еврейских театров

געגנטן איז א לייגגערע צייט לאַכלוטן געווען פארבאָטן צו געבן אידישע טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען. אזוי געפינען מיר אין אַרכיוו פון אָדעסער גראַדאָנאטשאלניק א פּאַפּיר פונם 11-טן פעווראל 1881 יאָר, אין וועלכן לערנערן ווערט פאַרבאָטן איבערצופאָרן מיט זיין טרופּע אין די פּוילישע און דאָרעם מאַירעוודיקע גובערניעס[1])

אָט בא אַזעלכע אומשטאנדן פון אָפיציעלער לעגאלישקייט און פאקטישער רעכטלאָזיקייט האָבן די פילצאָליקע טרופּעס, וואס האבן מייסטנס געמערט זיך און געוואָקסן אין נאָוואָרוסישן קאַנט, דורכגעמאַכט זייער ביטערע עקזיסטענץ. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי קאַטאסטראָפיש ס'האט באַדאַרפט זיין די לאַגע פון די אידישע טרופּעס דעמאָלט, ווען ס'איז אָנגעקומען דער באַפעל אינגאַנצן צו פאַרבאָטן די אידישע פאָרשטעלונגען.

II

בא וועלכע-זשע אומשטאנדן און ווען איז פאָרגעקומען דער טעאַטר-פאַרבאָט?

קיין דאָקומענטירטע יעדיעס וועגן דעם האבן מיר ניט. גאָלדפאַדן, וועלכער איז גלייך נאָכן פארבאָט אוועק קיין פעטערבורג אָנצוקלאַפּן אין די הויכע פענצטער, האט איצט, אפאָנעם, אומעטום געטראפן צוגעשלאָסענע טירן. ער, וועלכער האט פריער, קענטיק, געהאט פארבינדונגען אין די רעגירונגקרייזן[2])—אַלנפאַלס, אזוי דאַרף מען זיך פאָרשטעלן זיין פריערדיקן דערפאָלג אף דעם געביט, — האט איצט, ווייזט אויס, ניט געקאָנט אפילע זיך דערוויסן, פונוואַנען עס שטאמט דער פאַרבאָט. אנדערש קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן דאס, וואס גאָלדפאדען פארשוויגט עס אין זיין אווטאָביאָגראַפיע[3]).

אין „המליץ” נומ. 73 פאון 1883 יאָר לייענען מיר אין א קאָרעספּאָנדענץ פון אָדעס:

---

1) ארכיוו פון אדעסער גראדאָנאטשאלניק, פאַראָרדענונגס-טיש, איניען נומ. 1260 פאון 1881 י. „по распоряжениям Главного Управления по делам печати и вообще по предметам касающимся печати“ 25 בלאט

2) מעגלעך, אז די פארבינדונג מיט צעדערבוימען האָט אים דערצו געהאָלפן.

3) אַגעוו, איך וויל דאָ פארצייכענען פאָלגנדיקן מאָמענט. ניט לאַנג יאָכן פאַרבאָט האָט גאָלדפאדן געפּרואווט צוריק אומקערן זיך צו ליטעראַרישער טעטיקייט. אַזוי געפינען מיר אין איניען פון אָדעסער גראדאָנאטשאלניק—אַרכיוו נומ. 1451 פאַרן 1884 „Переписка с Гл. Упр. по делам печати“ בלאט 1 א פּאַפּיר פון דער הויפט-פארוואַלטונג פאר דרוק-איניאָנים פונם 31 יאַנוואר, אין וועלכן ס'ווערט געמאָלדן, גאָלדענפאדימען (גאָלדפאדענען), אַז זיין באקאָשע ארויסצוגעבן א צייטונג אף אידיש-דייטש (זשארגאָן) מיטן נאָמען „Das Vaterland“ איז ניט באפרידיקט געוואָרן פון דער ה. פ. אָט די יעדיע איז פאר אונז אינטערעסאַנט צוליב פאָלגנדיקע טאַימים: מיר זעען דאָ גאָלדפאַדנס גרייטקייט גלייך נאָכן פאַרבאָט פון טעאַטר זיך אומקערן צו ליטעראַרישער טעטיקייט. דער נאָמען „Das Vaterland”, וואָס די צייטונג האָט געזאָלט טראָגן, איז אליין פאר זיך גאַנץ כאַראַקטעריסטיש פאר גאָלדפאַדנס געדאַנקען-גאנג אין די אכציקער יאָרן. עס דאַרף אויך אָנגעוויזן ווערן אף דעם, וואָס גאָלדפאַדן פיגורירט אין דעם דאָקומענט אונטער דער פאַמיליע

„יענע וואָך איז אנגעקומען א באַפעל פון פעטערבורג וועגן פאַר־באָטן צו פאָרשטעלן אין די טעאַטרען פיעסן אַף אידיש. ווי א שרעקלעכער דונער איז די בסורע געווען פאַר די, וואָס האָבן געצויגן דערפון זייער כאַיונע, און אַ ווייטיק פאַר אַלע איינוואוינער. די אופגעקלערטע פון אונזער פאָלק און אויך פון די קריסטן האָבן זיך שוין איבערצייגט אין די גרויסע נוצן, וואָס עס האָבן געבראכט פאר אונזערע ברידער אָט די פאָרשטעלונגען... אַזוי וואונדערלעך האָבן געווירקט די פארשטעלונגען אין אידיש, וואָס האָבן צוגעצויגן צו זיך אַסאַך פון אַלע פאָלק-ש״כטן, וועלכע האָבן אויג אַף אויג געזעען דאָס גוטע און דאָס שלעכטע באַ אידן... און אויב ס׳זיינען געקומען קריגערס („מערערים״), וואָס עס האָט זיי שטאַרק באַרירט דאָס ווייזן אַמאָל לעכערלעכע געשטאַלטן, זייער שטיין און גיין, זייער גראָבער ארט רעדן, אַזוי אַז זיי האָבן דאָס פאַרעכנט פאַר א כילעל-קאָוועד פונם אידישן פאָלק, איז דאָך דערפאַר אָבער געגעבן געוואָרן אסאַך בילדער פון דער אידישער געשיכטע, ווי „באַרקאָכבע״, „מענאכעם בן ישראל״, „אוריעל אקאָסטאַ״, „אלמאסאדאָ״, „שולאַמיס״ און אַנדערע. און אָט צו דעם פאָרשטייענדיקן ווינטער זיינען געמאכט געוואָרן גרויסע האַכאָנעס צום אופירן נייע פיעסן פון אויסגעצייכנטע שרייבער... און קיינער פון אונז ווייסט ניט, וואָס עס האָט געבראכט די רעגירונג צו געפינען שעדלעכס אין דעמדאָזיקן „גיא החזיון״ [1].

הנ״ף

מיר זעען אַלזאָ, אַז דער כשאד בענויגייע צום פאַרבאָטן דעם טעאַטר איז געפאַלן אף די „געטרייע קעמפער״ פאַרן קאָוועד פונם אידישן פאָלק. אָבער ווער זיינען זיי געוועזן,—צי איז דאָס געווען די אָרטאָדאָקסיע, וואָס האט זיך אָנגענומען אין גאָטס „קריוודע״, אָדער עס האָט געזאָלט זיין די אסימילירטע בורזשואַזיע, וואָס האט געטון אין נאָמען פון דער ציוויליזאַציע, — ווייסן מיר ניט גענוי.

מיר האָבן שוין געזעען, וואָס פאַר א קאַבאָלעס פאָנים די אסימילירטע אינטעליגענץ האָט געגעבן דעם אידישן טעאַטר אין אָדעס אין 1879 יאָר[2]. מענאַשע מאַרגאָליס, וואָס איז, ווי באוואוסט, געשטאנען אין דער שפיץ פון אָט דעם „לייטזעליקן״ טייל פון דער אידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ, האָט א צעשמאָלצענער פון נאַכעס באַגריסט דערנאָך דעם רעגירונג-אַקט וועגן טעאטר-פאַרבאָט. פארשיידענע אָנצוהערענישן וועגן דעם, אז די מעסירעס,

---

„גאָלדנפאָדים״. קענטיק, אז מיט דעם ווענדן זיך צו דער אמאָליקער פאמיליע האט גאַלדפאדן געוואָלט פארשטעלן פאר דעם מיניסטעריום זיין צו פאָפולערן נאָמען אלס גריגדער פון אידישן טעאַטר—א זאַך, וואָס האט אים באַ דער איצטיקער סיטואַציע ווייניק וואָס געפאַסט פאר זיין ליטעראַרישער קאַריערע.

1) „המליץ״, 1883—73.

2) זע מיין ארבעט אין „רויטע וועלט״ נומ. 12 פארן 1926 י.

וואָס האבן אַרויסגערופן אָט דעם פארבאָט, שטאַמען פון אונזער גרויסבור־שואזיע, גיט אונז אויך די שפּעטערדיקע פּרעסע [1].

אז די אַסימילירטע בורזשואַזיע האָט געשפּילט א וויכטיקע ראָל אינם קאַמף קעגן אידישן טעאטער, איז קלאָר פאר אונז, מיר וואָלטן אָבער געמאכט א גרויסן טאָעס, ווען מיר זאָלן זיי פארעכענען פארן איינציקן אומיטלבארן שולדיקער אינם טעאטער-פאַרבאָט.

אָט וואָס עס ווערט געזאָגט אין דער באַמערקונג פון ארז—צעדערבוימען (דעם רעדאַקטאָר פון „המליץ“) צו דער פריער דערמאָנטער קאָרעספּאָנדענץ פון אָדעס:

„שוין א פּאָר כאַדאָשים זינט מיר האָבן מודיע געווען אונזער פריינט מל״ל (מוישע לייב ליליענבלום): מיר זיינען געוואוירע געוואָרן, אַז פון אייניקע גובערנאטאָרן („משרי פלך אחדים“) האָבן זיך באקומען אָנקלאגעס אף די פאָרשטעלונגען אין אידיש, אין וועלכע זיי האָבן בעפּיירעש געבעטן צו פארבאָטן אָט די פאָרשטעלונגען. האָט מען דעם איניען באַטראכט, ביז מ׳האט לעסאָף אַרויסגעגעבן דעמדאָזיקן באַפעל“ [2].

אָט דאָס איז א דייטלעכע אָנצוהערעניש אַף אן אָרגאַניזירטער העצע, וואָס עס האָט געפירט קעגן אידישן טעאטער די אָרטיקע אדמיניסטראַציע. עמעס, ס׳קאָן געמאָלט זיין, אַז הינטער די פּלייצעס פון די גובערנאטאָרן האָבן אויך געאַרבעט אונזערע „באַלעטויוועס“.

לעצטנס דארף דערמאָנט ווערן, אז א גרויסן אַנטייל אינם קאמף קעגן אידישן טעאַטער—און עפשער טאַקע דעם גרעסטן אַנטייל—האָט גענומען די אַנטיסעמיטישע פּרעסע.

די מאַטעריאַלן, וואָס מיר געפינען אין דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע, הויפּטזאכלעך אין דעם אָדעסער „נאָוואָראָסיסקי טעלעגראַף“, וואָלטן געגעבן די מעגלעכקייט אָנצושרייבן א באַזונדערע ארבעט. אייגנטלעך, האָבן די, וואָס פאָרשן די געשיכטע פונם אידישן טעאטער, איצט צו פארדאַנקען דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע פאר איר גרויסן „אינטערעס“, וואָס זי האָט ארויסגעוויזן בענויגייע דעם אידישן טעאַטער. בּאַ דער טייל־וויס ביטל-באַציאונג און צומאָל באַם פולקומען איגנאָרירן ,עם אידישן טעאַטער מיצאד דער ליבעראלער פּרעסע האָבן מיר אינם „נאָוו. טעל.“ אַ גאנץ ברייטע אינפאָרמאַציע וועגן אים. איצט אינטערעסירט ,ונז אָבער בלויז דער קאַמף, וואָס די אַנטיסעמיטישע פּרעס׳ז האָט געפירט קעגן אידישן טעאַטער — ווען מיר זיך אָפּשטעלן אַף אייניקע מאָמענטן.

שוין אין 1880 יאָר האָט דער אידישער טעאטער „זויכע“ געווען אַרופצוגיין אף די שפּאַלטן פון א לייטאַרטיקל אין „נאָוו. טעל“ [3]. באַטראכטנדיק די

1) „דער יוד“ 1900—32; „המליץ“ 1900—153.

2) „המליץ“ 1883—73.

3) דער „נאָוו. טעל.“ איז לעכאטכילע געווען א ליבעראלע צייטונג.

אידישע פראַגע פון „נאַציאָנאַלן” שטאַנדפּונקט אין אַ גאַנץ געװײנלעכן פאַר איר אין יענער צײַט פאַרבּיסענעם אַנטיסעמיטישן טאָן מיט דער באַקאַנטער טעאָריע פון „באַלעבאָס” און „שאָכן”, קומט די צײַטונג צום אויספיר, אַז די עקזיסטענץ פון אַ אידישן נאַציאָנאַלן טעאַטער, דאָס דערשײַנען פון צײַטונגען אַף אידיש, דאַס דערציִען קינדער אין אידישן נאַציאָנאַלן גײַסט, װי בּיכלל יעדע אידישע נאַציאָנאַלע דערשײַנונג, איז אומבּאַדינגט שעדלעך און פײַנטלעך צו דער רוסישער בּאַפעלקערונג[1]).

װי מיר זעען, איז דער אידישער טעאַטער גלײַך בּאַטראַכט געװאָרן מיצאַד דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע, װי אַ נאַציאָנאַלער. אַט דער לײַטאַרטיקל האַט געגעבּן די עלעמענטן, װאָס האָבּן זיך געגרופּירט אַרום דעם „נאָװ. טעל.” דעם געהעריקן טאָן אַף צו .ערקלערן אַן אָפענעם קאַמף דעם אידישן טעאַטער. אַנשטאָט די פּריערדיקע רעצענזיעס װעגן אידישן טעאַטער—צומאָל בּעסערע און אָפטער טאַקע געשריבּן מיט אַ פּאַסיקן זידל־טאָן,—האָט איצט די אַנטיסעמיטישע פּרעסע, אין געשטאַלט פונם „נאָװ. טעל.”, זעענדיק דעם גרױסן דערפאָלג פונם אידישן טעאַטער, זיך דערפילט בּאַזונדערס בּאַלײדיקט פונם פאַקט גופא, װאָס דער „שאָכן” האַט אַזױ בּרײטלעך זיך צעלײגט בּאַם „באַלעבּאָס”. דעמאָלט האָט זי אָנגעהױבּן צו פירן אַ שטאַרקע העצע קעגן אים.

אין אַ פּאָר װאָכן אַרום האָט דער טעאַטראַלער רעצענזענט פונם „נאָװ. טעל.”, רעדנדיק װעגן דער אידישער טרופּע אין אָדעס, געשריבּן גאַנץ אײנפאַך:

„װאָס זאָל אָט דער כאָלעם בּאַטײַטן? װאַס האָט געגעבּן דער אידישער טרופּע בּירגער־רעכט אין אָדעס? דער גרעסטער טײל פּיעסן פונם אידישן רעפּערטואַר האַט לאַכלוטן קײן זינען נ׳ט. טאָמער װאַרפן זיך דורך צװײ—דרײ פּיעסן, אין װעלכע ס׳איז צו זעען אַ אידײע—דעם קאַמף פונם פאַנאַטיזם מיט דער ציװיליזאַציע,—קױפט זיך דען אויס דער נוצן פון די געצײלטע צװײ—דרײ פּיעסן לעגאַבּע דער גרױסער שעדלעכקײט, װאָס דער טעאַטער בּרײנגט דערמיט, װאָס ער זונדערט לאַכלוטן אָפּ די אידן פון די קריסטן. ניט צוליבּ דעם בּאַזוכן די אידן דעם טעאַטער, װײל זײ אַנערקענען זײַנע נוצן, נײן, — זײ בּאַזוכן אים, קעדײ צו שטיצן, קעדײ זײ זאָלן הײ־ן דאָס רעכט צו זאָגן: „אָט װער מיר זײַנען, מיר האָבּן אַן אײגענעם טעאַטער”. די הױפּט־ראָלע שפּילט דאָ דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ! צי דאַרף מען עס אָבּער?.. און אָט אַזױ אַרום קומען מיר צו אַזאַ בּאַשלוס, אַז אָדעס איז קימאַט ניט קײן רוסישע שטאָט, אַז אַלץ האָט בּאַ אונז בּירגער־רעכט אויסער אונזער אײגנס, רוסישעס... אפילע די אידן הערשן אױך בּאַ אונז און ניט בּלױז אין לעבּן, נאָר אפילע אַף דער בּינע”...[2])

---

[1]) זע דעם לײַטאַרטיקל 1750—1880 „נאָװאָר. טעל.”.

[2]) 1766—1880. „Нов. тел”

אָט מיט וואָס פאר א פאַרביטערטקייט ס'האָט זיך גערערט וועגן אידישן טעאַטר. מאָטיוון, ווי ס'איז צו זען, זיינען ארויסגעשטעלט געוואָרן גאַנץ „קאָשערע", קימאַט דיזעלביקע, וואָס עס האט אָנגעגעבן די אסימיל'רטע אי-דישע אינטעליגענץ: די זינלאָזיקייט פונם רעפערטואר, דאָס אָפּזונדערן די אידן פון דער קריסטלעכער באפעלקערונג. דאָס איז, פארשטייט זיך, געווען נאָר פאָרמעל. אינדערעמעסן האט די לייענער פון „נאָוו. טעל." ווייניק-וואס געקימערט דאָס אָפּזונדערן זיך פון די אידן. אויך אין איר קוק אפן רעפער-טואר איז די אנטיסעמיטישע פרעסע זיך ניט צונויפגעגאַנגען מיט די אַסימי-לאַטאָרן. אויב די אָפּלאכערישע פּיעסן האָבן געקימערט אונזערע אַסימילאַ-טאָרן אין דעם זינען, וואָס זיי, די פּיעסן, פאַרשמוצן דעם קאָוועד פונם אידישן פאָלק (ד. ה. דעם קאָוועד פון די אסימילאַטאָרן גופע, אף וועמען ס'איז געפאַלן דער שאדנפלעק פאַר זייער קרויוועשאַפט מיט די „שמענדריקס" און „קוני-לעמלעך"), איז דערפאר אָבער די געזעלשאַפט פונם „נאָוו. טעל." געווען גאַנץ צופרידן פון אָט די פּיעסן און האָט באדויערט, וואס אזעלכע איז וויי-ניק פאַראן. און ס'איז גאַנץ פארשטענדלעך: דאָ איז מען ניט אויסן געווען אזויפיל די דידאַקטישע טענדענץ, וועלכע דאַרף מיטהעלפן וואָס גיכער צו באפרייען די אידן פונם פאַנאַטיזם, ווי די מעגלעכקייט אָפּצולאכן אביסל פון „מאָשקען".

מיט א יאָר שפּעטער (20 אווגוסט 1881) געפינען מיר אין דעמזעלביקן „נאָוו. טעל." א בריוו אין רעדאַקציע, אין וועלכן דער מעכאַבער גיסט אויס זיין ביטער האַרץ אף דעם, וואָס די אידישע טרופּע האָט פארנומען דעם מאַ-ריען-טעאטר:

„Volens-nolens"—שרייבט ער—וועלן מיר גיין זיך לערנען בא די אידן, אויב זיי זיינען אין אָדעס אזוי פאַרפעסטיקט, אז זיי האָבן געקאָנט פארכאַפּן דעם רוסישן טעאטר און ווערן באלעבאַטים איבער אים".

דעם מעכאַבער גלויבט זיך אָבער ניט, ס'זאל שוין זיין אַזוי שפּעט: „צי דען—שרייבט ער—איז שוין גאָר קיין טרופּע ניטאָ? צי וואָלט מען ניט גע-קאָנט קאָמבינירן אַזוי, אַז די רוסישע פאָרשטעלונגען זאָלן כאָטשבי גיין לויט אַן איינגעשטעלטער ריי צוזאַמען מיט די אידישע?"[1].

די רעדאַקציע האט אין אירער א באַמערקונג אונטער דעם בריוו אַזוי געענטפערט וועגן דעם פאָרשלאָג:

„אסאַך וועלן ניט וועלן באַזוכן דעם טעאַטר, אויב די פאָרשטעלונ-גען פון דער רוסישער טרופּע וועלן גיין צוזאמען מיט די פאָרשטעלונגען פון דער אידישער. סיי דאָס אויסערלעכע אויסזען פונם זאַל, סיי די אַט-מאָספער נאך די אידן איז אזעלכע, אז ס'איז זיי מיט גאָרנישט ניט אויסצורויכערן"[2].

---

[1] „Нов. тел." 1974—1881

[2] דאָרטן.

אַט מיט אַזאַ טאָן האָט מען געשריבן אין דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע וועגן אידישן טעאַטר. וואָס ווייטער איז די סינע אין די אַנטיסעמיטישע קרייזן אַלץ געוואַקסן צווישן דער רוסישער בורזשואַזיע. אפן באָדן פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ מיט דער אידישער בורזשואַזיע האָט דער אַנטיסעמיטיזם פון טאָג אַף טאָג אַלץ שטורעמדיקער געוואָרפן זיין שוואַרצע קראַפט אַף אַלע געביטן פון עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן פון דער ברייטער אידישער פאָלק-מאַסע. צף אַזאַ אופן האָט ער פריער—שפּעטער געמוזט טרעפן אויך דעם טעאַטר—איינע פון די באַדייטנדיקסטע קולטור-דערשיינונגען אינם לעבן פון דער אידישער פאָלק-מאַסע. זייער כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אויך דאָ, אינם געביט פון קולטור-קאַמף, האָט די אַנטיסעמיטישע פּרעסע אָנגעווענדט איר גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון אַרגומענטן, מיט וועלכן זי פלעגט ארויספאָרן אפן עקאָנאָמישן פראָנט; אויך דאָ האָט אַף יעדן טריט און שריט פיגורירט דער באַרימטער אַנטיסעמיטישער לאָזונג: „אַראָפּ די אידישע עקספּלואַטאַציע!”. איבערשאַצנדיק אין איינעם אַן אַרטיקל פון 1883 יאָר דעם גאַנצן אידישן רעפּערטואַר, האָט דער טעאַטראַלער רעצענזענט פון „נאָוו. טעל.” אָנגעשריבן אַזעלכע עטלעכע שורעס:

„פאַרוואָס ווענדן ניט די פּראָגרעסיווע ציוויליזאַטאָרן די אויפמערקזאַמקייט אַף דעם, וואָס צווישן די אידישע פּיעסן איז לאַכלוטן ניט פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָלן אָפּשילדערן אַ ריכטיק בילד פונם קאָהאָלשן שווינדל, פונם בלוטזויגעריי אין די שיינקען, פון אָפּנאַרעריי אין וואָג און מאָס און פון אַלע אַנדערע מינים פאַלשקייטן און עקספּלואַטאַציע פרעמדע האָרעוואַניע און פרעמד האָב און גוטס?”.

ווייסער ווערט געבראַכט אַ צעטל סוזשעטן אַף דער טעמע „אידישע עקספּלואַטאַציע”, וואָס דער רעצענזענט וואָלט אַ באַלן געוועץ זיי זאָלן באַאַרבעט און אויפגעפירט ווערן אַף דער אידישער בינע, און דאָס אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, אויסגעהאַלטן ביזן סאָף אין אַנטיסעמיטישן סטיל און באַפּעפערט מיטן גאַנצן „כיין” פון די באַרימטע אַנעקדאָטן[1].

אַזעלכע און ענלעכע „שעדעווורן” רעצענזיעס וואָלט מען געקאָנט צונויפקלייבן אין די צענדליקער. מיר וועלן זיך אָבער באַנוגענען מיט די אייניקע געבראַכטע מוסטער-שטעלן. אויב מיר וועלן נאָך נעמען אין אַכט דעם גוואַלדיקן מאַטעריעלן דערפאָלג פונם אידישן טעאַטר[2], וועט פאַר אונז באַ-

[1] „Нов. тел.” 1883—2404

[2] צוליב דער גאַנצקייט פונם בילד וועלן מיר דאָ פאַרצייכענען פאָלגנדיקע עפּיזאָדן:
מילאָסלאַווסקי—איינער פון די באַדייטנדיקסטע רוסישע אקטיאָרן פון יענער צייט איז געווען דער אַנטרעפּרעניאָר פונם רוסישן טעאַטר אין אָדעס. ניט געקוקט דערויף, וואָס דער טעאַטר האָט געהאַט דעם בעסטן אַנסאַמבל און רעפּערטואַר, זיינען די געשעפטן געגאַנגען שוואַך. מילאָסלאַווסקי האָט זיך, קענטיק, מיסקאַנע געווען אין גאָלדפאַדנס דערפאָלגן און האָט זיך געפּרואווט

זונדער קלאָר ווערן אָט דער פאַרביסענער קאַמף, וואָס די אַנטיסעמיטישע פּרעסע האָט קעגן אים געפירט.

די רעגירונג, וועלכע האָט אין די אַכציקער יאָרן זיך גענומען מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט צוהערן צו דער שטים פון דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע, האָט, קענטיק, ניט דורכגעלאָזט אָן אַכטונג אויך דעם קוק פון דערדאָזיקער פּרעסע אַף דער אידישער טעאַטער-פראַגע. די אָנקלאָגעס פון דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע און די וואַרשיינלעכע מעסירעס פון אונזערע אַסימילאַטאָרן האָבן דערמאָנט דער רעגירונג, אַז אין די ציטוויילעכע טאַקאָנעס פאַר אידן פונם 1832 יאָר האָט זי פאַרגעסן אַ וויכטיקן פונקט, און דעמאָלט איז ארויסגעשוואומען דער פאַרבאָט פונם טעאַטער.

ווען זשע האָט עס געזאָלט פּאָרקומען?

אינטערעסאַנט איז, וואָס מיר האָבן ביז איצט אַפילע נאָך ניט פעסטגעגעשטעלט די דאַטע פונם פאַרבאָט. אויך דאָ האָט געהערשט א פלאָנטער. גאָלדפאַדן האָט אין זיין ערשטער קלענערער אווטאָביאָגראפיע (פאַרעפנטלעכט אין דער „ניו-יאָרקער אילוסטרירטער צייטונג“ פאַרן 1887 יאָר, נומ. 4) פאַרצייכנט אזוי: „דיא פּערהענגיספּאָלע פּראָגראמע (?—רעד.) אויס פּעטערבורג (האָט) דיא טרויעריגע באַטשאפט געבראַכט, אז דאָס יודישע טעאַטער אין רוסלאַנד איז גענצליך פערבאָטען געוואָרען 14 סעפּטעמבער 1883“[1]).

אַז די דאַטע איז פארגרייזט, בלייבט קיין שום סאָפעק ניט. די פריערדערמאָנטע קאָרעספּאָנדענץ פון אָדעס איז דאַטירט דעם 5 סענטיאַבר, אַף וויפל אין קאָרעספּאָנדענץ ווערט נאָך געזאָגט, אַז דער פארבאָט איז אָנגעקומען פאָריקע וואָך, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן, אז ס'האט געזאָלט פאָרקומען סאָף אַווגוסט. לויט דעם אָפיציעלן דאָקומענט, וואָס עס האָט זיך מיר איינגעגעבן צו געפינען אין אַרכיוו פון אָדעסער צייטווייליקן גענעראַל-גובערנאַטאָר, איז דער פאַרבאָט פאָרגעקומען פינקטלעך דעם 17 אַווגוסט און איז געגעבן געוואָרן אלס אַ געהיימע פאַראָרדענונג פונם פּאָליצײ-דעפּאַרטאַמענט.

אָט איז דער דאָקומענט:

ראַטעווען די לאַגע מיט ספּעקטאַקלען פונם אידישן לעבן. אַזוי איז אופגעפירט געוואָרן א פּיעסע „האָמאָן“ (?) און בראָודס „Современная еврейка или жертва нигилизма“. דער רעצענזענט פון דער לעצטער פאָרשטעלונג וויינט מיט קראָקאָדילן-טרערן (1812—1881 „Нов тел“): „פאַרוואָס קומט עס, אַז די בעסטע רוסישע פאָרשטעלונגען מיטן אַנטייל פון ריוטשי, איוואַנאָוו-קאָזעלסקי און אַנדערע טאַלאַנטן זאָלן ניט האָבן אזעלכע האַכנאָסעס. „Тут есть на чем подумать“—אַזוי פאַרענדיקט דער רעצענזענט. אויסער דעם געפינען מיר אין „נאָוו. טעל.“ און אין דעם מאָסקווער הומאָריסטישן זשורנאַל „Стрекоза“ א גאַנצע ריי מאַטעריאַלן. וואָס באַווייזן אונז ווי די אנטיסעמיטישע פּרעסע האָט זיך פיקירט מיט מילאָסלאַווסקין פאַר זיין איבערגעגעבנקייט צו דער „זשארגאָנעטקע“.

[1]) ציטירט לויטן „גאָלדפאַדן בוך“. אַגעוו, ווי עס ווייזט אויס, האבן נ. אויסלענדער און א. פינקעל אין זייער ארבעט „אווראם גאָלדפאדן“ (מינסק—1926) גענומען די דאַטע 14 סעגטיאַבר אָט טאַקע פונם „גאָלדפאַדן-בוך“, און אומזיסט כידעשט זיך דער רעצענזענט פון דער דערמאנטער ארבעט (זע „רויטע וועלט“ נומ. 11—1926) אף דעם, פונוואנען אָט די דאַטע זאָל שטאַמען.

М. В. Д.

Конфиденциально

Циркулярно

Департамент полиции по 2-му делопроизводству

17 Августа 1883 года

№ 1746.

г.г. Губернаторам.

Во внимание к тому, что некоторые драматические пьесы на еврейском языке, дозволенные к представлению в прежнее время, оказываются совершенно неудобными, признано необходимым воспрепятствовать на будущее время представление в театрах пьес на разговорно-еврейском языке (жаргоне).

Так как выдача разрешений на устройство театральных представлений, в силу 145 ст. Уст. о предупр. и пресеч. прест. т. XIV Св. Зак. по прод. 1876 г., принадлежит полиции, то об изложенном распоряжении, к надлежащему исполнению, имею честь уведомить г.г. губернаторов.

Подписал: товарищ министра внутренних дел, заведывающий полициею, Генерал-Лейтенант **Оржевский.**

Скрепил: Директор **Плеве.**

מ. וו. ד.

פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט צווייטע געשעפטפירונג

17 אווגוסט 1883 יאָר

№ 1746.

צו די הערן גובערנאַטאָרן.

נעמענדיק אין אַכט, אַז אייניקע דראַמאַטישע פּיעסן אַף אידישן זשאַרגאָן, וואָס זיינען פריער דערלויבט געוואָרן צו שטעלן, האָבן זיך אַרויסבאַוויזן פאַר לאַכלוטן אומבאַקוועמע, איז אַנערקענט געוואָרן פאַר נייטיק צו פאַרבאָטן אַף ווייטער פאַרצושטעלן אין די טעאַטרען פּיעסן אַף דער אידישער רייד-שפּראַך (זשאַרגאָן).

אַזוי ווי דאָס אַרויסגעבן דערלויבענישן אַף איינאָרדענען טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען געהער דער פּאָליציי, האָב איך די ערע מיטצוטיילן די הערן גובערנאַטאָרן צוליב געהעריקער אויספירונג וועגן דער געגעבענער פאַראָרדענונג.

געכאַסמעט: פאַרטרעטער פונם מיניסטער פאַר אינערלעכע איניאָנים, פאַרוואַלטער פון דער פּאָליציי, גענעראַל-לייטענאַנט אָ ר ז ש ע וו ס ק י.

באַשטעטיקט: דירעקטאָר פּ ל ע וו ע[1].

מיר האלטן זיך אָפּ פון פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דעם דאָקומענט, וואָס ברייגנגט אונז לאַכלוטן ניט קיין נייס בענויגייע צום עצעם איניען. קעדאַי בלויז אונטערצושטרייכן די אומגעלומפּערטע פאָרמולירונג, וואָס איין טייל אירער קלעפּט זיך צום צווייטן, ווי אַן ארבעס צו דער וואַנט. אין צוזאַמענהאנג דערמיט, וואָס די פאַראָרדענונג איז געמאַכט געוואָרן אַף אַן אַדמיניסטראַטיוון אויפן, איז אינטערעסאַנט אָנצואווייזן, אַז די הויפּטפאַרוואַלטונג פאַר דרוק-איניאָנים האָט נאָכן פאַרבאָט נאָך צענזורירט אידישע פּיעסן, אַזוי געפּייען

[1]) ארכיוו פון אָדעסער צייטווייליקן גענעראַל-גובערנאַטאָר, איניען נומ. 25 פאַרן 1883 יאָר. בלאַט — 81. „Циркуляры М. В. Д. и Главного Тюремного Управления"

מיר אין אַרכיוו פון אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק א פּאפּיר, פון וועלכן ס'איז צו זען, אז די הויפּטפּארוואלטונג פאר דרוק-איניאָנים האָט דעם 13 סענטיאבר אָפּגעשיקט קיין אָדעס 6 פּיעסן אף אידיש דערלויבטע צום שטעלן[1].

אף אזא אויפן זעען מיר, אז דאָס געבן פאָרשטעלונגען נאָכן 83-טן י. איז פאָרמעל קלוימערשט ניט געווען פארבאָטן, אָבער די פּאָליציי אף די ערטער, וואָס האָט געהאַט דעם געהיימען באפעל, האָט שוין געוואוסט וואָס צו טון מיט די „דערלויבטע" פּיעסן.

דעם פארבאָט צו געבן אידישע פאָרשטעלונגען מיצאד דער הויפּטפּאר-וואלטונג פאר דרוק-איניאָנים טרעפן מיר ערשט שפּעטער.

אזוי געפינען מיר אינעם דערמאָנטן גראַדאָנאַטשאַלניק-אַרכיוו פאר 1888 י. א קאָנפידענציעלן פּאפּיר פון דער הויפּטפּארוואלטונג פאר דרוק-איניאָנים מיט פאָלגנדיקן אינהאלט:

„פון די אפּישעס, וואָס באקומען זיך אין דער הויפּטפּארוואלטונג פאר דרוק-איניאָנים, ווייזט זיך ארויס, אז ניט געקוקט אף דעם אומבאדינגטן פארבאָט צו שטעלן טעאטראַלע פאָרשטעלונגען אף אידישן זשארגאָן, וואָס איז געמאכט געוואָרן דורכן קאָנפידענציעלן צירקולאר פונם 17-טן אווגוסט 1883 יאָר, נומ. 1746, האָבן זיך די לעצטע צייט אויסגעפאָרמירט טרופּעס פון אידישע אַקטיאָרן, ווי, צום ביישפּיל, אונטערן אָנפיר פון פישזאָנען, טאנצמאנען, שייקעוויטשן[2] און אנדערע, וועלכע פאָרן ארום פון שטאָט צו שטאָט און פירן אויף אף טעאטראַלע בינעס אין זשארגאָן פּיעסן, וואָס זיינען לאכלוטן ניט געווען באטראכט פון דער דראמאטישער צענזור, און אַזעלכע, וואָס זיינען דערלויבט געוואָרן צום שטעלן ביזן פארבאָט פונם 1883 יאָר.

דעריבער רעכנט די הויפּטפּארוואלטונג פאר דרוק-איניאָנים פאר נייטיק זיך ווענדן צו אייער עקסעלענץ מיט א געהאָרכזאמער ביטע צו געבן די אָפּהיינגיקע פון אייך פאראָרדענונג דער אָדעסער פּאָליציי וועגן דער אומבאדינגטער און פּינקטלעכער אויספירונג פון דעם צירקולאר, און אין דעם פאל, ווען די פאראָרדענונג וועט ווידער דורך

---

1) אַרכיוו פון אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק, פאַראָרדענונגס-טיש איניען נומ. 1394 פארן 1883 יאָר „О распоряжениях Главного Управления по делам печати и о доставлении разных сведений", בלאט 204.

אַגעוו, אָט זיינען די נעמען פון די פּיעסן:

1) Был женихом и опять вдовцом
2) Хорошая спекуляция.
3) Милая сумасшедшая.
4) Ханука.
5) Красавчик.
6 Каин.

2) קעדאי אָפּצושטעלן די אויפמערקזאמקייט אף דעם, אז שאָמערס טרופּע האָט צו יענער צייט עקזיסטירט נאָך אלס אן אומלעגאַלע.

עמעצן געבראָכן ווערן, — צוציען דעם שולדיקן צו געזעצלעכער פּאַר-
אַנטוואָרטלעכקייט"[1].

דער אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק האָט פון זיין זייט געגעבן דעם פּאָליצמיי-
סטער א באַפעל שטרייננ נאָכקוקן נאָך דעם, ס'זאָל אַף ווייטער ווי געהעריק
דורכגעפירט ווערן די פּאַראָרדענונג, און האָט געפאָדערט מודיע זיין ווען,
דורך וועמען און אַף וועלכן סמאַך זיינען אין אדעס דערלויבט געוואָרן צום
שטעלן פּיעסן אַף אידישן זשאַרגאָן[2]. לויטן ענטפער פונם פּאָליצמייסטער איז
אין אדעס די פּאַראָרדענונג ניט געבראָכן געוואָרן, און דער בריוו-אויס-
טויש מיט דער פאַרוואַלטונג האָט אַף דעם זיך פאַרענדיקט.

די אידישע טרופּעס, וואָס האָבן זיך, קענטיק, צוגעפּאַסט צו דער אומלע-
גאַלער עקזיסטענץ און זיך אויסגעלערנט ווי „אויסצוקומען מיט פּאָניען",
האָבן זיך גענומען גאַנץ ברייטלעך „צעלייגן זיך" אין דער רוסישער מעלוכע.
די אַנטיסעמיטישע פּרעסע האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אָן אידישן טעאַטר,
ס'האָבן שוין אויך פאַרגעסן אָן אים און געקילט זיך די הערצער די אַסימי-
לאַטאָרישע „קלאל-פאַרזאָרגער" פונם אידישן פאָלק. בעראָש פון די אַלע
טרופּעס אין רוסלאַנד איז דעמאָלט געשטאַנען פישזאָן. אין זיינע זיכרוינעס
גיט פישזאָן א גאַנץ בולעט בילד פון זיינע מאַטערנישן ארום דער אַדמיני-
סטראַציע, אָבער דאָס האָט צו טון מיט א שפּעטערער טקופע[3]. אָט דער דאָ-
קומענט, וואָס מיר ברייננען אונטן, דאַרף זיין אַן ערשטקלאַסיקער אַטעסטאַט
פישזאָנען פאַר זיין ענערגיע אין דעמדאָזיקן געביט נאָך אין די אָנהייב נייַנ-
ציקער יאָרן. ער האָט מאַמעש אָנגעטון דער רעגירונג „געבראָטענע צאָרעס".

פעוראַל כוידעש 1891 יאָר, ד. ה. קאַרגע דריטהאַלבן יאָר נאָך דער
פריער דערמאָנטער ווענדונג צום אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק, האָט די הויפּט-
פאַרוואַלטונג פאַר דרוק-איניאָנים צעשיקט א קאָנפידענציעלן צירקולאַר צו
אַלע גובערנאַטאָרן. מיר געפינען אין דעם דאָקומענט א באַזונדערן אינטערעס
און ברייננען אים אינגאַנצן.

צירקולאר

קאָנפינדענציעל

צו די הערן גובערנאַטאָרן.

„דער קאָנפידענציעלער צירקולאַר פונם פאַרטרעטער פון מיניסטער
פאַר אינערלעכע איניאָנים דעם פאַרוואַלטער פון דער פּאָליציי פונם
17 אווגוסט, נומ. 1746 האָט פאַרבאָטן אופצופירן פּיעסן אַף אידישן
זשאַרגאָן. פונדעסטוועגן, איז לויט די יעדיעס, וואָס עס האָבן זיך באַ-

[1]) ארכיוו פון אדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק, פּאַראָרדענונגס-טיש, איניען נומ. 1680 פאַרן 1888 י.
„Циркуляры Главного Управления по делам печати, переписка по делам печати и театров"
(נומערן ניט אָנגעוויזן).

[2]) דאָרטן.

[3]) „Библиотека театра, А. Фишзон: „Записки еврейского антрепренера"
נומערן VII—XII פאַרן 1913 יאָר.

קומען אין הויפּטפּאַרוואַלטונג פאַר דרוק-איניאַנים, ווייזט זיך אַרויס, אַז: 1) א טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון כ. בראַטשינסקע (בראַגינסקע—י. ר.) פאָרט אום פון שטאָט צו שטאָט און זעצט פאָר אָן שטערונגען דאָס שפּילן פּיעסן אַף אידיש זשאַרגאָן מיט די דערלויבענישן פון די פּאָליצ-מייסטערס און איספּראַווניקעס. אַזוי איז דעם 2-טן דעקאַבר 1890 יאָר געגעבן געוואָרן מיטן דערלויבעניש פון אָרטיקן פּאָליצמייסטער אין קאַטערינאָסלאַוו אין קליסאָווס קאָנצערט-זאַל די קאָמישע מוזיקאַלישע אָפּערעטע אין 5 אקטן „דער אידישער פּאָרעץ", דעם 22 דעקאַבר 1890 יאָר און דעם 9 יאַנוואַר 1891 יאָר איז געגעבן געוואָרן אין פּאַוולאָגראַד אין פּוקאַלאַוועס זאַל „פּאַנאַטיק" — א קאָמישע אָפּערעטע אין פיר אָפּטיילונגען, „ד"ר אַלמאַסאַדאָ" — אן אָפּערעטקע אין דריי אָפּטיילונגען און „שמענדריק" — א קאָמישע אָפּערעטקע אין 3 אָפּטיילונגען; אין דער שטאָט אַלעקסאַנדראָווסק איז מיטן דערלויבעניש פונם איספּראַווניק געגעבן געוואָרן אין זאַכאַרינס הויז דעם 12, 22 און 28 יאַנוואַר: „די קאַפּריזנע טאָכטער" — א קאָמישע אָפּערעטקע אין 4 אָפּטיילונגען, שולאַמיס"—א קאָמישע אָפּערעטע אין 4 אָפּטיילונגען און „קאָלדון" אין 5 אקטן; 2) אין ראָוונע האָט די געזעלשאַפט פון אָפּערעטע-אַקטיאָרן אונטערן אָנפירונג פון א. פישזאָן געשטעלט דעם 2 יולי 1890 יאָר אין געביידע פון האַנדלבערגס צירק מיטן דערלויבעניש פונם איספּראַווניק די פּיעסע אַף אידישן זשאַרגאָן „פּאַנאַטיק" און 3) א געזעלשאַפט פון רוסיש-דייטשישע אָפּערעטע-אַקטיאָרן אונטערן אָנפירונג פון אנציפּאָוויטש האָט געגעבן אין דער שטאָט בעלץ מיטן דערלויבעניש פונם אויעזדנעם איספּראַווניק פאָלגנדיקע פּיעסן: „באַלטשאַווע" אין 5 אַקטן, „פּאַנאַטיק" אין 4 אַקטן, „דער אידישער פּאָרעץ" אין 5 אַקטן און „אינקוויזיציע" — אן אָפּערעטקע אין דריי אַקטן.

דעריבער האָט די הויפּטפּאַרוואַלטונג פאַר דרוק-איניאַנים די ערע ווידער אמאָל געהאָרכזאַם צו בעטן אייך, געערטער הער, צו מאַכן די שטרייגנסטע פאַראָרדענונג די אָרטיקע פּאָליציי-אַנשטאַלטן ווען פּינקטלעכן אויספירן אף ווייטער דעם אויבנדערמאָנטן צירקולאַר[1].

געכאַסמעט: נאַטשאַלניק פון הויפּטפּאַרוואַלטונג פאַר
דרוק-איניאַנים יע. פעאָקטיסטאָוו.
באַשטעטיקט: פאַרוואַלטער פון געשעפטפירונג
מיטגליד פון ראַט אדיקאיעווסקי.

אָט דער דאָקומענט נייטיקט זיך ניט אין קיין באַזונדערע פּיירושים. פאר אונז ווערט קלאָר, אַז קעגן אידישן טעאַטער איז געפירט געוואָרן א גאַנץ סיסטעמאַטישער קאַמף. ס'איז געטון געוואָרן, פאַרשטייט זיך, גאַנץ טאַקטיש,

1) אַרכיוו פון אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק, פאַראָרדענונגס-טיש, איניען נומ. 1830 פאַרן 1891 י. „Циркуляры Гл. Управл. по делам печати, общая переписка по делам печати и театров".

אונטער דער פֿאָרם פֿון קאָנפֿידענציעלע צירקולאַרן, ס'איז אָבער פֿאַרזאָגט געוואָרן צו מאַכן „די שטרייגנסטע פֿאַראָרדענונג" וועגן דעם. דעם גרעסטן ניסאָען אין דעם הינזיכט איז אויסגעשטאַנען פּישזאָן. אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט, אַז די אַלע דריי טרופּעס זיינען מער ניט ווי פּישזאָנס טרופּע[1], וועט פֿאַר אונז באַזונדערס קלאָר ווערן אָט די קאָלאָסאַלע ענערגיע און געשיקטקייט פֿון דעם אָן סאָפֿעק גרויסן אָרגאַניזאַטאָר, וועמען דער אידישער טעאַטער האָט צו פֿאַרדאַנקען פֿאַר זיין עקזיסטענץ אין די יאָרן פֿון שרעקלעכע פֿאַרפֿאָלגונגען.

צי האָבן די אָרטיקע פּאָליצײ-אַנשטאַלטן ווירקלעך טאַקע אָפּגעהיט די פּינקטלעכע אויספֿירונג פֿון דער פֿאַראָרדענונג? ניקר—ניט. דער צירקולאר איז אָבער געווען א זיכערער „פּאַטענט", וואָס אין זיין נאָמען האָט מען געקענט רוידעפֿן און מעלקן דעם אידישן טעאַטער. באַזונדערס האָט דאָס געקענט האָבן אן אָרט אין די קלענערע שטעט און שטעטלעך, וואו די אָרטיקע אדמיניסטראַציע האָט זיך געפֿילט אלס דער איינציקער באַלעבאָס. ניט אומעטום אָבער און ניט טאָמיד האָט זיך איינגעגעבן, באַזונדערס אין די גרויסע שטעט, דערשלאָגן זיך צו א דערלויבעניש. אָן סאָפֿעק, אַז אין פֿאַרשיידענע ארכיוון וואָלט מען געקענט צונויפֿקלייבן אין די הונדערטער באקאָשעס-קסאַוון פֿון אידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן צו קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן ניט געבראַכט.

איך וויל ברענגען א פּאָר דאָקומענטן, וואָס געפֿינען זיך אין אַרכיוו פֿון אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק. אגעוו, אָדעס—דאָס געוועזענע וויגעלע פֿון איד שן טעאַטער אין רוסלאַנד דאַרף פֿאַר אונז האָבן א באַזונדערן אינטערעס. קענטיק, אַז דאָ האָט דער גרויסער דערפֿאָלג פֿון אידישן טעאַטער געשאַפֿן א באַזונדערע אופֿרעגונג און פֿאַרדראָס אין אייניקע שיכטן פֿון דער ניט-אידישער בורזשואַזיע — האָט דעריבער דער קאַמף קעגן אים געדאַרפֿט דאָ זיין שטרייגנער און אנטשלאָסענער.

דעם 23 אָקטיאבר 1896 יאָר האָט ספּיוואקאָווסקי נאָך א גאַנצער ריי גאַסטראָלן אין ראָסטאָוו, כאַרקאָוו און קיעוו געבעריעט זיך צו באַקומען א דערלויבעניש אויך אף אָדעס. זיין באַפֿולמעכטיקטער לעאָנטי טרעצעק האָט דערלאנגט דעם אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק א באַזונדערן באַקאָשע-קסאַוו, אין וועלכן ער האָט געבעטן צו דערלויבן אים אין אָדעס פֿאָרשטעלונגען פֿון דער דייטשישער טרופּע. קעדיי צו איבערצייגן דעם גראַדאָנאַטשאַלניק, אַז די טרופּע שפּילט לויטער „דייטש", האָט ער געפֿונען פֿאַר נייטיק צו פֿאַרלויפֿן אפּצופֿריער און אים דערמאַנען, אַז אין פֿאַריקן יאָר איז א קאָרעספּאָנדענט פֿון „נאוו. טעל." פֿאַר א בילבל, וואָס ער האָט אויסגעטראכט אף דער טרופּע, אַז זי שפּילט ניט אף דייטש, פֿאַרמישפּעט געוואָרן צו טורמע. דעם גראדאָ-

[1]) בראַטשינסקע איז געווים ברזיגינסקע — פּישזאָנס פֿרוי; אַנציפּאָוויטש איז געווען אין פּישזאָנס טרופּע. זייענדיק אַפֿן אַקטיאָרישן לאָשן אַ „שמאָלע" אַקטריסע, פֿלעג אַנציפּאָוויטש, לויט דער גוויעס-איידעס פֿון עלטערע אַקטיאָרן, באַקומען דערלויבענישן פֿאַר פּישזאָנען.

נאטשאַלניק האָט, אַפּאָנים, אָט די מיטיילונג וויניק וואָס געריכט, איז דער ענטפער געווען אין זיין געוויינטלעכן נוסח: признано не подлежащим удовлетворению[1])

אין ענלעכער, אָבער נאָך מער אינטערעסאַנטער בריוו-אויסטויש האָט זיך פאַרהיט אין דעם אַרכיוו פון אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק וועגן איינעם א טערקישן אונטערטאַן עדוואַרד מאַרגאָליס. דאָס איז פאָרגעקומען מיט א יאָר שפּעטער. דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, וועלכער האָט שוין צו יענער צייט, קענטיק, אָנגעהויבן פאַרקוקן צוביסלעך אף דער „פאַרברעכערישער" טעטיקייט פון די אידישע טרופּעס, האָט זיך געווענדעט צום אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק מיט א פּאַפּיר וועגן דעם, אז דער איד עדוואַרד מאַרגאָליס בעט א דערלוי-בעניש אף קומען קיין רוסלאַנד, ווי אויך קיין אָדעס, מיט א אידישער טרופּע, וועלכע וויל געבן ספּעקטאַקלען אף דייטש פונם אידישן לעבן. דערביי האָט דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט צוגעלייגט דעם צעטל פּערזאָנען פון דער טרופּע און געבעטן באַם אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק זיין מיינונג וועגן אָט דער באַקאָשע[2]).

דער אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק האָט געגעבן א גאַנץ „באַגרינדעטן" און אויספירלעכן ענטפער. מיר געפינען פאַר נייטיק צו ברענגען אים אָן פאַר-קירצונגען:

„אין צוזאַמענהאַנג מיט אייער בריוו פון 12 אווגוסט נום. 3892 וועגן דעם באַקאָשע-קסאַוו פון דעם טערקישן אונטערטאַן — דעם אידן עדוואַרד מאַרגאָליס מיקויעך א דערלויבעניש פאַר אים אף צו קומען און איינאָרדנען אין פאַרשיידענע שטעט, ווי אויך אין אדעס, א ריי פאָרשטעלונגען אף דייטש פונם אידישן לעבן, — האָב איך די ערע אַרויסצוזאָגן אייך מיין מיינונג וועגן דעם, לויט וועלכער איך וואָלט פון מיין זייט גערעכנט פאַר אויסערסט אומגעוואונשן צו באַפרידיקן דעם דערמאָנטן באַקאָשע-קסאַוו.

דער צירקולאַר פונם מיניסטעריום פאַר אינערלעכע איניאָנים לויטן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט פונם 17 אווגוסט 1883 יאָר און דער צירקולאַר פון דער הויפּטפאַרוואַלטונג פאַר דרוק-איניאָנים פונם 19 פעווראַל 1891 יאָר, נום. 927 האָבן לאַכלוטן פאַרבאָטן צו געבן אין די טעאַטרען פאָרשטעלונגען אף דער אידישער רייד-שפּראַך, דערביי דאַרף געזאָגט ווערן, אַז באַם געבן פאָרשטעלונגען פונם אידישן לעבן אף דייטש גייען די אַקטיאָרן גרינג אריבער בעשאַס דער שפּיל פון דייטש אף אידיש, גאַנץ אָפט מיט א קיוון און אמאָל אויך אומבאַוואוסט-

[1]) אַרכיוו פון אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק, פאַראָרדענונגס-טיש איניען נום. 2220 „О спек-таклях и концертах".

[2]) אַרכיוו פון אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק, פאַראָרדענונגס-טיש, איניען נום. 2285 פאַרן 1897 יאָר „О спектаклях"

זיניק שוין צוליבן כאראקטער פון די פּיעסן גופא, צוליב דער גע-
וואוינהייט און דער קרויוועשאפּט צווישן דער דייטשישער שפּראך און
דער אידישער — א זאך, וואָס די אָרטיקע אדמיניסטראציע קאָן בעשום-
אויפן ניט באשטיין. דעריבער האָב איך צוליב דער פּארווירקלעכונג
פון די אויבנדערמאָנטע צירקולארן קיינמאָל ניט דערלויבט אין אָדעס
קיין פאָרשטעלונגען אף דייטש פונם אידישן לעבן. ווער שמועסט נאָך
בא דער עקזיסטירנדיקער צו איצטיקער צייט אָפּגעזונדערטקייט און
פארבאָרגענער סינע צווישן אייניקע שיכטן פון דער קריסטלעכער און
אידישער באפעלקערונג אין שטאָט וואָלט דאָס געבן פאָרשטעלונגען
פונם אידישן לעבן געקענט גאָר לייכט ברייגנען צו ניט געוואונשענע
מיספארשטייעניש און אמפּערייען צווישן די איינוואוינער. יעדע
מיספארשטייעניש, וואָס אנשטייט אפן באָדן פון רעליגיעזער אָדער
נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט און ניט פארליידן איינער דעם צווייטן,
דראָט דאָ אין אָדעס גלייך איבערצוגיין אין טאט, אין אן אָפּענער
געפאר דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם, געמענדיק נאָך אין אכט דערצו, אז
סיי דער אָנפירער, סיי די אקטיאָרן זיינען אויסלענדישע אונטערטא-
נען און האָבן ניט דאָס רעכט צו וואוינען אין דער רוסישער אימ-
פעריע, ווי אזעלכע, וואָס גייען ניט אונטער צו די קאטעגאָריעס, וואָס
זיינען אויסגערעכנט אין די ארטיקלען 289 און 290 פונם אוסטאוו
וועגן די איינוואנדערער (XIV, Св. Зак. изд. 1890 г.), דיינק איך, אז
די באקאשע פונם טערקישן אונטערטאן — דעם אידן מארגאָליס דארף,
יעדנפאלס, בעגויגייע אדעס, ניט באפרידיקט ווערן[1].

ווי אזוי דער פּאָליציי-דעפּארטאמענט האָט רעאַגירט אף דעם באַקאָשע-קסאוו
נאָך אַזאַ ענטפער איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. די זאָרג פונם אָדעסער גראדאָ-
נאַטשאַלניק פאר דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג און דאָס ארומריידן דעם
איניען מיט אַלע פּינטעלעך איז, אפּאָנים, גלייך באַוויליקט געוואָרן פונם
מיניסטעריום. און אָדעס האָט דאָס יאָר צו קיין אידישן טעאַטער ניט זויכע
געוועזן.

ס'איז שוין, אַפּאָנים, אַזוי אָנגעצייכנט געווען פון דער געשיכטע, אז די
שטאָט, וואָס האָט אין 1879 יאָר געגעבן אין רוסלאַנד דעם ערשטן קאַבאָ-
לעס פּאָנים דעם אידישן טעאַטער, זאָל איצט זיין פון די לעצטע בא זיין צווייטן
צוריקער.

דאָס איז שוין אָבער געווען א זאַך פון נאָענטער צוקונפט.

אָבער הינטער די פּלייצעס פון די הארטנעקיקע צאַרישע טשינאָווניקעס
האָט איינגיכן אַף צעפּיקעניש די פּילצאָליקע פארביסענע סאָנים פונם אידישן

[1]) דאָרטן.

טעאַטר אומעטום, אין שטעט און שטעטלעך אָנגעהויבן ארײַנצודרינגען דאָס פֿאַרשטויסענע סצעניש אידישע וואָרט.

אסאך גילגולים האָט דער אידישער טעאטער באַדארפֿט נאָך אויסשטיין ביז זײַן ענדגילטיקער באפרייאונג. ס'איז נאָך פֿאָרגעשטאַנען די עפּאָכע פֿון האלב־לעגאַלן אומגעלומפּערטן „דייטשישן" טעאַטר.

אָדעס, יוני, 1927 י.

י. לובאָמירסקי

דער אידישער טעאטר אין צאַרישן רוסלאַנד.

אין זיינע זיכרוינעס וועגן אידישן טעאַטר דערציילט אונז י. דינעזאָן פאָלגנדעס:

„איר זעט, וואָס פון מיין האַרציק קינד איז געוואָרן?—האָט זיך אַמאָל פאַר מיר באַקלאָגט אווראָם גאָלדפאדען, דער טאטע פונם אידישן טעאַטר, מיר אָנווייזנדיק אף א באנדע יונגעלייט ליידיקגייער, וואָס האָבן זיינע טעאטר-לידלעך אף א אידישער כאסענע געזונגען,—אַ קלייקוידעש האָבן זיי פון אים געמאַכט; א בעטלער, וואָס גייט איבער די הייזער א גראָשן אויסצובעטלען, איז מיין קינד געוואָרן, און איך דאַרף עס צוזעען, און דאָס האַרץ זאָל אין מיר ניט פּלאַצן?".

מיר קאָנען איצט זאָגן, אז דאָס, וואָס מע האָט די לידלעך פון גאָלד-פאדנס רעפּערטואר געזונגען אַף אלע כאסענעס און בריסן, איז געווען נאָך פון די קליינע צאָרעס. אַסאַך א גרעסערע צאָרע איז געווען דאָס, וואָס „דאָס קינד" גאָלדפאדנס איז א בעטלער געוואָרן. ווייל אויב מיר ווען זיך טיפער איינקוקן אין די סיבעס, וואָס האָבן גורים געווען צום נעבעכדיקן און גע-מיינעם צושטאנד פון אידישן טעאַטר פאַר דעם פּעריאָד, וועלכן מיר בא-טראכטן, וועלן מיר זען, אַז די וויכטיקסטע פון זיי איז —

די רעכטלאָזיקייט פון אידישן טעאטר.

דער דונערשלאַק, וואָס האָט געטראָפן דעם אידישן טעאַטר אין 1883 י.— דער צארישער פאַרבאָט צו שפּילן אין אידיש—האָט דאָך אויסראָטן מיטן וואָרצל דעם אידישן טעאַטר ניט באוויזן: דער וויכטיקסטער סוביעקט פון טעאטער—די אַקטיאָרן און די אַנטרעפּרענערן—זיינען פאַרבליבן. עמעס, אַ טייל פון זיי און עפּשער טאקע דער בעסערער האָט עמיגרירט קיין איינגלאנד (לאָנדאָן), קיין אַמעריקע, אָבער א היפּש ביסל פון זיי איז אין רוסלאנד פאַר-בליבן.

די עמיגראציע פון די בעסערע אַקטיאָרן איז אַליין פאר זיך שוין געווען א שטארקער קלאפּ פארן טעאַטער. אָבער נאָך מער האָט דער אידישער טעאטער געליטן דערפון, וואָס ער האָט קיין געזעלשאפטלעכע באזע ניט געהאַט. עס האָבן אים געהאַסט סיי די פרומאַקעס — די אידישע קלייקוידעש, סיי די בור-זשואַזע אינטעליגענץ—אלציינס צי מאסקילים, צי אסימילאַטאָרן. סיי די, סיי יענע האָבן געהאַט ניט קיין קליינעם כיילעק אין דער גזיירע פון 1883 יאָר. דער אידישער „האמוין”, די האָרעפּאַשניקעס, די אָרעמקייט און דעקלאסירטע עלעמענטן, פונוואנען דער טעאטער האָט באקומען ניט נאָר זיינע צושויער, נאָר אויך די אומיטלבארע אנטיילנעמער (ווי באוואוסט, האָט דער אידישער טעאַטער די ערשטע צייט צומיינסטן פון די אידישע באַלמעלאָכעס זיך קאָמ-פּלעקטירט), האָבן דענסמאָל פאַרנומען דעם נידעריקסטן שטאַפּל אַפן קאָהאָלשן לייטער און האָבן ניט געהאַט ניט קיין דייע, ניט קיין ווירקונג. די אַרבעטער-באַוועגונג איז געווען אין די וויקעלעך, און די אידעאָלאָגן און פירער פון דערדאָזיקער באוועגונג האָבן געהאט פאר זיך א היפש ביסל ערשטקלאַסיקע געזעלשאַפטלעכע אופגאַבן, לעגאבע וועלכע קונסט ביכלאל און טעאַטער-קונסט ביפראט איז געווען גאָרניט קיין אקטועלער איניען. אָט בא וואָס פאר אן אומ-שטענדן דאָס רעשטל פון אידישן טעאַטער האָט געדארפט זיך נעמען נאָך דעם 1883-טן יאָר אופשטעלן דעם צעוואַלגערטן ביניען.

צווישן די אידישע אַקטיאָרן, וואָס זיינען פארבליבן אין רוסלאַנד, זיינען דאָסראָוו געווען מענטשן, וואָס דער הינטערקוליסן-שטויב האָט זיי שוין אַף אייביק פארסאמט. פאַר זיי זיינען אַלע אַנדערע וועגן אין לעבן, כוץ טעאַטער, געווען שוין פאַרשטעלט. האָט מען געמוזט מיט דעם שטערן דורכברעכן ווענט, אַבי „שפּילן טעאַטער”, אַבי דעם הונגער שטילן. האָט מען געמוזט זיך ברעכן דעם מויעך טאָג ווי נאַכט, — „וואו איז דאָ עפּעס אַן „אָדן”, וועלכער טוט אמאָל, נאָך דער שווערער דינסט פארן פאָטערלאנד, אַ טראכט, אז א איד האָט עפשער אַ מאָגן, וואָס מאָנט עסן”...*).

קאָן מען נאָך נידעריקער פאַלן, ווי עס פלעגט פאלן דער אידישער אַנ-טרעפּרענער אין יענער פינצטערער צייט בעשאסן אויסשטאדלענען א דער-לויבעניש אַף א פאָרשטעלונג! איידער ער פלעגט נאָך אַריינגיין צום פּאָליצ-מייסטער אָדער צום איספּראווניק, פלעגט ער פריער אַריינקוקן דורכן שליסל-לאָך, צי דער „אָדן” איז לייטזעליק צי ניין **). נאָר „אָט איז געקומען זיין ריי אַריינצוגיין צום איספּראווניק, גייט ער אריין, שטייט און רעדט גאָרניט, נאָר האַלט זיין „ביטע” אין האַנט. פרעגט אים דער איספּראוו-ניק: „וואָם שטאָ נוזשנאָ?” (וואָס דאַרפט איר?) — זאָגט ער „כליעב!” (ברויט). זאָגט דער איספּראווניק: „אידיטע נא קוכניו”, וואָם דאדוט כליעבאַ!”

---

*) „גוט מאָרגן”, יאָר 1910, א. פישזאָן—טעאטער-זיכרוינעס. № 231.

**) „ „ „ „ „ „ „ № 240 און „שטערן” № 4, ז. 35.

(גייט אין קיך — ווערט מען אייך געבן ברויט)—זאָגט ער: „מניע נוושנא נאַ 30 טשעלאָוועק כליעבא!" (איך דאַרף באַזאָרגן ברויט פאַר 30 פאַר-שוין) — און שטופּט זיין ביטע דעם איספּראווניק אין דער האַנט אריין. יענער לייענט עס איבער און זעט, מיט וועמען ער האָט צו טון, און פאַר ראכמאָנעס האָט ער געזאָגט: „דאַיטע. וואַשו אַפּישו" (ווייזט אַהער אייער אַפּישע); און האָט אים אונטערגעשריבן" *). אַזוי דערציילט מען וועגן אנטרע-פּרענער שעראוונער. ווער שמועסט, אויב דער גובערנאטאָר ציִ דער פּאָליצ-מייסטער האָט אויסגערעדט מיטן אנטרעפּרענער א פּאָר גוטע ווערטער—ווער איז צו אים געווען גלייך?!

„יעדעס וואָרט פון דעם גובערנאטאָר פאָן-וואַאַל (הירש לעקערטס היינ-קער!) ווירקט אַף מיין צעווייטיקט הארץ עפּעס, ווי א גוטער באַלזאַם, ווער שמועסט, ווען ער האָט מיר ארויסגעשטרעקט זיין האַנט — אָט דאָ לאָזן זיך מיר אויס ווערטער פאַר אייך"...**)

דאָס איז שוין געווען אין בעסטן פאַל. מערסטנטיילס פלעגט אויסקומען די, משטיינס-געזאָגט, טרופּעס ארומלויפן בעטן זיך באַ די אָרטיקע גווירים און פאַרשיידענע פּניי, אז די לעצטע זאָלן זיך מישטאדל זיין באַ דער אָרטי-קער פּאָליציי-אַדמיניסטראַציע וועגן א דערלויבעניש אַף שפּילן,—פאַרשטייט זיך, ניט אין אידיש, נאָר אין א מין מעשונעדיקן „דייטשמעריש".

אָפט פלעגט מען אין אזעלכע פאַלן דערגרייכן דעם ציל ניט אַנדערש ווי דורך... א היפּשן מאַטנעס-יאַד (כאבאר).

„אוואדע האָב איך אַרויסגענומען א גאנצן פינפהונדערטער" — דערציילט אַזא דורכגעטריבענער נאטשאלסטווע-אונטערלעקער, ווי א. פישזאָן — „און אוועקגעגעבן מיין שוטעף ספּיוואקאָווסקי, און ער מיט דעם הער איגדאל זיינען געגאַנגען בעטן טאכנונים, אז טשעבאנאָוו (דער געהילף-פּאָליצמייסטער) זאָל צונעמען, און דער אָדן האַגאָדל האָט צוגענומען דאָס געלט... און אף מאָרגן איז דער אייסעק געוואָרן קאָשער וועיאָשער..."***).

נאָר דאָס איז נאָך געווען פאַר דעם אנטרעפּרענער אסאך מער אָנגעלייגט, ווי, צום ביישפּיל, אַזא באָרוכאבע, וואָס אן אַנטרעפּרענער פלעגט כאפּן אין א ריי אַנדערע שטעט.

„ווי נאָר דער פּאָליצמייסטער האָט אף דער אפישע אַ וואָרף געטון א בליק מיט זיינע ווילדע אויגן, האָט ער זיך אף מיר א וואָרף געטון מיט ביידע קולאקעס: וואָן! וואָן!!"

עס פלעגן זיך מאַכן צופאַלן נאָך פיל ערגערע.

עסטער-ראָכל קאמינסקע דערציילט אין אירע ערינערונגען, אז אין איינער פון די שטעט, וואו זי האָט גאַסטראָלירט מיט איר טרופּע, האָט זיך דער אָרטי-

---

*) שטערן", № 4, זייט 35 מיאָדאָווניק. טעאטער-זיכרוינעס, 1926.

**) גוט מאָרגן", א. פיזשזאָן, טעאַטער-זיכרוינעס, № 220, יאָר 1910.

***) דאָרט, № 246.

קער פּאָליצמייסטער דאַפּקע זייער גוט באַצויגן צו דער טרופּע, נאָר ער האָט זיך געגומען שטארק שאַדכענען צום פּרויען-פּערסאָנאַל פון דער טרופּע... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז איינמאָל באַנאַכט, נאָך דער פּאָרשטעלונג, האָט זיין אופירונג בעגויגייע די ארטיסטנס פון דער טרופּע אָנגענומען זייער אַ מיעסן כאַראַקטער, און נאָר אַ פּאַטש פון עסטער-ראָכל קאַמינסקע האָט אים אָפּגעקילט*).

אַזוי דערציילט אויך א. פישזאָן אין זיינע זיכרוינעס, אז אין ראָמען (פּאָלטאַווער גובערניע) האָט דער איספּראַווניק פּאַרלאַנגט אביסל צו פאַר-ברייגגען מיט דער אנטרעפּרענערן, פישזאָנס ווייב, און דעם מאַן, פישזאָ-נען, האָט ער געבעטן מוחל זיין אין דער היים זיצן... און אַז מע האָט זיך, נאַטירלעך, גענומען אַרויסדרייען פון אזא אָנשיקעניש, האָט ער, דער איס-פּראַווניק, אָפּגעשטעלט דאָס שפּילן און עס איז באַשאַפן געוואָרן א פּראָטאָקאָל, אז דער אנטרעפּרענער איז אן אפּעריסט (שפּילט אידיש און ניט דייטש, ווי ער האָט מאָטיווירט געוועזן אף דער אפישע), און דער איספּראַווניק האָט גע-פּאָדערט זעקס כאַדאָשים טורמע פאַרן אנטרעפּרענער**).

עס פלעגן זיין אַזעלכע טראַגיקאָמישע צופאַלן, ווען די פּאָליציי פלעגט אַרויסגעבן דערלויבעניש אף שפּילן, און נאָכדעם, ווען די בילעטן זיינען שוין געוועזן אף א גאַנצער רייע פּאָרשטעלונגען אויספּאַרקויפט, פלעגט זיך אַרויסווייזן, אַז די טרופּע טאָר קיין איין טאָג אין שטאָט ניט וואוינען, ווייל עס איז אוי-סער דעם אידישן טכום.

אַכוץ די צאָרעס, וואָס די אידישע טרופּעס פלעגן אויסשטיין פון דער צאַרישער העכערער און נידעריקער מאַכט, פלעגן זיי האָבן קאָלט און וואָרעם פון די אידישע קלייקוידעש. קאַמינסקיס טרופּע, וואָס האָט געשפּילט אַ שטיקל צייט אין לאָדז, פלעגט שפּילן אייך פרייטיק. דער ראָוו האָט צוגעשיקט זאָגן, אַז מע זאָל פרייטיק ניט שפּילן, און האָט געהייסן עס זאָל קומען צו אים קאַמינסקי, באַ וועמען ער האָט גענומען אַ טקיעסקאַף, אַז מע וועט ניט שפּילן. פרייטיק איז דאָך אָבער געוועזן דער העסטער טאָג, האָט מען ווייטער גע-שפּילט. האָט דער ראָוו ווידער געשיקט נאָך קאַמינסקין, און אַזוי ווי ער איז אַריין, האָט אים דער ראָוו דערלאַנגט 2 פּעטש, און האָט געזאָגט: פּאָשע איסראָעל, נאָכאַמאָל אז דו וועסט שפּילן פרייטיק, וועל איך די גאַנצע טרופּע אַרויסשיקן פון לאָדז!" און ער האָט געהאַט אַ קויעך דאָס צו טון. ער האָט געהאַט אַ טשין „סטאַטסקי סאָוועטניק", האָט געהאַט אַ גאָלדענעם שווערד, און האָט געדינט אין דער „אָכראַנקע" ***).

*) „טעאַטער", יאָר 1926, № 5, וואַרשע.

**) „גוט מאָרגן", יאָר 1910, א. פישזאָן—טעאַטער-זיכרוינעס.

***) „שטערן", יאָר 1926, נומ. 2. מיאַדאַווניק, — טעאַטער-זיכרוינעס.

די רעכטלעכע און מאַטעריעלע לאַגע פון אידישן טעאַטער.

נאָר ווי שווער עס איז ניט געווען די לאַגע פונם אידישן טעאַטער אין יענער צייט בּיכלאַל און ווי גרויזאַם עס זיינען ניט געווען די נסיונעס פון די „קנאַקערס" — די דירעקטאָרן — בּיפראַט, איז ניט אַן ערגער געווען די לאַגע פון דורכשניטלעכן אַקטיאָר. די רעכטלאָזיקייט זיינע איז געווען אַ טאָפּלטע — הען בּענויגייע צו דער צארישער רעגירונג, הען בּענויגייע צו זיינע „ד רעקטאָרן". די לעצטע פלעגן זיך צו זייערע אַקטיאָרן באַציען, ווי צו שקלאַפן. באַזונדערס האָט זיך אין דער הינזיכט אויסגעצייכנט א. פישזאָן, אויך שעראַוונער. אין די רייזעס פון איין שטאָט אין דער אַנדערער האָבּן די קלענערע אַרטיסטן געמוזט זיין אַ.ע: די פּאַקנטרעגערס, אַכטונג געבּן אף יעדן פּעקל, עס זאָל ניט פאַרפאַלן ווערן. עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט די זאַכן פון דער גאַנצער טרופּע, נאָר די זאַכן פון דער דירעקציע. אַז מע פלעגט קומען אין אַ שטאָט פלעגט מען פאַרזאָרגן מיט דירעס נאָר די דירעקציע, די איבּעריקע פלעגן זיך וואַלגערן אַפן וואָקזאַל, בּיז וואַנען מע פלעגט ניט אָפּזוכן דעם אַנטרעפּרענער אין שטאָט אין געוואוירע ווערן, אַז מע האָט די אַקטיאָרן צעסאַדערט אף קוואַרטירעס — ווען בּא א קאַצעוו, ווען בּא א באָנדער, מאַיסע טעג-עסער.

פישזאָן, צום בּיישפּיל, האָט אַנ.גרש קיין אַקטיאָרן ניט גענומען, בּיז ער האָט ניט געמאַכט מיט זיי אַ קאָנטראַקט, אז דער אַקטיאָר האָט קלוימערשט באַקומען בּאַ אים 50 אָדער 100 רובּל „נאַ כראַנעניע". פון איין אַסיגנאַציע פלעגט פישזאָן אַראָפּנעמען אַ נומער. ווען דער אַקטיאָר פלעגט ווען פון אים אַוועקגיין, פלעגט ער מוזן אים אומקערן די 50 רובּל (וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט באַקומען) לויטן נומער פון דער אַסיגנאַציע, וואָס איז געשטאַנען אין קאָנטראַקט. נאָך אַזוי ווי אַן אַקטיאָר האָט געדינט אָפּדינען בּא פישזאָנען 100 יאָר און ניט האָבּן קיין 50 רובּל, איז ער געווען בּאַ אים אַן אייבּיקער קנעכט. און טאָמער איז דער אַקטיאָר אַנטלאָפן פון אים, פלעגט ער אים בּריינגען צוריק מיטן עטאַפּ *). די קלענערע אַקטיאָרן פלעגן גיין באָרוועס און אָפּגעריסן, ווייל דער געהאַלט איז געווען אַ נישטיקער: זעקס רובּל מיט פופציק קאָפּיקעס אַ כוידעש! און אויב אַפילע צען אָדער צוועלף, — האָט עס דען געקאָנט קלעקן בּאַ שטענדיקן אַרומפאָרן? די עקספּלואַטאציע פלעגט דערגיין אַזוי ווייט, אַז עס איז געווען כאַריסטקעס, וואָס האָבּן געהאַנדלט מיט זייער קערפּער, און דאָס איז געגאַנגען דורך דעם אַנטרעפּרענערס הענט (אַ. פישזאָן איז באַוואוסט מיט אַזעלכע מאַיסים). די דירעקטאָרן פלעגן באַשווינדלען דעם אַקטיאָר אף קאָלעריי אויפאַנים, דערהאַינע: מאכן בּעסאָד יאַדאַכאַס מיט די בּילעטיאָרן, ארויסגעבּן זיי א בּאַדייטנדיקע צאָל קאָנטראָמאַרקעס, יענע האָבּן די קאָנטראָמאַרקעס פאַרקויפט, דאָס געלט צעטיילט צווישן זיך און דעם טרו-

*) „שטערן", יאָר 1926, נומ. 4.

פע-דירעקטאָר, און אין קאסע האָט ער ווינט געפייפט. נאָר דאָס איז נאָך ניט געווען דאָס ערגסטע. ערגער איז געווען, ווען אין אַ צאָרע — די דערלוי-בעניש אָפּגענומען צוריק, אָדער אַ שלעכטע איינאַמע — פלעגן די דירעקטאָרן מאכן פּלייטע, און די טרופּע איבערלאָזן ווי אַפן וואַסער, און גוטע לייט האָבן געדאַרפט אוועק איבערן שטאָט מאכן געלט, אַז די „קאָמעדיאַנטשיקעס" זאָל מען קאָנען פון שטאָט אַרויספעקלען. ניט איינמאָל פלעגן די אומגליקלעכע „גאָלדשפּינערס" הונגער און קעלט ליידן — שוין ניט רעדנדיק פון ביזיונעס און קלעפּ. עס פלעגט אַמאָל, אין זעלטענע פאַלן, פּאַסעט דערגיין דערצו, אַז זיי האָבן געמוזט גאַנווענען*), אָדער באַשווינדלען דאָס פּובליקום דורך פאַרשיידענע קונצן, דעהאַינו: בעשאַס דער סאמע פאָרשטעלונג ארויס דורך אַ פענצטער פון בינע, קלומערשט די שפּיל פאַדערט עס, און מאכן אַ וואַ-איוואַך, ניט האָבנדיק אָפּגעצאָלט פאַר די דירעס, פאַר קעסט, די כויועס, דעם שאַמעס פאַר ביינק און לאָמפּן פון שול. דערום איז ניט קיין וואונדער, וואָס דער געוועזענער אַקטיאָר מיאַדאָוניק באַקלאָגט זיך אין זיינע זיכרוינעס, אַז אין דער באַציאונג פון שטעטלשן באַלעבעסל צום אקטיאָר איז צוגלייך מיט מיטליי-ד — און אויב ניט מער — געווען אויך פאַראַכטונג.

„אַז מיר פלעגן גיין אין טעאַטער, פלעגט מען אונז נאָכשרייען — „קאָמע-דיאַנטשיקעס", „פּורים-שפּילערס", און מע פלעגט אונז נאָכוואַרפן שטיינער**).

פאַרשטייט זיך, אַז וואָס ווייטער, האָט אַלץ מער אָנגעהויבן בעסער ווערן די לאַגע פונם אַקטיאָר. אין דער שפּעטערדיקער צייט, דעהאַינו — אין די יאָרן 1914—1905 באַגעגענען מיר אַף דער אידישער בינע אַסאַך אקטיאָרן, וואָס באַקומען אַ געהאלט קאָרעוו צו צוויי—דריי הונדערט אַ מאָנאט און פאַר-נעמען שוין אין דער געזעלשאַפט אַן אָנשטענדיק אָרט. אָבער אין דער מער-הייט איז דער אידישער אַקטיאָר אין דעם פּעריאָד, וואָס מיר באַטראַכטן, גע-ווען אין די אויגן פון באַלעבאַטישן גראַד אַן אויסוואָרף, אַ קאָלבוינִיק, וואָס מע האָט מוירע געהאַט אין אַ „באַלעבאַטישער" שטוב אריינלאָזן.

די שפּיל פונם אַקטיאָר.

און אויב דאָס פּובליקום — די צושויער, באַזונדערס דאָס באַלעבעסל — האָט פאַראַכטעט דעם אַקטיאָר און האָט אים געגעבן דאָס אָנצוהערן, האָט עפּשער צען מאָל מער דער אַקטיאָר פאַראַכטעט „מוישען" (אַזוי האָבן גערופן די אקטיאָרן ביז דער לעצטער צייט דעם אוילעם-צושויער). דאָס איז לייכטער פון אַלץ צו באַמערקן געווען אין דעם אַרט שפּילן פונם אַקטיאָר, אין זיין האַלטונג אַף דער בינע. אויב דער אַקטיאָר האָט קיין אַנונג ניט וועגן געווי-סע געזעצן פון קונסט אָדער עסטעטיק, דאַרף ער לעכאַלאַפּאָכעס האָבן אָפּשיי

*) „שטערן", יאָר 1926, נומ. 1, זייט 61.

**) „שטערן", יאָר 1926, נומ. 1, זייט 63.

פאַר דעם צושויער. נאָר אויב עס פעלט אי דאָס, אי יענץ, דאַן בלייבט העפ-קיירעס און אומפאַרשעמטע אויסגעלאַסנקייט.

דאָס האָט זיך אויך געלאָזט וויסן אין דער שפּראַך, אַף וועלכער די אידישע אַקטיאָרן האָבן בא זיך געפּויעלט שפּילן.

„אַ דאיגע זיי, די אקטיאָרן — זאָגט א. פישזאָן — דער שפּילט אַף „שטראָדל-דייטש", דער שפּילט אַף „קוגל-דייטש"!

זיי פּויעלן בא זיך נאָך ערגערס: ווען מע האָט זיי פאַרבאָטן אפילע אין דייטשמעריש שפּילן, איז בא זיי רעכט געווען שפּילן אַף א געהאַרגעטען צע-קאַליעטשעטן רוסיש. אַזוי האָט עסטער-ראָכל קאַמינסקע פינף מאָנאַטן גע-שפּילט אין רוסיש „מירעלע עפראָס", „כאַשע די יעסוימע", „דעם אומבאַ-קאנטן", ווען עס איז בעשאַס דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע ווידער אַרויס אַ פאַרבאָט צו שפּילן אין אידיש *). איר שפּילן אין רוסיש איז נאָך געווען עפּשער צו דערליידן. עקעלהאַפט איז אָבער געווען צו זען גרויקס טרופּע אין קיעוו מיט זיין „טאַטשקאַ יעוורעיאַ" („דאָס פינטעלע איד").

וואָס האָט באמיים בא די אידישע אקטיאָרן טאַנאַציע?

„אַ סקאַרבאָוועך ניגן, וואָס יעדער זינגט אים, ווי ער פאַרשטייט" **).

ווער עס האָט געקענט מער שרייען, דער איז געווען א בעסערער דראַ-מאַטישער אקטיאָר, און ווער עס האָט געקענט מער פּאַיאַצעווען — איז געווען אַ גוטער קאָמיקער. אנשטאָט אַ קאָמישן שטריך — אַן אומגעלומפּערטע שאַר-זירונג, איבערטרייבונג. קיין שום געשמאַק, קיין שום געפיל פון ליניע, פון גרע-נעץ, פון מאָס. איין כאָכמע ווערט איבערגעכאַזערט פופצן מאָל, ביז עס הייבט אָן שלאָגן צום האַרצן.

פון אויסנאַמען — טאַלענטפולע קאָמיקער — רעד איך ניט.

באשרייבנדיק די אופירונג פון א פּיעסע שוין אין יאָר 1908, ווען דער אידישער טעאַטער האָט זיך אופגעהויבן מיט אַ שטאַפּל העכער, דערציילט אונז דער רעצענזענט, אז „ה. קליין (יאַנקל) און פרוי שלאָסבערג (ריווקעלע) האָבן אנשטאָט א אידישע ראָמעאָ און יוליאַ אונז געגעבן אַ דועט פון גרויזאַמען זשאַנר און פאַטאָס — פון... אָפּעליע, גיי אין מיקווע!" ***).

שוין אָפּגערעדט פון באַציען זיך מיט אופמערקזאמקייט צום טעקסט. יעדער האָט אריינגעמעלאָכעט אין דיאַלאָג, וואָס אים איז אפן געדאנק ארוף, ניט קוקנדיק דערוף, וואָס ער האָט דערמיט געקאָנט דעם פּאַרטנער פארפּלאָנטערן און פון וועג אַראָפּפירן.

איבעריידן זיך מיטן סופליאָר איז געווען אַ וואָכעדיקער גאַנג. אויב ניט ריידן מיט אים, איז טופען מיט די פיס, ער זאָל גיכער אָנהייבן געבן רעפּלי-קעס. די דיסציפּלין איז געווען אַזוי גרויס, אַז אָפט פלעגט זיך דער פאָרהאַנג

*) „טעאַטר", יאָר 1926, נומ. 2, א. ר. קאַמינסקע—אַווטאָביאָגראַפיע.

**) „טעאַטר-וועלט", יאָר 1908, נומ. 11.

***) „טעאַטר-וועלט", יאָר 1908.

אופהייבן, און דער סופליאַר איז נאָך אַף זיין פּלאַץ ניט געווען. דער קוואַל פון אימפּראָוויזאַציע פּלעגט אָנהייבן שלאָגן באַזונדערס שטאַרק דעמאָלט, ווען עס פלעגט האַלטן בא ניבלפּע.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש תּאר דעם צושטאַנד פון טעאַטער ביז די יאָרן 1905—1904. נאָכדעם האָט מען דעם אידישן טעאַטער שוין אָנגעהייבן אונטערשטופּן. די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ האָט זיך גענומען באַשעפטיקן מיטן טעאַטער, אים צופּוצן און אים „פאַרליטעראַטורעווען". נאָר אפילע ווען דער טעאַטער איז שוין געווען קאָפּלשמוינעדיק „ליטעראַריש", האָבן מיר אויך דאַן גאָרניט זעלטן געהאַט צופאַלן, ווען דער אַקטיאָר פאַרלירט לאַכלוטן דעם געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זייענדיק אַף דער בינע. אָט, צום ביישפּיל, שוין אין יאָר 1909 באַקלאָגט זיך אַ רעצענזענט אַף קאַמינסקיס טרופּע: „איבערהויפּט האָבן די אַרטיסטן ווייניק אַכטונג פאַר דער בינע און פאַרן פּובליקום און לאַכן אין אַן ערנסטער סצענע מער, ווי זיי ריידן און שפּילן. עמעט, דער אָנפירער פון דער טרופּע — א. קאַמינסקי — רופט זיך אַ קינסטלער—ליטעראַט, אָבער ליידער מוזן מיר זאָגן, אַז עס איז אַ שאַנדע צו איבערכאַזערן — אַ מענטש מיט אַזוי ווייניק טאַלאַנט רופט זיך קינסטלער און מיט אַזוי ווייניק קולטור רופט זיך ליטעראַט און איז אַ פירער פון אַ ליטעראַרישער טרופּע"... *).

און אויב אַזאַ אָפּשאַצונג ווערט געגעבן דער קאַמינסקי-טרופּע, וואָס האָט זיך אָנגערופן „ליטעראַרישע" און האָט זיך דאַן גערעכנט פאַר אַ מוסטער-האַפטע און גאַנץ ערנסטע, וואו די בורזשואַזע אינטעליגענץ פלעגט אויך זיין אַן אָפטער גאַסט,— הייסט ווי האָט עס געהאַלטן מיט די טרופּעס, וואָס זיינען אַף עטלעכע שטאַפּל נידעריקער געשטאַנען!

און דאָך קאָן מען ניט לייקענען, אַז דער אידישער טעאַטער האָט פאַרמאָגט טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן, מיט וועלכע עס האָט בא אַנדערע אומשטאַנדן פיליכט געקענט שטאָלצירן אַן אייראָפּייאישע בינע. אַזעלכע אַקטיאָרן, ווי יאַקאָוו אַדלער, יאַקאָוו ליבערט, ראָכל קאַמינסקע, דראַנאָוו, ווייסמאַן, סעם שילינג, זאַסלאַווסקי, ווינער, זשעליאַזאָוו א. א. האָבן פאַרמאָגט און פאַרמאָגן אַ גרויסע מייסטערשאַפט און האָבן באַשיינט, לויט די באַגרענעצטע פאָדערונגען פון יענער צייט, די אידישע בינע. אָבער זייערע באַגריפן וועגן טעאַטער-קונסט זיינען געווען גאַנץ נאַאיווע. בא זיי איז העכער פון אַלעס געשטאַנען דער אייגענער אַרטיסטישער „איך".—„יט איך בין צוליב דער פּיעסע, נאָר די פּיעסע איז צוליב מיר — זאָגט זיך אַזאַ איינער פון די אידישע אַקטיאָרן.

דער נאַטירלעכער פּועליוציע דערפון איז, אַז בעאַייס ער איז אַף דער בינע, איז ניט זיין אייסעק, וואָס טוען דאָרט די אַלע גימפּלס און יאַכנע-סאָסיעס, וואָס באַמבלען זיך דאָרט אַרום אים, אַבי זיי זאָלן אים ניט שטערן שפּילן זיין ראָלע און אַרויסקריגן די געוואונשענע אַפּלאָדיסמענטן.

*) „טעאַטער-וועלט", יאָר 1909, נומ. 7.

די דערציאונג פונם אידישן אַקטיאָר.

די מערהייט אידישע אַקטיאָרן פון צאַרישן פעריאָד זיינען געווען „באַ-העלפערס" (אַ נאָמען, מיט וועלכן דער פריערדיקער אַקטיאָר האָט געקרוינט דעם שלימאַזלדיקן קלענערן אַקטיאָר). דאָס באַטייט — לאַכלוטן אומקולטורעלע טויגעניכטסן, וואָס האָבן צו גאָרניט מער געטויגט, לאַכלוטן דעקלאַסירטע העפקער-יונגען, וואָס די באַלעבאַטישע סוויווע האָט זיי פון זיך אָפּגעוואָרפן און מאַפקער געווען. אָט אזא איינער פלעגט זיך פריער וואַלגערן באַ אזא געמיינעם נעפּעש, ווי אַ פּישאָן, א שעראוונער, א מישעראַט, אָדער א קאָמ-פּאַניעץ, ביז ער פלעגט זיך ארופאַרבעטן אף א שטיקל גאנג. דאָס איז גע-ווען זיין שול, צומיינסטנס. עמעס, עס זיינען פאראן א געוויסע צאָל אַק-טיאָרן, וואָס האָבן זיך געלערנט די טעכניק פון אקטיאָרישער שפּיל באַ קוואַ-ליפיצירטע אַקטיאָרן. אַזוי, לעמאָשל, האָבן י. ליבערט, שידלאָווער און יאַב-לאָנסקי זיך געלערנט באַ אָסקאַרן, קאַלמאַנאָוויטש און לעבעדעוו — באַ מע-יערסאָנען. אָבער די מערהייט האָט זיך בלויז דורך יאָרנלאַנגן אַרומקריכן ארום דער בינע דערוואָרבן א געוויסן אמפּלואַ.

שווער און ביטער איז געווען ארויסקריכן פון דעם „באהעלפער"-צושטאנד, ווייל אף דער אידישער בינע האָט דעספּאָטיש געהערשט דער פּרינציפּ פון דירעקטאָרישער כאַזאָקע.

„אַלע רעכטע, אַלע פעטסטע און בעסטע ראָלן האָבן געהערט אים, דעם „פּירער", דעם דירעקטאָר; היינט זיין ווייב, דער דירעקטאָרן, קומט דאָך גע-וויס צו געבן די הויפּט-ראָלע פון פּרויען-פּערסאָנאַל; און פּאַרוואָס זאָל ער ניט איינטיילן די בעסערע ראָלן זיינע קרויווים" *).

אָט-אָ די כאַזאָקע פון די דירעקטאָרן און זייערע קרויווים איז געווען איינער פון די גרעסטע אומגליקן פאַר דער אידישער בינע.

ערשטנס, האָט עס געשטערט דעם וואוקס פון א פייאיקן אַקטיאָר, אַזוי אַז אויב ער וואָלט זיך ארופדראַפּן אַף א נישקאָשעדיקן פּלאַץ, האָט ער גע-מוזט אַרויס פון דער טרופּע און שאַפן אליין א טרופּע. דערמיט דערקלערט זיך די דערשיינונג, וואָס אין צאַרישן פעריאָד האָבן מיר ניט געהאט קיין שטאַנדהאַפטיקע טעאַטראַלע קאָלעקטיוון, די טרופּעס זיי-נען שטענדיק געווען אין פליסיקן צושטאנד. עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין זיכערקייט אין פּלאַץ: היינט בין איך דאָ, און מאָרגן קאָן איך אָנשפּאַרן אין אויסרייסעניש! דערפון נעמט זיך די צווייטע קרייגק: קיין אַנסאַמבל אַלס א קלאַל איז ניט געווען בעניִמצע אף דער אידישער בינע, שוין אָפּגערעדט פון א כאַוועריש צוזאַמענלעבן, אכוץ א געוויסער צאָל אויסנאַמען.

איינע פון די גרעסטע קלאָלעס פונם אלטן אידישן טעאטר איז געווען פּילייכט דאָס, וואָס עס האָט געפעלט רעזשי. באַ דער סיסטעם פון

---

* טעאַטער-וועלט", יאר 1908, נומ. 11 — עפּעלבערג.

די רעקטאָרן-און פאַמיליע-כאַזאָקע איז עס געווען גאַנץ נאַטירלעך. און ווירק-לעך, וואָס פאַר א דאיגע איז געווען דעם דירעקטאָר, ווי אזוי דער אַקטיאָר צי די אַקטריסע וועט שפּילן, אָדער וואו און ווי אַזוי דארפן זיי זיך אָריענ-טירן אף דער בינע, אויב ער האָט זיך באַוואָרנט? נאָך מער, אַ מין פּישוֹאָן, אז ער פלעגט שפּילן אין די „צווי קוני-לעמלס" איינעם פון די קוני-לעמלס, פלעגט ער ארויסשניידן ווי ווייט מעגלעך פונם פּאַרטנערס, פונם צווייטן קו-ני-לעמלס ראָלע — וויפל עס האָט זיך געלאָזט, אבי יענער זאָל אים ניט ארי-בערשטייגן. און צומיינסטנס פלעגט זיין דער מינעג, אז דער אַקטיאָר-פּרעמ-יער פלעגט אויך זיין דער „רעזשיסער" (אויב מע קאָן זיך אזוי אויסדריקן) פון דער פּיעסע. דאָס הייסט, ער פלעגט געבן אָנווייזונגען — דורך וועלכער טיר גייט אַרויס צי ארײַן די אָדער יענע פּערזאָן פון דער פּיעסע, פאַרשיי-דענע מיזאנסצענעס, די סאַמע עלעמענטאַרע, פאַרשטייט זיך, און — אַ סאָף. קיינע אָנווייזונגען אין זין פון אינטאָנאַציע, פון באַוועגונג, פון מימיק צי פון גרים.

מע דערציילט וועגן רוסישן קאָמיקער ק. וואַרלאַמאָוו, אז ער פלעגט אַראָפּפאָרן אין דער פּראָווינץ גאַסטראָלירן און פלעגט נעמען דורכרעפּעטירן די פּיעסע מיט די אָרטיקע באַהעלפערס, פלעגט ער א ווייז טון אַ געוויסן פּונקט פון בינע-פּלאַץ און אַ זאָג טון:

„Я вот здесь буду, а вы—как вам угодно!".

(„איך וועל זיין אָט דאָ, און איר — ווי איר ווילט זיך"). אף דעמזעלבן פּרינציפּ פלעגט זיך צומיינסטן באַזירן די רעזשי אויך אף דער אידישער בינע.

ניט אומזיסט שרייבט איינער, ד״ר וואָרטסמאַן, אין 1908 יאָר:

„שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר הערט מען זיך באַקלאָגן אף דער אומוויסנ-הייט, אף דער אומגעבילדעטקייט פונם אידישן שוישפּילער, און דאָסדאָזיקע גערעכטע באַקלאָגן זיך האָט צו גאָרניט געפירט. אַזא ניט באַגרייפן, אזא ניט פאַרשטיין דעם היסטאָרישן פּעריאָד וועון דאָס שפּילט, קאָן מען דערוואַרטן בלויז בא פינף — זעקסיעריקע קינדער. און דיזעלבע מענטשן וואַגן אופצופירן שעקספּירס זאַכן, און זיי שרעקן זיך ניט אָפּ פאַר א הויפּטמאַן א. ד. ג. וואָס בעסער, וואָס פיינער דאָס שטיק איז, אַלץ טיפער באַגראָבן זיי עס" *).

איז דען א וואונדער, אויב עס פלעגן דערשיינען אין אידישן טעאַטער אַזעלכע סאָרטן אַפישן, צום ביישפּיל: בא א טרויער-שפּיל — „מע האָט גע-לאָזט בעטן דאָס פּובליקום, אז עס זאל היינט, כאַס וועכאַלילע, ניט לאַכן, דען מע שפּילט היינט א טרויער-שפּיל", און בא א לוסט-שפּיל — „דאָס גע-ערטע פּובליקום וועט אַזוי גוט זיין און היינט ניט וויינען..." **).

ווי האָט עס געקענט אַנדערש זיין, אויב די רעזשי-קונסט האָט ניט גע-נעכטיקט אין ס׳ראָוו אידישע טעאַטערס, און עס האָט דאָרט געהערשט דער ווילדער כאַאָס סיי אין זין פון רעזשי, סיי אין זין פון דעקאָראַציעס.

---

*) „טעאַטער-וועלט", יאָר 1909, נומ. 11—10.

**) דאָוויד פרישמאַן, דריטער באַנד, טעאַטער:

„געוויינטלעך, זיינען קיין דעקאָראַציעס ניט געווען, האָט מען פון קאָלירטע טישטעכער געמאַכט צוויי ווענטלעך, און די דריטע וואַנט איז געבליבן די וואַנט פון זאַל"*). ווי האָט געקאָנט זיין א רעדע פון דעקאָראַציעס, אז אַפּילע עסטער-ראָכל קאַמינסקע האָט א צייט געשפּילט אין שטאַלן, וואו מע פלעג, געוויינטלעך, אַליין בויען די בינע, דאָס הייסט אויסשטעלן קלעצער, אָדער פעסער, אָדער קאָזלעס און פונויבן אויסשפּרייטן ברעטער און אַ בינע מאַכן?

אַנשטאָט דעקאָראַציעס, לעמאָשל, צו שולאַמיס, האָט מען אַוועקגעשטעלט לעבעדיקעביימער פון א וואַלד.

אפילע אין קאַמינסקיס טעאַטער, ווען ער האָט שוין געטראָגן דעם נאָמען „ליטעראַרישער טעאַטר" און איז געוואָרן א שטיקל מאָקעם קאָדעש פאַר אונזער אידישיסטישער אינטעליגענץ, האָט מען זיך אויך פון אַזא נישטיקער קלייניקייט, ווי דעקאָראַציעס, קאַרג-וואָס גענומען צום האַרצן. אַזוי דערציילט דער רעצענזענט אין „טעאַטער-וועלט", יאָר 1909, נומער 7: „עס פעלט רעזשי אַף דער בינע, דעקאָראַציע; פון אן אלטער זאַל שטעלט מען אוף א קוזניע, און דער שמיד גליט דאָס אייזן אף א שיין איינגליש קיכל..."

זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט אומעטום האָט מען זיך אזוי נאכלעסיק באַצויגן צו דער דעקאָראַציע און ביכלאַל צו דער אויסשטאַטונג. מיר געפינען רעצענזיעס, וואו מע לויבט די אויסשטאַטונג.

„ראַפעלס אָפּערעטע פירט אוף די פאָרשטעלונגען עסטעטיש און געשמאַק, גיט פּאַסנדע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען (ניט אַזוי ווי בא אסאך פון די אידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס באמערקט מען אָפּט צעריסענע זאָקן, אָפּגערייסענע קנעפּ, ניט קיין פרישע אייבערשטע וועש, ביכלאל אָנגעטון מאַיסעפליאַסקעדריגע" **).

דער רעפּערטואר פון אידישן טעאַטר.

נאר דער עמעסער שפּיגל פון סטיללאָזיקייט, פון ווילדקייט און אומגעלומפּערטקייט, פון שרעקלעכער אַמאָראַצעס איז געווען דער רעפּערטואַר פון אידישן טעאַטר אין די פינצטערע טעג פון דער צאַרישער מעמשאָלע. דער רעפּערטואר — דאָס איז דער פּראַוושטיין פון אידישן טעאַטר.

דער רעפּערטואַר — אָט וואָס ס'האָט אינטערעסירט, אָט אין וואָס ס'איז געווען פאַרקאָכט די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט, אויב זי האט שוין יאָ מעזאַקע געווען מיט איר אופמערקזאמקייט דעם אידישן טעאַטר. ווייל אויב די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט האט זיך שוין יאָ ארומגעקוקט אַף דעם אידישן

*) „שטערן",—יאָר 1926, נום. 1. מיאַדאַוואָגיק, זיכרוינעס.

**) „טעאַטר-וועלט", יאָר 1909, נום. 7.

טעאַטער, איז פאַר איר אין דער לעצטער שורע געווען וויכטיק ניט ווי מע שפּילט, נאָר וואָס מע שפּילט.

און וואָס האָט מען ניט געשפּילט אין אידישן טעאַטער!

די נאַאיווע, פּרימיטיווע גאָלדפאַדענישע „היסטאָרישע" אָפּערעטן און פּאַרסן, מיט וועלכע ס'האָט זיך קימאַט אויסשליסלעך געשפּייזט אַ שטיק צייט דער אידישער טעאַטער אין רוסלאַנד, זיינען געווען עכטע דראַמאַטישע מאַיסטער-ווערק לעגאַבע דער דראַמאַטישער מאַקולאַטור, וואָס האָט זיך, ווי אַ שלאַקס-רעגן אַ גאָס געטון פונם אמעריקאַניש-אידישן טעאַטער אין דעם רוסיש-אי-דישן, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אין דעם אידיש-דייטשישן טעאַטער. מ'רעדט שוין ניט וועגן דעם, וואָס די לאַטיינער'ס און די הורוויטשעס האָבן געלאַכקנט, פונוואַנען זיי האָבן נאָר געקאָנט, פּרעמדע סוזשעטן, געשלעפּט פון דער איי-ראָפּייאישער ליטעראַטור און פאַבריצירט פּיעסן. גאָלדפאַדען האָט אויך גענו-מען פיל מאָל פּאַרטיקע שטיקער און זיי איבערגעמאַכט פאַרן אידישן פּוב-ליקום.

נאָר גאָלדפאַדען איז געווען געבענטשט מיט טאַלאַנט, און דער שטעמפּל פון זיין טאַלאַנט איז אַרופגעלייגט געוואָרן אויף אַסאַך שטיקער, וואָס זיינען דורך זיינע הענט דורכגעגאַנגען.

„און ווי גרויס דער אונטערשייד צווישן אַ לאַטיינער, צי אַ הורוויטש און גאָלדפאַדען קאָן מען זען דערפון, וואָס לאַטיינער האָט אָנגעשריבן „שמועל שמעלקעס", און גאָלדפאַדען האָט אָנגעשריבן „ביידע קוני-לעמלס", לאַטיינער האָט אָנגעשריבן די „ליבע פון ירושאַלאַים", און גאָלדפאַדען האָט אָנגעשריבן „שולאַמיס", — און האַגאַם לאַטיינער האָט ביידע שטיקער אָנגעשריבן פאַר גאָלדפאַדען און האָט אַ צייט, אַ צייט לאַנג אין אַמעריקע געהאַלטן דעם טע-אַטער אין זיינע הענט, און גאָלדפאַדען האָט דאַרט קיין „דריסאס האַרעגל" ניט געהאַט, שפּילט מען נאָך אַדאַיעם גאָלדפאַדנס „קוני-לעמל" און „שולאַ-מיס", און לאַטיינערס „שמועל שמעלקעס" און „ליבע פון ירושאַלאַים" זיינען געווען טויט, באַלד ווי מ'האָט זיי די ערשטע צייט אָפּגעשפּילט*).

אויב אַפילע דער סוזשעט באַ גאָלדפאַדען איז געווען געבויט אויף אַן אומגעלומפּערט-פאַנטאַסטי'שן אונטערשלאַק, איז ער געווען איינפאַך, ווי ס'ניט איז לאָגיש און ס'האָט זיך מער געלייגט אויפן „סייכל" פון דעם מאַסן-צושויער. באַ אַ לאַטיינער צי באַ אַ הורוויטשן, צי באַ אַ טאָמאַשעווסקי זיי-נען אין פּיעסע צונויפגעפלאָנטערט אַ גאַנצער קנויל סוזשעטן, וואָס קאָנען קלעקן אויף 5 אָדער 6 דראַמעס און זיינען פאַרדרייט, אַז מ'קאָן ניט געפינען קיין אָנהייב און קיין סאָף.

אויב אין זיינע פּיעסן האָט גאָלדפאַדען אינזינען געהאַט געבן אַ זיטלעכע קאָמעדיע, ווי „שמענדריק", „באָבע-יאַכנע" אָדער האַסקאָלע-אָנצוהערענישן אין די פילצאָליקע לידלעך-קופּלעטן, וואָס זיינען צעזייט אין זיינע שטיקער, האָבן

*) ב. גאָרין, געשיכטע פון אידישן טעאַטער, באַנד II, זייט 75.

די אַמעריקאַנישע פּיעסן-פאַבריקאַנטן, די רעפּערטואַר-טאַנדעטניקעס זיך אָרי-
ענטירט אָף דער שרייענדיקער געלער שונד-סענסאַציע, ספּעקולירנדיק אַף
די נידעריקסטע אינסטינקטן פון די מאַסן, אַף דעם גראָבן גאַסן-רעפּערטואַר,
וואָס קאָן אָנפילן די „קאַסע". די אַלע פּיעסן האָט מען פאַבריצירט לויט אַ
געוויסן שאַבלאָן, אַזוי אַז לייענדיק, צי זעענדיק אָף דער בינע הורוויטשעס
אַ פּיעסע, איז באַ אייך געווען רעכט, אז דאָס איז לאַטיינערס אָדער פיינ-
מאַנס אָדער טאָמאַשעווסקיס אַ שטיקל אַרבעט.

„די מענטשן אָף דער בינע זיינען קיין מענטשן ניט, די ווערטער קלעפּן זיך ניט איינס מיטן צווייטן. די האַנדלונגען שלאָגן איינע די אַנדערע, אָדער האָבן קיין שום שאַיכעס ניט איינע מיט די אַנדערע"*).

אויב גאָלדפאַדן האָט געלאָזן אין זיינע פּיעסן די הויפּט-פיגור פון אַלטן אידישן פאָלקס-טעאַטער—דעם קלאָון (שפּאַסטרייבער), האָט ער אָבער געלאָזן פאַר דעם שפּאַסטרייבער נאָר אַן אומבאַדייטנדיקע ראָלע, און אין די אַמערי-
קאַנישע פּיעסן האָט מען דעם קלאָון אָפּגעגעבן דעם אויבנאָן, ער פלעגט פאַר-
ווייסן די גאַנצע פאָמעניצע, „די גאַנצע פּיעסע פלעגט זיך האַלטן אָפן זכוס
פונם קאָמיקער**).

אַ גאַנץ דייטלעכע און בוילעטע פאָרשטעל...ג וועגן טיפּן אין אַן אַמערי-
קאַנישער פּיעסע גיט אונז אין זיינע ערינערונגען י. דינעזאָן.

געשפּילט האָט מען די פּיעסע „אשה רעה" (אַ ווייב אַ שלאַק) באַ קאַ-
מינסקין אין טעאַטער.

„דער ערשטער, וואָס האָט זיך באַוויזן אָף דער סצענע, הייסט פּערעץ. מיטן נאָמען, דאַכט זיך, אַ איד; טוט איר אָבער אַ קוק אַף זיינע בגאָדים, מיינט איר — ער איז אַ טערקי, אַ טאָטער, אָדער וואָס נאָר איר ווילט, אַבי ניט קיין איד; טראָגן טראָגט ער אַ פּויק, קאָנט איר דאָך עפּשער מיינען, אַז ער איז איינער פון אַן אָרקעסטער-מוזיקאַנטן, — האָט איר אַ טאָעס, וואָרום טייקעף קומט אָן די מעכטיקע אַרמיי, וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון זעקסטהאַלבן זעל-
נער, און ער, פּערעץ מיטן פּויק, קאָמאַנדעוועט מיט זיי, ווי אַן עמעסער פעלד-
מאַרשאַל; מיין איך שוין, ער איז טאַקע אַ פעלדמאַרשאַל — קומט אָבער באַלד אַרויס עפּעס אַ פאַרדריפּעט מיידל, זייט מיר מויכל, און עס דערקלערט זיך באַלד, אַז אָט דער פּערעץ איז אַ „ראַק" — אַף אידיש גערעדט — אַ מעשאָרעס באַ אַ צווייטן טיפּ פון פּיעסע — באַ אוונערן...***)

מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָבן געמאַכט אַזעלכע פּיעסן אָף אַ מענטשן מיט אַ שטיקעלע געשמאַק. איז דען אַ וואונדער, אַז גאָלדפאַדן, ווי נאָר ער האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין דעם פאַרצעף פון דעם יוירעש זיינעם, האָט זיך ביטער געקלאָגט: „איך האָב קיין טאַינעס ניט, וואָס

*) גאָרין, געשיכטע פון איד. טעאַטער, באַנד I.

**) דאָרט (גאָרין).

***) „דער פריינד", יאָר 1905, נומ. 211, י. דינעזאָן — זיכרוינעס וועגן איד. טעאַטער.

דער אמעריקאַנישער אידישער טעאַטר האָט זיין טאַטן ניט דערקענט און וויל פון מיר ניט וויסן... טאַינעס אָבער האָב איך, כאָטש איך ווייס ניט צו וועמען, וואָס דאָס ליב קינד מיינס וואקסט אויס א גרויסער שייגעץ און אזעס-מעכוצעף-פּאָנים, און איך מעג זיך ריכטן, אַז מע וועט מיך אמאָל שעלטן אין טאַטן אַריין פאַר דעם טייערן טאכשיט, וואָס איך האָב אף דער וועלט געבראַכט...*).

אויב איר וועט נאָך צו דעם בילד, וואָס איז נאַר-וואָס אָנגעמאָלט, צוגעבן די „הויכע" מאָראַלישע אטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין אידישן טעאַטר, ווען יעדער דירעקטאָר פון טעאַטר האָט זיך געפלייסט אריבעריאָגן דעם צווייטן אין פיעסעס פאבריצירן, ד. ה. ניט פאַרפאסן, נאָר נעמען א „גויאישע" פיעסע און זי „מעגאַיער" זיין, אָדער נעמען אפילע א אידישע פיעסע, ענדערן די נעמען און אונטערשרייבן אף דער אפישע זיך פאַר דעם אווטאָר פון דער פיעסע, — וועט איר זיך לייכט פאָרשטעלן דעם רעפּערטואַר-מישמאַש.

עס פאַרשטייט זיך, אַז באַ אַזאַ צושטאנד איז פאַר דער אידיש-דעמאָקרא-טישער אינטעליגענץ שוין יאקאָוו גאָרדין, וועמעס פיעסן האָבן אין אָנהייב איצטיקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן שפּיזן די אידישע בינע, געווען אן עמעסער סורפּריז און א געוואונשענער סורפּריז.

עמעס, די ספּעציאַליטעט פון יאקאָוו גאָרדין איז געווען—איבערניצעווען און וואולגאריזירן אייראָפּייאישע קלאַסישע דראַמעס. באַזונדערס, האָט פון אים געהאַט צאָרעס אויסצושטיין וו. שעקספּיר („מירעלע עפראָס" און „דער אידי-שער קעניג ליר" זיינען א פאראידישטער „קעניג ליר"; „געברידער לוריע"— פאראידישטע „ראָמעא און יוליא" א. א. וו.).

עמעס, קיין סאך אָריגינעלע טיפּן און כאראקטערן איז אין גאָרדינס דרא-מעס ניטאָ (דאָס זיינען, צומיינסטנס, סכעמעס אָן אַ פּארטיפּטן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז); עמעס, אַ באַשטימטן סטיל אפילע איז דאָרטן אויך שווער צו כאַפּן... דאָך זיינען זיי פיל נאַטירלעכער און לאָגישער פון דער לאַטיינער-הורוויטש-מאקולאטור. זייער סצענישע ארכיטעקטאָניק איז אָפּט אַ גאַנץ געלונגענע; זיי פאַרמאָגן פיל סצענישע עפעקטן שוין ניט אַזעלכע האמעטנע, ווי אין דער פרי-עריקער דראַמאטורגיע. דאָס זיינען צומיינסטן פאמיליען-מעלאָדראַמעס מיט קליינטשינקע באַלעבאַטיש-שטייגערישע סוזשעטן, אָנגעמאָסטן פאַר דעם באַלע-בעסל-צושויער, באַ וועמען גאָרדין איז ביז היינטיקן טאָג פאַרבליבן דער באַ-ליבטער דראַמאטורג. גאָרדין האָט באַשאַפן אַ גאַנצע שול דראַמאטורגן: לעאָן קאָברין, ז. ליבין, מוישע ריכטער, י. זלאָטאַרעווסקי, נ. ראַקאָוו און א. שאָמער — דאָס זיינען אלץ נאָכפאָלגער פון יאַקאָוו גאָרדין.

אין די יאָרן 1909—1905, ווען אדאנק דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער-באַוועגונג האָט זיך געמערקט אַ שטאַרקער אופשטייג סיי אין דער אידישער ליטעראַטור, אַזוי אויך אין דער אידישער דראַמאטורגיע; ווען עס האָט גע-נומען וואקסן דער אינטערעס אויך צו טעאַטר מיצאַד דעם אנטוויקלטן ארבע-

*) „דער פריינד" יאָר 1905, נומ. 211. י. דינעזאָן — טעאַטער-זיכרוינעס.

טער און דעמאָקראַטישן אינטעליגענט, האָבן זיך אָנגעהויבן העכערן די פאָדערונגען אויך צום רעפערטואַר. דער „שטורעמווינט אין א גלאָז וואסער", וואָס איז, אייגנטלעך, געווען דער טאמציס פון ס'ראָוו דראמען פון גאָרדינס כיידער, האָט דעם דיינקענדיקן און דורך דער רעוואָלוציע אופגעטרייסלטן אַנטוויקלטן האָרעפּאַשניק און אינטעליגענט שוין ניט געקאָנט באַפרידיקן. ער האָט שוין געלעכצט נאָך אַ רעפערטואַר מיט פארטיפטע פראָבלעמען, מיט טראגישע סאָציאלע צוזאַמענשטויסן, מיט בילדער פון קאַמף פאַר רעכט און פרייהייט. און אָט דער נייער צושויער האָט געטריבן דעם טעאַטר ווערן עכט-ליטעראריש. און דער אידישער טעאַטר האָט געמוזט קריכן פון דער הויט, אָבער צופאסן זיך צו די נייע פאָדערונגען.

יאָ, עס האָט גאָרניט געקענט העלפן! די אידישע געזעלשאפטלעכקייט (די פרעסע, די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס) האָבן גאנץ געשמאַק אונטערגעשמיסן. האָבן אלע טרופעס אייגע נאָך דער אנדערער אָנגעהויבן ווערן „ליטעראַרישע": פריער — קאַמינסקיס, דערנאָך—ליבערטס (געוועזענער ראַפעלס), נאָכדעם — זאנדבערגס (אין לאָדז), נאָכדעם — קאָמפּאַניעצעס, אַפילע פישזאָנס טעאַטר איז אויך געוואָרן אַ „ליטעראַרישער". אלע יעוואָנים האָבן פלוצלונג באקומען איין פאָנים. היינט געשפילט „סאָרע-שיינדל פון יעהופּעץ", מאָרגן — „צעזייט און צעשפּרייט" (פון שאָלעם-אַלייכעם), איבערמאָרגן — „די שכיטע". צו יענער צייט (יאָרן 1905—1912) האָט שוין די אידישע ליטעראַטור אַ היפש ביסל דראַמאַטורגן פארמאָגט: שאָלעם-אלייכעם, אַש, פינסקי, אַרנשטיין (פעריצעס דראַמען האָט מען ניט געקענט איינבייסן), פ. הירשביין, וויטער האָבן אַ גאנצע ריי קינסטלערישע ווערק שוין געהאַט אָנגעשריבן*). און עס איז אויסגעקומען דעם נייעם וויין אריינצוגיסן אין די אלטע, צעפוילטע פעסער, וואָס האָבן געלאָזט אַ שטאַרקן נאָכרייעך הערן. האָט זיך באַקומען אַ גאַנץ נאַטירלעכע סטירע — אַ גוואַלדיקער ווידערשפרוך, אין וועלכן מיר וועלן זיך פרואוון טייקעף פאנאנדערקלייבן.

*) איך גיב דא אַ רעשימע פון די סאַמע פאפולערע דראַמאַטישע ווערק זייערע:

ש. אַ ש — „גאט פון נעקאמע", דער זינדיקער", „מיטן שטראָם", „אַמנון און טאָמאָר", „דער איכעס".

ש אָ ל ע ם-א ל יי כ ע ם — „צעזייט און צעשפרייט", „אַ דאָקטער", „מאַזלטאָוו", „געט", „מענטשן", „אן אייצע".

ד. פ י נ ס ק י — „יאַנקל דער שמיד", „פאַמיליע צווי", די מוטער".

פ. ה י ר ש ב יי ן — „די פוסטע קרעטשמע", פון יענער זייט טייך", „אַ פארוואָרפן ווינקל", „טקיעס-קאַף".

פ ע ר ע ץ י. ל. — „שוועסטער", „ס'ברענט", „די גאָלדענע קייט", אין „פאָליש אף דער קייט", „וואָס אין פידעלע שטעקט".

אַ ר נ ש ט יי ן מ אַ ר ק — „דאָס אייביקע ליד", „דער ווילנער באַלעבעסל".

א. ווי ט ע ר — „דער שטומער", „פאַרטאָג".

ה. ד. נ אָ מ ב ע ר ג — „די מישפאָכע".

אַזוי ווי דער פּראָוושטיין, אַדאַנק וועלכן אָט דער ווידערשפּרוך איז אַמ־בּוילעטסטן אַנטפּלעקט געוואָרן, איז געווען דער צושויער, וועלן מיר דאָ געבּן אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פון צושויער און זיין באַציאונג צום אידישן טעאַטר.

דער צושויער פונם אידישן טעאַטר.

בּיז דעם 1905 יאָר האָט דער צושויער פונם אידישן טעאַטר מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ניט־דיפערענצירטע מאַסע. די אינטעליגענץ, העון די אַסימי־לירטע, העון די נאַציאָנאַל־געשטימטע, האָט געוויכט דעם טעאַטר. דערצו איז עס געווען אַ צייט פון אונטערערדישער אַרבעט, ערעוו דעם אַרויסטרעטן פון אַרבעטער־קלאַס אויף דער ברייטער אַרענע, אַ צייט פון שווערע און וויכטיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אויפגאַבן, ווען דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אַפן טעאַטר קאַרג־וואָס געקענט אַרומקוקן. און דעריבער האָט מען זיך מיט טעאַטר קיינע באַזונדערע פאָדערונגען ניט געשטעלט. אַגעוו, איז דער אידישער טעאַטר, צוליב דער גוואַלדיקער רעכטלאָזיקייט, געווען אזא מעסוקענער כוילע, אַז עס איז געווען לעכערלעך פון אים עטוואָס צו פאָדערן.

אָבער ווען עס האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע פון 1905 יאָר, און דער אידישער אַרבעטער־קלאַס האָט דורך זיינע אידייענטרעגער געגומען אין זיינע הענט אויך פאַרשיידענע געביטן פון קולטור־בויאונג, האָט מען זיך געפּרואווט אויסנוצן אויך דעם טעאַטר, ווי אַ קולטור־טרעגערישע קונסט־אינסטיטוציע. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ, וואָס איז געווען די קולטור־טרעגערן פונם אידישן אַרבעטער־קלאַס, האָט ניט איינגעזען, אַז דעם צושויער דאַרף מען ניט באַטראַכטן „הורטאָם", אַז דער צושויער שטעלט שוין מיט זיך פאָר אַ דיפערענצירטע מאַסע: 1) דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ, 2) פּראָלעטאַרישער צושויער און 3) קליינבירגערלעכע פּובּליקום.

די אינטעליגענץ האָט זיך קודעמקאָל אינטערעסירט מיט פּאַרטיפּטע, קאָפּ־דרייערשע פּסיכאָלאָגישע און פילאָזאָפישע פּראָבּלעמען אין טעאַטר.

דער פּראָלעטאַרישער צושויער האָט זיך, נאַטירלעך, אינטערעסירט מיט דער בּינע אלס אָפּשפּיגלונג פון קאַמף פאַר באַפרייאונג, פון צוזאַמענשטויסן צווישן פיינטלעכע קלאַסן. אָבער עפּשער ניט ווייניקער האָט אינטערעסירט און מעכאַיע געווען דעם פאָלקסמענטש, דעם האָרעפּאַשניק די קוועקזילבּערדיקע באַוועגונג, די פלאַמענדיקע דינאַמיק, די לעבנסלוסטיקייט, די פריילעכקייט אויף דער בּינע.

דער קליינבירגערלעכער עוילעם — יענער איז זיך גלאַט געגאַנגען אין טעאַטר זיך פאַרוויילן, די צייט פאַרברענגען. און אזוי ווי דער קליינבּיר־גערלעכער עוילעם פלעגט אויסבּילדן דעם ראָוו צושויער — ער איז געווען

פאַרמעגלעכער און האָט געקאָנט זיך דערלויבן אָפטער קויפן אַ בילעט — איז קיין כידעש ניט געווען צו טרעפן אַזאַ דערשיינונג: — אויב מע פלעגט שטעלן אין „ליטעראַרישן" טעאַטער אַ מין „שאַבעסקוידעש", צי „די אידישע נעשאָמע", איז דער טעאַטער געווען איבערפולט, און אויב מען האָט געשטעלט פינסקיס, צי ווייטערס, צי הירשביינס אַ דראַמע, איז געווען אין טעאטער גאַנץ געראַם און טיילמאָל צופיל געראַם. אוןווידקלעך — וואָס איז געווען צוציענדיקער פאַר דעם מאַסן-צושויער: פּ. הירשביינס מאָרעשכוירעדיקע, מיסטישע דראַמע, פון וועלכער אַלע פליגן אַף דער וואַנט פלעגן אויספייגערן, צי די מאַדאַם ראַפּעל אין הויזן? און דערצו נאָך אַ לייכט ווייצנדיק לידל מיט לייכטער מוזיק, וואָס איז ניט שווער נאָכצוזינגען. און אז די דירעקטאָרן פון די אידישע טעאַטרען האָבן זיך אָפּגעמאַטערט אַ שטיק צייט, וועלנדיק מעזאַוועג זיין אַזאַ איבערנאַטירלעכע פּאָר, ווי די שווערדייעדיקע ווייטערס צי פינסקיס דראַמע מיט דער אַמעריקאַנישער סענסאַציאָנעלער אָפּערעטקע, ווי „דאָס פינטעלע איד", און באַזעצן זיי אונטער איין דאַך, איז וואָס דער סאָף דערפון איז געווען — ווייסן מיר אַלע. געזיגט האָט דאָס „פינטעלע איד", און די ליטעראַרישע דראַמע האָט זיך, בימכילע, אָפּגערוקט אַ באַליידיקטע אָן אַ זייט.

און עס איז אוועק ווידער אַ סעדרע פון לאַטיינערס, טאָמאַשעווסקיס און הורוויצעס אָפּערעטקעס, „היסטאָרישע" און, ביכלאַל, פון באַוואוסטן סאָרט.

ווי גרויס עס איז געווען דער פאַרדאָס, דער גרימצאָרן פון דער אידישער קולטורטרעגערישער אינטעליגענץ, איז צו זען פון דעם, וואָס י. ל. פּערעץ האָט געזאָגט: „דעם איצטיקן טעאַטער דאַרף מען כאָרעוו מאַכן ביזן גרונט, פאַרברענען און אַף דעם אָפּגערייניקטן אָרט פונדאָסניי בויען אַ טעאַטער".

ווייל, ווי געזאָגט, איז פאַר דעם אידישן קולטורטרעגער געווען פריער פאַר אַלץ וויכטיק דער „וואָס" אין טעאַטער, — האָט ער דאָס עכט-טעאַטראַלישע אין טעאַטער געהאַסט און פאַרפאָלגט. פונקט דער היפּעך איז געווען דער מאַסן-צושויער. אים איז געווען פריער פאַר אַלץ אינטערעסאַנט, ווי אַזוי שפּילט דער אָדער יענער באַגאַבטער אַקטיאָר. די גוטע שפּיל פון אַקטיאָר האָט שוין מעכאַפּער געווען אַף דער אומבאַהאָלפנקייט פון דער פּיעסע און פון רעושי.

ערשט אין אַ צייט ארום האָבן די אידישע קולטורטרעגער אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז דעם צושויער דאַרף מען ניט באַטראַכטן „הורטאָם", אַז מע מוז אים דיפערענצירן. און דאַן האָט באַל-מאַכשאָוואָס אין אַ ריי אַרטיקלען *) גענומען פּראָפּאַגאַנדירן אַזאַ געדאַנק: העוויס, דער אידישער מאַסן-צושויער, דער „האַמוין", דאָס „פאָלק" איז עכט צופרידן מיט זיין פאַרקריפּלטן טעאַטער און איז ניט דערוואַקסן צו אַ העכערן סאָרט טעאַטער-קונסט, דאַרף מען אים ניט אָנבינדן מיט גוואַלד אַ קינסטלעריש-אויסגעהאַלטענעם טעאַטער מיט אַ סטיל.

*) באַל-מאַכשאָוועס, שריפטן, באַנד III און IV, „דער אידישער טעאַטער".

וואָס-זשע דען? די אינטעליגענץ דאַרף פּאַר זיך, פּאַר אויסדערווײלטע, בויען אַ קונסט-טעמפּל, אַ טעאַטער, וואָס זאָל סײַ לויט זײַן אינהאַלט, סײַ לויט זײַן פאָרם שטיין אויף דעם ניוואָ, אויף וועלכן עס שטייט דער אייראָפּייאישער טעאַטער. אַ מין טעאַטראַלער „מרכּז רוחני" (גײַסטיקער צענטער).

און אַזעלכעס האָט באַל-מאַכשאָוועס געשריבן נאָך דעם, ווי פּ. הירשביין האָט געפּרואווט שאַפן אַ טרופּע פון אינטעליגענטע אַקטיאָרן, וואָס האָט ניט לאַנג עקזיסטירט און געפּלאַצט. די קאַוואָנע פון פּ. הירשביין איז געווען עפּשער אַ גוטע, אָבער קיין מיטלען איז ניט געווען (און קיין צושויער אויך...).

האָט מען פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף זיך גוט אונטערגאַרטלען... אַז מע דאַרף לעכאַטכילע צונויפנעמען אַ היפּשע קאָפּיקע.

און אַזאַ קלוגער און ליכטיקער קאָפּ, ווי י. ל. פּערעץ, האָט זיך אײַנגערעדט, אַז עס איז גענוג אײַנפּאַקעווען דעם טשעמאָדאַן און מאַכן אַ רײַזע צו די אידישע גווירים, וועלן זיי שוין עפענען זייערע בייטעלעך און עס וועט זיך אַ שאָט טון אַ גאָלדענער רעגן אויף דעם צוקונפטיקן אידישן קינסטלערישן טעאַטער... און אַזאַ ענטוזיאַסט, ווי א. ווייטער, האָט זיך מיט ברען אַ לאָז געטון איבער די „טפוצעס איסראָעל" פון רוסלאַנד — פריידיקן די אידייע פון שאַפן אַ מאָדערנעם קינסטלערישן אידישן טעאַטער. אָט-אָ די טיפּיש-אינטעליגענטישע אונטערנעמונג האָט זיך, נאַטירלעך, געענדיקט מיט א „בוידעם".

אין דערזעלבער צײַט איז דער קורצער ראָמאַן פון דער אידישער אינטעליגענץ מיט די „ליטעראַרישע" טרופּעס אויך געוואָרן צו נישט.

איין טרייסט איז געבליבן: ליטעראַרישע אָוונטן, וואו מע האָט אופגעפירט מיט דער הילף פון אַמאַטאָרן (ליבהאָבער) פאַרשיידענע ליטעראַרישע ווערק: אַשס, פּערעצעס, שאָלעם-אַלייכעמס, פּינסקיס, הירשביינס, ווייטערס א. א.

II

דער סאָוועטישער טעאַטר

(מאָסקווע, כאַרקאָוו, מינסק)

איבערזיכט

דער מאָסקווער אידישער מעלוכע־טעאַטר.

דער מאָסקווער אידישער מעלוכע-טעאַטר איז באַ היינטיקן טאָג איינע פון די שענסטע דערגרייכונגען פון דער אידישער קונסט-קולטור. באוואוסט און באַליבט בא די ברייטסטע ארבעטער־שיכטן, פאַרנעמט דער טעאַטר אן אָנגעזעען פלאַץ צווישן די בעסטע רעוואָלוציאָנערע טעאַטרען. די אנטוויקלונג־געשיכטע פונם דאָזיקן טעאַטר איז אַ באַזונדער שיין קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער קולטור־בויאונג און קונסט־שאַפונג אין ראַטן-פאַרבאַנד.

ס׳האָבן אמאָל געטרוימט וועגן אַ נייעם, גרויסן, עכטן, שטאַרקן אידישן טעאַטר — וויַיטער, הירשביין, פּערעץ — דער בעסערער טייל פון דער אידישער ביז־רעוואָלוציע-אינטעליגענץ, אָבער לעאיבעד איז געגאַן זייער גאַנצע מי — אין דער געמויזעכץ-אטמאָספער פון זייער צייט צו לייטערן דעם טאָך און דעם געשטאַלט פון דער אידישער בינע און דעם אידישן ארטיסט. געפלעפטע יאָרן און געפלעפטע מאַסן, בלויז גוטע קאַוואָנעס אָן וועלכע סע ניט איז גרונטן און ברייטן ארום, די געטאָ-פאַרשקלאַפקייט און די געטאָ-באַגרעניצטקייט פונם ביז - רעוואָלוציאָנערן קליינבירגערלעכן אידישן מאַסן-לעבן (טאַקע יענץ געטאָ־לעבן, וואָס — מאַכמעס ניט-רעוואָלוציע — בליט עס אַדאַיעם אין א פוילן, א גאַליציע, אַ ליטע) האָבן ניט געקאָנט ווערן קיין שעפער פון נייס ביכלאַל און פון נייעם טעאַטר ביפראַט. ס׳האָט זיך געפאָדערט א גרויסע אופרירונג, אן איבערקערעניש פון אַלץ מיטאַנאַנד, אן ענדערונג פון שטייגער און לעבנס-טעמפּ, א שטאַרקער אָפּרייס פון אלץ פריערקס, א בייט פון באַנעם און פאַרנעם, — נייטיק איז געווען, אז דער איניען פון נייעם אידישן טעאַטר זאָל ווערן דער איניען פון דער איינציקער לעבנפייאיקער, אקטיווער און שעפערישער טייל פון פאָלק — דער ארבעטער-מאסע און אז ווערן זאָל דער איניען א טייל פון דער ארבעטער-מאַסעס שטאַרק אקטיווער און גרויס-שעפערישער טעטיקייט אף אלע געביטן — קוידעמקאָל — אפן געזעלשאַפטלעכן, — געפאָדערט האָט זיך א רעוואָלוציע.

ערשט דאַן, ווען די רעוואָלוציע איז געקומען, דאַן, ווען די רעוואָלוציע האָט אַ קרעפטיקן זעץ געגעבן איבער די נאָך גענוג פעסטע איבערבלייבענישן פון טויזנט-יאָריקער ספּעציפיש-אידישער געפּענטעטקייט, איבער דער אידישער קנעכטישער האַכנאָע און הילפלאָזיקייט, איבער דעם אידישן מאַטעריעלן און גייסטיקן טכום, — דאַן, ווען די רעוואָלוציע האָט אַ שלעפּ-געטון די ברייטע אידישע אַרבעטער-מאַסן צו פאַרנעמען אַ ריי אין די רייען, וואָס קעמפן פאַר דער שאַרפסטער און פולסטער ענדערונג, פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלו-ציע — ערשט דאַן איז געקומען דער טאָג אויך פאַר דער ענדערונג, פאַר דעם נייגעבורט פון אידישן טעאַטר.

געווען איז עס אין די יאָרן 1918—1919, אין די יאָרן, וואָס זיינען פאַר-אייביקט אין זיקאָרן פון די אַרבעטער-מאַסן אין אונזער פאַרבאַנד אַדאַנק דעם איינגעשפּאַרטסטן און בלוטיקסטן געשלעג צווישן רעוואָלוציע און קאָנטר-רעוואָלוציע, אַדאַנק די אָנשטריינגונגען און גרויסע ניצכוינעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אָט די יאָרן. אין סאָף יאָר 1918 האָבן זיך אויף די גאַסן, אויף די ווענט פון דעמאָלטיקן פּעטראָגראַד (היינטיקן לענינגראַד) באַוויזן קליינע שמאָלע מודעאָלעך, וואָס האָבן געמאָלדן, אַז דורך דער אַרבעטער-מעלוכע ווערט געגרינדעט אַ אידישע טעאַטער-סטודיע אונטער דער אָנפירונג פון א. מ. גראַנאָווסקין. „אין דער סטודיע ווערן אָנגענומען פּערזאָנען ניט על-טער פון 27 יאָר, וועלכע ווילן זיך אויסקשיינקען דער אַרבעט אין אידישן טעאַטר", — אַזוי האָבן די מודעאָלעך געמאָלדן.

אין סאַמע פלאַם פון רעוואָלוציע-געשעענישן, אין רעכטן צעברען פון רעוואָלוציע-געשלעגן, צווישן הונגער-און טויט-געפאַר, דאַן, ווען סאָנים פאַר-ביסענע, ביטערע סאָנים וואַרפן זיך אויף דער רעוואָלוציע אויף צו דערוואַרגן זי, אויף צו צעטרעטן זי, אויף צו דערטרינקען זי אין בלוט — נעמט זיך אַ בינטל מענטשן צום אָנהייב פון אַ גראַנדיעזער אַרבעט, צום שאַפן ניט מער און ניט ווייניקער ווי דעם נייעם, עכט-פאָלקישן, עכט-קינסטלערישן און עכט-רעוואָלו-ציאָנערן אידישן טעאַטער. איז דאָס ניט מאָדנע?

ניט-מאָדנע איז די אנטשטייאונג-געשיכטע פונם אידישן טעאַטר, ווי ניט-מאָדנע איז דער קנויל פון רעוואָלוציע-דערשיינונגען, דער רעוואָלוציעס זיגזאַגן-גאַנג, וואָס איז אונטערטעניק דעם אינערלעכן רעוואָלוציע-זין. דער אופקום פונם נייעם אידישן טעאַטר איז, ווי דער אופקום פון דער גאַנצער אידישער נייער קולטור-און קונסט-שאַפונג, אָפּגעהאַנגען אין רעוואָלוציע. און אַז די רעוואָלוציע איז געקומען, אַז די רעוואָלוציע האָט זיך צעקאָכט — האָבן געמוזט געפינען זיך די מענטשן, וועמען דער איניען איז טייער, מענטשן, וואָס קאָנען זיך איינגאַנצן אויסקשיינקען דעמדאָזיקן איניען. דאָס בינטל מענטשן, וואָס האָט זיך אין יאָר 1918 צונויפגעזאַמלט אין דעמאָלטיקן פּעט-ראָגראַד, איז געווען יענץ בינטל, אויף וועלכן ס'איז אויסגעפאַלן צו אָנהייבן און צו אנטוויקלען דעם איניען פון בויען דעם נייעם אידישן טעאַטר טאַקע

מאַכמעס דעם, וואָס ארום האָט די רעוואָלוציע געפּראַוועט איר פרייליכן קאַנאָנען־אָנהייב, מאַכמעס דעם, וואָס איין אָנהייב איז טיף־אינערליך פאַרבונדן געווען מיטן צווייטן אָנהייב.

די רעוואָלוציע איז געגאַן מיט איר האַרטנאַקיקן, שאַרפן וועג, ס'זיינען אַלע שטרעקעס פון לאַנד אריינגעצויגן געוואָרן אינם געוועט — רעוואָלוציע — קאָנטר־רעוואָלוציע, — אין פּעטראָגראַד האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ בינטל יונגעלייט, און אין קלעם פון נויט און הונגער אָפּגעגעבן זיך דער נייער אי־דישער טעאַטער־שאַפונג. צונויפגעזאַמלט האָט זיך אַהין יונגוואַרג פון אַלע עקן לאַנד, יענע ענטוזיאַסטישע יונגוואַרג, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט געווען אין אידישע שטעט און שטעטלעך און וואָס אירע טרוימען און איר ענטוזי־אַזם וואָלט אומגעקומען, וואָלט לעאיבעד געגאַן אומזיסט־און־אומנישט, ווען ניט דער רעוואָלוציע־אויפברוך. דער ענטוזיאַזם פון אָט דער יונגוואַרג האָט זיך אין דער פּעטראָגראַדער סטודיע צונויפגעטראָפן מיטן ענטוזיאַזם פון דער רעוואָלוציע־צייט און מיט אַן אָנפירונג פון גרויסן פאַרנעם און באַטייט, אַן אָנפירונג, וועלכע איז ביעכוילעס געווען דעם ענטוזיאַזם צו רעאַליזירן, צו פאַרוואַנדלען אים אין מאַמאָשעסדיקער פאַרגאַנצטער קונסט, וואָס שטימט מיט רעוואָלוציע־צייט.

דער גרינדער פון דער סטודיע, דער אָנפירער פונם מאָסקווער אידישן מעלוכע־טעאַטער (היינט — פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער רעפּובליק) א. מ. גראַנאָווסקי איז דאַן אָקאָרשט געווען געקומען פון אויסלאַנד, וואו אונטער דער מעכטיקער ווירקונג פון דער איראָפּייאישער קונסט־קולטור איז אויסגע־וואַקסן זיין גלענצנדער רעזשיסערישער טאַלאַנט. גרונטלעך באַקאַנט מיט די נייסטע רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען פונם איראָפּייאישן טעאַטער, איז א. מ. גראַנאָווסקי געקומען אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד אלס אַ פולקומער, שטיי־פער טעאַטער־מאַיסטער, וועמענס קענטענישן און טאַלאַנט וואָלטן געקאָנט פיל און גרויס אויפטון אין רעוואָלוציאָנערן טעאַטער ביכלאַל, ניט־דאַפקע אידישן. אָט דער מאַיסטער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אידייע צו שאַפן דעם נייעם רעוואָלוציאָנערן אידישן טעאַטער. א. מ. גראַנאָווסקי האָט זיינע גרויסע רעזשיסערישע און אָרגאַניזאַטאָרישע פייאיקייטן גענומען אָפּגעבן דעם שאַפן פון ס'ניי, פון סאַמע טכילעס, דעם שאַפן, וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט די גרעסטע שוועריקייטן, מיט די שאַרפסטע שטערונגען. דער אידישער טעאַטער איז געווען דער סאַמע וויסטער, דער סאַמע פאַרלאָזטער, און אין בייקומען אַלע מיכשוילים אפן וועג פון אידישן טעאַטער זיינען געלעגן פאַרבאָרגן וואונדערלעכסטע מעגלעכקייטן, גלענצנדע אנטפּלעקונגען. א. מ. גראַנאָווסקי האָט עס גלייך דערשפּירט, און דערין ליגט זיין גרויסע באַדייטונג פאַר דער רעוואָלוציאָנערער טעאַטער־קונסט ביכלאַל און פאַרן אידישן טעאַטער ביפראַט.

ס'איז אַף פּעטראָגראַד געגאַן יודעניטש, ס'איז פונם דאָן געגאַן קאַלע־דין, — איז עמעצן דען געלעגן אין קאָפּ — קונסט, — באַזונדערס, אַזאַ קונסט־

אופטו, ווי שאפן א לאכלוטן נייעם אידישן טעאַטער? דער סטודיע-אוילעם האָט געהונגערט, — בלויז אדאנק דער היסלאָוועס, מיט וועלכער די סטודיע-יונגוואַרג האָט זיך אָפּגעגעבן דער אַרבעט, און בלויז אַדאַנק דער מיטהילף פון בילדונג-קאָמיסאַריאַט האָט די סטודיע דורכגעמאכט 5 כאַדאָשים לאַבאָ-ראַטאָריע-ארבעט און האָט דעם 23-טן יאַנוואַר 1919 באוויזן פאר אַ ברייטן אוילעם די ערשטע דערגרייכונגען אירע.

געווען איז שוין פון סאַמע אָנהייב אין דער סטודיע יענע טאַלאַנטפולע פיגור, וואָס האָט שפּעטער א באַזונדער כאַראַקטער צוגעגעבן דעם מאָסקווער אידישן טעאַטער, יענער ארטיסט, וואָס מיט זיין נאָמען איז אייננ פאַרבונדן די גאַנצע שאַפונג פונם טעאַטער, — געווען איז שוין אין דער סטודיע — ס. מ. וואָפסי-מיכאָעלס.

א יונגערמאַן פון א יאָר 28, וואָס האָט געהאלטן באַם אָנהייב פון אַדוואָ-קאַטור-טעטיקייט (געענדיקט דעם יורי-פאַקולטעט פון פּעטערבורגער אוני-ווערסיטעט) און וואָס האָט פון קינדהייט זיינער מיטגעבראַכט מיט זיך אין די עלטערע יאָרן ליבע צו די פּאַרביקע „פורימשפּילן” און טרוימען וועגן טעאַטער, — האָט אין יאָר 1918 איבערגעלייענט אין א צייטונג וועגן דעם, אז ס'עפנט זיך א אידישע טעאטער־סטודיע אונטער דער אָנפירונג פון א. מ. גראַ-נאָווסקי און — ס'איז אַנטשטאַנען דער ארטיסט מיכאָעלס, דער טאַלאַנטפול-סטער אידישער ארטיסט, דער שאַפער פון די פּרעכטיקע אידישע טעאטער-פּי-גורן, דער ארטיסט, וואָס איז שפּעטער אליין באַליבט געוואָרן באַ די ברייטסטע מאסן, וואָס האָט א וועלט-נאָמען געקראָגן און מיטגעהאָלפן א וועלט-נאָמען קריגן דער טעאַטער, אין וועלכן ער האָט זיינע גרויסארטיקע געשטאלטן געשאפן.

א. מ. גראַנאָווסקי האָט באַם לייגן דעם גרונטשטיין פאַרן נייעם אידישן טעאַטער געמוזט האָבן די גרויסע אַרטיסטישע קראַפט, וואָס איז טיף באהעפט מיט די פאָלקישע קוואלן פון דער אידישער טעאַטער-קונסט, א קראַפט, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם פאָלקישן גאַנג, די פאָלקישע טנוע, דעם פאָל-קישן שפּרונג און דאָס פאָלקישע וואָרט. באַם שאַפן דעם אידישן טעאַטער איז עס אומבאַדינגט נייטיק געווען, ווייל ביז גאָר פאַרדאָרבן איז געווען דער אידישער טעאַטער אין די פאַר-רעוואָלוציע-יאָרן דורך קליינבירגערלעכער גראָב-קייט, דורך „מאַלקעלע סאָלדאַט”-שטיק, דורכן פעטן וויץ און קופּלעט פון „פיינטעלע איד” — ס'האָט זיך געפאָדערט א ראַדיקאַלע דורכרייניקונג און ראַ-דיקאַלער אומקער צום סאמע אורקוואל — צו דער פאָלקס-שאַפונג און ס'האָט זיך געפאָדערט א טרעגער, אַן אנטפּלעקער פון אַלע פאַרבן פון דער פאָלקס-שאַפונג. אזעלכער איז געקומען אין געשטאַלט פון ס. מ. וואָפסי-מיכאָעלס. באַזונדערס דער מי און דער טאַלאַנטפולקייט פון די צוויי — דער רעזשיסער גראַנאָווסקי און דער אַרטיסט מיכאָעלס — האָט דער מאָסקווער אידישער טעאַטער צו פאַרדאַנקען זיין היינטיקן גלאַנץ, דעם היפּשן סכום פון די ביז היינטיקע דערגרייכונגען זיינע.

ווי איז געגאַן די לאַבאָראַטאָריע־אַרבעט פֿון דער סטודיע אין פּעטראָגראַד ביז אירע ערשטע אַרויסטרעטונגען? פֿון וואָס האָט גראַנאָווסקי אָנגעהויבן? אַף וואָס האָט ער געשטעלט דעם טראָפּ?

גראַנאָווסקי האָט אָנגעהויבן אַן אַרבעט איבערן וואָרט, איבערן אידישן טעאַטער־וואָרט. ער האָט זיך געשטעלט דעם ציל אַרויסקריגן פֿון אַלע אָנוואַלגערנישן און צומישן — די עכטע אידישע פֿאָלקס־שפּראַך און אַרויסבאַקומען צוליב דער סצענע יענע זינגעוודיקייט, וואָס היינגט אָפּ אין די באַזונדערע אייגנטימלעכע געזעצן פֿון דער שפּראַך. אַלס אַרבעט־מאַטעריאַל דערויף האָט פֿאַר דער סטודיע געדינט מעטערלינקס דראַמע „די בלינדע“. דורך דערדאָזיקער דראַמע, וואו אַף דער סצענע פֿיגורירט דער מ ע נ ט ש ב י כ ל אַ ל, האָט דער סטודיע־קאָלעקטיוו געדאַרפֿט באַווייזן די אקוסטישע אנטפּלעקונג פֿון וואָרט. אין „די בלינדע“ האָט דער סטודיע־קאָלעקטיוו באַוויזן צו מאַכן דאָס וואָרט טעאַטראַל. דאָס אידישע וואָרט האָט אָנגעוואוירן זיין אויסערלעכע וואָכעדיקייט, זיין אויסערלעכע וואולגארישקייט און האָט זיך צ ע ז ו נ ג ע ן.

כּוך דער אַרבעט איבערן וואָרט האָט גראַנאָווסקי גרויס אופמערקזאַמקייט געלייגט אָפֿן זשעסט, אַף די באַוועגונג־געזעצן. אַף בייקומען די טעכניק, אויסבילדן אַן אַקטיאָר, וואָס זיינע באַוועגונגען און זיינע רייד זיינען מאַטעמאַטיש אויסגערעכנט, מאַטעמאַטיש באַהעפֿט צווישן זיך און מיט דעם סצעניש אַרום און צוזאַמען שאַפֿן זיי איין הארמאָנישעס גאַנצעס פֿון מענטש, באַלייכטונג, אויסשטאַטונג און מוזיק — דערויף האָט גראַנאָווסקי געשטעלט דעם טראָפּ אין דער סטודיעס פּעטראָגראַדער פּעריאָד.

שוין דאָס אַליין איז געווען א היפּשער אָנהייב. ווען האָט דער אידישער אַקטיאָר געלערנט זיך טעאַטער־טעכניק? איז דען ביז סאַמע רעוואָלוציע ניט געגאַן קיין העפקער־טאַנץ אַף דער אידישער בינע, די מיעסע, פּרעכע, וואולגאַרע ליידיקייט און טאַלאַנטלאָזיקייט, אָן אינהאַלט, אָן פֿאָרם, אָן לייב און לעבן? הערשט דען ניט אדאַיעם אין דער מערהייט אידישע טעאַטערן פֿון גאָר דער וועלט קולטורלאָזיקייט און נישטיקייט?

שוין דער סטודיעס פּעטראָגראַדער פֿאָרשטעלונגען: „בלינדע“ — מעטערלינקס, „זינד“, „אמנוין און טאָמער“, „ווינטער“ — שאָלעם אַש, „פּראָלאָג“ — גראַנאָווסקיס, „בויער“ — מיכאָעלס, „אוריעל אַקאָסטא“ — גוצקאָווס האָבן באוויזן, אַז ס'וואַקסט פֿון דער סטודיע דער נייער אידישער אַקטיאָר, וואָס שטייט מיילנוויים פֿונם פֿריערדיקן אַקטיאָר סיי מיט טאלאנט, סיי מיט טעכניק־קענטעניש, אַז ס'וואקסט פֿון דער סטודיע יענער אידישער אַקטיאָר, וועלכער וועט אימשטאַנד זיין צו שאַפֿן דעם נייעם אידישן טעאַטער.

דער סטודיע איז אינגיכן געגעבן געוואָרן פֿון דער מעלוכע דער נאָמען „אידישער קאַמער־טעאַטער“. דעם 20־טן נאָיאַבר 1921 איז דער טעאַטער איבערגעפֿאָרן אַף שטענדיק קיין מאָסקווע, וואו ס'איז אים דורך דער מעלוכע אָפּ-

געגעבן געוואָרן א דירע אף טשערנישעווסקער געסל. דער טעאַטער האָט דאָ פאַר זיין אַרבעט און פאַר זיינע פאָרשטעלונגען געהאַט א קליין זאַלכל אף 90 ערטער (דאָס זאַלכל האָט מיט זיינע געמעלן באַפוצט דער קינסטלער שאגאל, און ס'איז באַוואוסט געוואָרן אונטערן נאָמען „שאגאל-זאל"). אונטער דער אופמערקזאַמקייט פון דער מעלוכע, אינטים באַהעפטט מיט דער מאָסקווער רעוואָלוציאָנערער און רעוואָלוציאָנער-קינסטלערישער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט דאָ דער טעאַטער וויטער אָפּגעגעבן זיך זיין פלייסיקער, אינטענסיווער אינערלעכער אַרבעט.

אין מאָסקווע האָט זיך דער טעאַטער-קאָלעקטיוו צונויפגעטראָפן מיט דעם שענסטן און בעסטן, מיטן סאמע ברויזנדיקסטן פונם לאַנדס פּאָליטישן, קול-טורעלן און קינסטלערישן לעבן.

אין מאָסקווע האָט זיך דער טעאַטער צונויפגעטראָפן אויך מיט יענעם קינ-סטלער, וועמענס קינסטלערישע עסטעטיק האָט באַזונדערס געווירקט אפן טעאטר, — מיטן קינסטלער, וואָס האָט מיטגעהאָלפן דעם טעאַטער וואָס גיכער קריגן סיי די פאָלקישע קוואלן, סיי די מאָדערנע רעוואָלוציאָנערע פאָרם פון דער אידישער פאָלקס-שפּיל. אין געשטאלט פון מ א ר ק ש אַ ג א ל ן האָט דער טעאַטער געפונען דעם קינסטלער, וואָס אין זיין שאַפן איז דער „אינער-לעכער ריטם פון מענטשישע ליידנשאַפטן" באזונדערס זודיק-ריטמיש, באַ-זונדערס אָנגעשטריינגט און באזונדערס הייניטיק-קינסטלעריש פאַרקערפּערט, און דעם קינסטלער, וואָס זיין שאפן איז געבויט אפן לעבעדיקסטן, זשוואווע-דיקסטן פון פאָלקס-טנוע, פאָלקס-האוויע, פאָלקס-שטייגער, פאָלקס-טאָך. מארק שאגאל האָט מיטגעהאָלפן דעם טעאטער אנטדעקן דעם אייגענעם טעאטר-סטיל: דעם סטיל, וואָס גיט דעם שווינדלענדיק-פליערישן טאָך פון פאָלקישן לעבנ-שטיט, דעם סטיל, וואָס דערהייבן די נאציאָנאלע פאָלקס-אייגנשאפטן צו דער הייך, וואו נאציאָנאלער גאנג גייט איבער אין אינטערנאציאָנאלן, אין אלגעמיין-וועלטישן.

אָט דער סטיל איז פארן מאָסקוו. איד. טעאטר — דעם טעאטר פון רעוואָלו-ציע-צייט, וועלכער האָט אופגעריסן דעם שטייגער, א ריס אָפּ געטון פון שטייגער און סיי דעם פריער, סיי דעם היינט, סיי די צוקונפט געמאכט שווינדלענדיק-פליעריש — אָט דער סטיל איז פארן מאָסקוו. איד. טעאטר — אלס רעוואָלוציע-טעאטר — געווען דער נייטיקסטער, דער פאסיקסטער, דער פרוכט-באַרסטער. אופגעקומען אלס א לאכלוטן נייער געביי, אָן פאָרגייער און אָן טראדיציעס, וואו און ווי האָט דער מ. א. ט. געקאָנט קריגן א פאָרם א מער אויסדריקלעכע און א מער דאנקבארע פונם דערהויבענעם, פארשארפטן שפרונג, שמייכל, געשריי, טאנץ, געזאנג, פלי — געגעבענעם אלס אונטערצי פון אָן א שיר יאָרן פאָלקס-לעבן און אלס א יעסאָד פאר ווייטערדיקן לאכלוטן היינ-טיקן שאפן? די מערהייט דערפאָלגן זיינע האָט דער מ. א. ט. צו פארדאנקען אָ.ט ד ע ם ס ט י ל.

איינצייטיק מיט דער באַגעגעניש מיט דער שטאַרקער, פאַר אים, טעאַטער,
גאָר נייטיקער מאָלערישער קונסט האָט דער מ. א. ט. אין זיין אַרבעט אין
טשערנישעווסקער געסל געהאַט נאָך איין וויכטיקע באַגעגעניש: מיט דער
אידישער ליטעראַטור, מיט איינעם פון די גרעסטע אין דער אידישער ליטע-
ראַטור—מיט שאָלעם-אַלייכעמען. אויך דידאָזיקע באַגעגעניש איז פאַרן טעאַטער
געווען פון די גליקלעכסטע און פרוכטבאַרסטע. בייגעקומען די שוועריקייטן פון
סצענישער טעכניק, דערוואָרבן די סצענע-קענטעניש, האָט דער טעאַטער-קאָ-
לעקטיוו געזוכט די צונויפטרעפעניש מיטן אידישן פאָלקס-שטייגער, מיט דער
אידישער פאָלקס-פיגור, מיט דער אידישער פאָלקס-אייגנשאַפט. און ווער האָט
געקאָנט אַנטפּלעקן פאַרן טעאַטער דעם עכטן טיפּישן פאָלקס-שניט, אויב ניט
שאָלעם-אַלייכעם? ווער האָט געקאָנט געבן דעם טעאַטער אַ גרעסערע צאָל
טנועס און האַוואַיעס און גייענגעלעך — ווי שאָלעם אַלייכעם?

געקומען צום רייכן ש. א.-מאַטעריאַל, האָט דער טעאַטער, וואָס האָט גע-
זוכט דעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל פאַר דער פעסטער סצענישער באַוועגונג
און פאַר דעם רעוואָלוציע-באַנעם, פאַר דער רעוואָלוציע-פאָן — שאָלעם-אַליי-
כעמען אַפסניי אַנטדעקט, ער האָט גענומען, דער טעאַטער, דערהויבן דעם
ש. א.-מאַטעריאַל צו דער הייך פון מאַיסטערישער קונסט און רעוואָלוציע-
עפּאָכע, דער עפּאָכע, וואָס האָט פאַרשאַרפט אַלע פאָלקס-טנועס און אַלע
פאָלקס-גייענגעלעך. באַ ש.-א.-מען האָט דער מ. א. ט. דעם וואונדערלעכסטן
מאַטעריאַל פאַר זיך געפונען, איבּם מ. א. ט. האָט ש.-א. אָנגעהויבן זיין גרויסן
קינסטלערישן טיקון באַקומען.

מיט שאָלעם-אַלייכעמען האָט דער טעאַטער אָנגעהויבן זיינע מאָסקווער
פאָרשטעלונגען.

דעם 1-טן יאַנוואַר 1921 יאָר איז אינם קליינעם זאַלכל אַף טשערנישעוו-
סקער געסל געגעבן געוואָרן דורכן טעאַטער אַ „ש.-א.-אָוונט”: דריי איינאַק-
טערס — „אַגענטן”, „דער פאַרשטערטער פייסעך” „מאַזלטאָוו”. אין דעמדאָזיקן
ספּעקטאַקל האָט אַ שיין געטון אַף דער בינע דער ש.-אַלייכעמישער זאַפטי-
קער טיף-פאָלקישער הומאָר, דערהויבן צו דער מאַדרייגע פון היפשער קונסט.
אין דעמדאָזיקן ספּעקטאַקל האָט אָנגעהויבן ווי ס'דאַרף צו זיין אַנטפּלעקן דעם
טעאַטערס קרעפטיקע טאַלאַנט—מיכאָעלס. געדינט האָט דער ש.-א-אָוונט
פאַרן טעאַטער אַלס ערשטער אַרויסטריט פון די סטודיע-דאַלעדאַמעס, פון
די גרענעצן פון פאָרשן און דערלערנען די סצענע-געזעצן, פון שטודירן די
מאַיִרעוו-מוסטערן. די העל-פאַרביקע שאָלעם-אַלייכעם—שאַגאַל — גראַנאָווסקי—
מיכאָעלס-שפּיל איז געווען דער אָנהייב פון פאַרבינדונג צווישן דער פאָלקס-
שפּיל און דער הויכער טעאַטער-קולטור.

דער צווייטער ספּעקטאַקל אין יענעם סעזאָן איז געווען — ווייטערס
„פאַרטאָג”. דידאָזיקע פאָרשטעלונג איז געווען דעם טעאַטערס ערשטער צו-
ריר צו רעוואָלוציע-מאָטיוו, צו רעוואָלוציע פּאַטעטיק. ווייטערס פּיעסע האָט

מיט זיך פאָרגעשטעלט ניט קיין גאָר פּאַסיקן מאַטעריאַל פאַר דער סצענע, — צעשוואומען, אַבסטראַקט-סימבאָליש, — האָט זי, בלויז אַדאַנק דער אָנשטרייַנגונג פון דער רעזשיסערישער אָנפירונג און די אַרטיסטישע קרעפטן, גלאַנצנדיק, מיט בוילעטקייט און פאַרביקייט אויסגעפילט איר שליכעס—צו ברייַנגען דעם טעאַטער צו — זאָל זיין, דערוויל—פלאַקאַטישן—רעוואָלוציע-מאָטיוו.

נאָך „פאַרטאָג" האָט דער טעאַטער באוויזן אַשס „גאָט פון נעקאָמע". גראַנאָווסקי האָט א ריס אָפּ געטון אַשס פּיעסע פון איר קליינבירגערלעכנישטיקן שטייגער און האָט זי סכעמאַטיזירט, פאַרוואַנדלט זי אין אַ „טראַגישן גראָטעסק". ס'איז באוויזן געוואָרן אין אַלץ—פון די דעקאָראַציעס ביזן גרים—אַ שאַרפע „אומגעלומפּערטקייטן-שפּיל". די אַרטיסטישע טעכניק איז דורך דעמדאָזיקן ספּעקטאַקל געווענדעט געוואָרן צו א נייעם זשאַנר — צו דער טראַגיק, — שפּעטער איז עס גאָר צונוץ געקומען דעם טעאַטערס שאַפן. באזונדערס האָט זיך דער ספּעקטאַקל אויסגעצייכנט מיט זיינע מאַסן-סצענעס, דער טעאַטערקאָלעקטיוו האָט דאָ באוויזן איינע פון זיינע גרעסטע דערגרייכונגען: די מאַיסטערישע אָרגאַניזירטקייט פון מאַסן-גרופּן און מאַסן-באַוועגונג אף דער סצענע.

אין די פאָרשטעלונגען „ש.-א.-אָוונט", „פאַרטאָג", „גאָט פון נעקאָמע" האָט מיכאָעלס געגעבן זיינע פיגורן: ר' אלטער („מאַזלטאָוו"), מענאַכעם-מענדל („אַגענטן"), דער זיידע („פאַרטאָג") און שאַבשאָוויטש („גאָט פון נעקאָמע"). מיכאָעלס מענאַכעם-מענדל האָט בוילעט אנטפּלעקט דאָס טיף-אייגנאַרטיקע פון מיכאָעלס סצענישן געשטאַלט: די באַהעפטונג פונם קאָמישן מיטן טיף-לירישן, די צונויפגיסונג פון שטייגער-מאַטעריאַל מיט צאַרטער נעשאָמע-אופגערודערטקייט, מיט טיפער עמאָציע. אין מיכאָעלס שאַבשאָוויטש איז שטאַרק געגעבן געוואָרן דאָס איינציק-מענטשלעכע אינם דעספּאָט און אויסוואָרף — זיין ווייטיקדיקע ליבע צו דער טאָכטער. אינם זיידן פון „פאַרטאָג" איז געגעבן געוואָרן א קלאַסישע פיגור פון אַן אלטפרענקישן טראַדיציאָנעלן זיידן — מיכאָעלס האָט דידאָזיקע פיגור געשאפן מיט גרויסער זויבערקייט און ווייכקייט. מיט באזונדערס צאַרטע טאָן און באוועגונג האָט מיכאָעלס געגעבן ר' אלטערן פון „מאַזלטאָוו". דידאָזיקע פיגור האָט זיך מאַמעש צעשטראַלט מיט פאָלקישער פאָשעטקייט און קלוגשאַפט, מיט פאָלקישער האַרציקייט און מענטשלעכקייט.

דעם טעאַטערס ארבעט איז געוואָקסן. אף טשערנישעווסקיס געסל איז פאַרן טעאַטער גאָר גיך איינג געוואָרן. דעם 9-טן אַפּריל 1922 האָט דער טעאַטער געעפנט זיינע ספּעקטאַקלען אין א נייער אייגענער געביידע (אף קליין-בראָני), וואו ער האָט געקראָגן אַ גרעסערע סצענע און א גרעסערן צושויער-זאַל (אף 500 צושויער). אין דער נייער געביידע האָט דער טעאַטער אינגאַנצן פאַרענדיקט זיין צוגרייטונג-פּעריאָד. דאָ איז דער טעאַטער אויסגעוואקסן אין דעם וואָס ער איז היינט: דער אינגסטער, נאָר איינער פון די קרעפטיקסטע צווישן די רעוואָלוציאָנערע טעאַטערן פון ראַטן-פאַרבאַנד.

דער ערשטער ספּעקטאַקל אַף קליין-בראָני איז געווען „אוריעל אקאָסטע“,—
דער לעצטער צוגרייטונג-פּרואוו פונם טעאַטר. „אוריעל אַקאָסטע“ איז דאָ
איצט געגעבן געוואָרן אין א געלונגענערן וואַריאַנט, ווי אין פּעטראָגראַד,
באַגלייט איז דאָ די פאָרשטעלונג געווען פון נאַטאַן אלטמאַנס דעקאָראַטיווע
קאָנסטרוקציעס. די פאָרשטעלונג האָט באַצויבערט מיט איר פרעכטיקייט, מיט
דער בוילעטקייט פון אירע באַוועגונגען, מיט איר טאַלאַנטפולער רעזשי. אויב
אין פּעטראָגראַד איז די „אַקאָסטע“-פאָרשטעלונג געווען א פּרואוו צו באַ-
העפטן די אידישע סצענע מיט די טראַדיציעס פונם אייראָפּייאישן קלאַסישן רע-
פּערטואַר, איז שוין דאָ „אוריעל אקאָסטע“ געווען אַ סאַכאַקל פון די אידישע
שפּיל-איינגעשאַפטן, וועלכע דער טעאַטר האָט דערלערנט אף טשערנישעוו-
סקער געסל. פאַר דער צייט, וואָס פון פּעטראָגראַדער „אַקאָסטע“ ביזן מאָסק-
וועער, איז אויך היפּש אויסגעוואקסן די אַרטיסטישע פיגור — מיכאָעלס. מיכאָ-
עלס „אַקאָסטע“, כאָטש ער איז, לויט דער אנערקענונג פונם אַרטיסט גופא,
ניט-פולקום באַהערשט געווען דורך אים האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט
פון מאָסקווער טעאַטראַלער געזעלשאַפטלעכקייט צו מיכאָעלסן. ס'איז קלאָר
געוואָרן, כ'אַרא גרויסע אייגנאַרטיקע ארטיסטישע פּערזענלעכקייט דער אידי-
שער טעאַטר האָט געקראָגן. „אוריעל אַקאָסטע“ פאַרענדיקט דעם ציקל
פאַר-אַרבעט פון מאָסקווער אידישער טעאַטר. נאָך „אוריעל אקאָסטע“ זיינען
געקומען פאָרשטעלונגען — פ ו ל ק ו מ ע נ י צ כ ו י נ ע ס, — יענע פאָרשטעלונגען,
וואָס האָבן דעם טעאַטר געגעבן זיין גרויסן נאָמען און זיין גרויסן ווערט.

זוכנדיק די אייגנטימלעכע פאַרביקייט און זינגעוודיקייט פון דער אידישער
פאָלקישער טעאַטר-שפּיל, האָט זיך דער מ. א. ט. א ווענד געטון צו גאָלדפאַ-
דענען, צו דעם גרינדער פונם אידישן טעאטר, וואָס האָט אַזויפיל געשעפּט
פונם פאָלקס-שאַפונג-קוואל, נאָר וואָס ניט באַשערט איז אים געווען צו ווערן
דער גרינדער פונם עכטן אידישן טעאַטר, ווייל די באַדינגונגען פון זיין צייט
זיינען לאַכלוטן ניט מעסוגל געווען דערצו. אונטער די געדיכטע שיכטן פונם
שונד, מיט וועלכן גאָלדפאַדן אַליין האָט פאַרשאָטן די אשרעס פון זיין
פאָלקס-שפּיל, און דעם שונד, מיט וועלכן ס'האָבן שפּעטער באַשאָטן די
פאָלקס-שפּיל די טעאטר-לייט נאָך גאָלדפאַדענען — אונטער אלע אָנשיטן אפן
גאָלדפאַדענישן פאָלקיש-נאַטירלעכן טאַנץ און געזאַנג האָט דער מ. א. ט. אנט-
דעקט די שעפע פאַרבן און די שעפע פרייד פון דער אידישער פאָלקס-שפּיל.
דורכלייטערנדיק גאָלדפאַדנס „קישעפמאכערן“, דערהייבנדיק זי, באַשיינקענדיק
זי מיט מאיסטערישער אָרגאַניזירטקייט און אויסגערעכנטקייט און מיט טאַ-
לאַנטפולער שפּיל,— האָט דער מ. א. ט. געגעבן א גלענצנדע פאָרשטעלונג,
אַ קאַרנאַוואַל פון אידישער שפּיל, אין וועלכן ס'האָבן פרעכטיק צעשיינט זיך
די פאָלקישע רירעוודיקייט און די פאָלקישע לעבנסלוסטיקייט. מיכאָעלס האָט
דאָ געשאַפן די וואונדערלעכע האָצמאַך-פיגור, די פיגור פון גלענצנדיקער
שפּרינגענדיקייט און זאָרגלאָזיקייט, — די גאַנצע פאָרשטעלונג „קישעפמאַ-

כערן" איז געווען א פייערלעך-פאַנטאַסטישער אַרויסטריט פון מאַסן-פיגורן, אַן ארויסטריט, וואָס לאַכט אָפּ און טאַנצט, וויינט זינגענדיק און לעבעוועט אָפּ, — די „קישעפמאַכערן" איז געוואָרן א לוסטיקער מאַסן-טאַנץ איבערן אלט-פרענקישן אידישן לעבנשטייגער, וועלכן די רעוואָלוציע האָט צעשמעטערט, אַ טאַנץ פון מאַסן, וואָס זייער טאָג און זייער צוקונפט איז דורך און דורך ליכטיק, העל-פאַרביק. דאָס אידישע שטעטל, וואָס איז אויסגעדימיענט-שוועבנדיק דערשינען אף דער סצענע אַדאַנק דעם טאַלאַנטפולן קינסטלער-בויער ראַבינאָוויטש, די לידלעך (טעקסט — פון מ. ליטוואַקאָוו און י. דאָ-ברושין), די פאַנטאָמימעס, די מוזיק (אכראָנס) — צוזאַמען מיט דער גרויסאַר-טיקער שפּיל פונם גאַנצן אנסאַמבל (כוץ מיכאָעלסן האָט זיך אין דער „קישעפמאכערן" אין דער ערשטער ריי פונם טעאַטערס קרעפטן ארויסגערוקט זוסקין — אין דער ראָלע פון דער „קישעפמאַכערן"), די מוסטערהאַפטע האַרמאָ-נישקייט און צונויפגעזונגענקייט האָבן פון דער „קישעפמאַכערן" געמאַכט א גראַנדיעזע פאָרשטעלונג, וואָס וועט לאַנגע יאָרן פאַרמאָגן גרויסן קינסטלע-רישן געווינס.

געקראָגן באַ שאָלעם - אַלייכעמען (אין „ש.-א.-אָוונט") דעם גוטמוטיקן הומאָר, געקראָגן באַ גאָלדפאַדענען די פאַנטאַסטיק, האָט דער מ. א. ט. נאָך די גרויסע רעזולטאַטן פון זיין אַרבעט איבער דער „קישעפמאכערן" זיך נאָכ-אַמאָל א ווענד געטון צו שאָלעם-אַלייכעמען, דאָס מאָל קעדיי קריגן באַ אים דעם מאַטעריאַל פאַר דער סאָציאַלער סאַטירע. די „קישעפמאַכערן" האָט באַ-וויזן די פאַנטאַסטיש-פאַרביקע לעבנס-פרייד פון דער פאָלקס-מאַסע. נייטיק איז דעם טעאַטר געווען באַווייזן דידאַקטיקע לעבנס-פרייד אין א צוזאַמענשטויס מיט דער אינערטער, מיט דער צעפוילטער באַלעבאַטישקייט, ווייזן פאַר-שאַרפט דעם כילעק צווישן די צוויי פאָלקס-שיכטן — דעם אמכאָ און דעם גוויר, דעם באַלעבאָס. געגעבן האָט עס דער טעאַטר — מאַיסטעריש געגעבן אין שאָלעם-אַלייכעמס „200.000".

אין „200.000" האָט דער טעאַטר דערהויבן די ווירקלעכקייט, דעם שטיי-גער ביז העכסט פאַרשאַרפטער בוילעטקייט און וואונדערלעכקייט; אין זייער קלאָרקייט און פאַרשיידנארטיקייט האָבן זיך אַנטפּלעקט די צוויי צדאָדים: דער גווירים-צאַד און דער אמכאָ-צאַד. דורך פרישע און זאַפטיקע זשאַנר-בילדער האָט דער טעאַטר באַוויזן די אַרבעטזאַמקייט און די אומדערשעפּלעכע סימכעדיקייט פונם אמכאָ און דער טויט-לאַנגוויל, די געליימטקייט, די גראָב-קייט, די פאַראורטיילטקייט פון דער נאַציאָנאַלער בורזשואזיע. אויב די „קי-שעפמאכערן" איז געווען די סצענישע אנטפּלעקונג פון דער פאָלקס-סימכע, איז „200.000" געווען די סצענישע באַשטעטיקונג אף דער הענעמאָניע פון דער לעבעדיקער האָרעפּאַשנער פאָלקס-מאַסע. „200.000" איז געווען דער סצענישער טויט-אורטייל איבער די „בראָדסקיס און שנייערסאָנס", איבער דער פיזישער און היסטאָרישער עקזיסטענץ פונם אידישן גוויר. אויב אין

„קישעפּמאַכערן" האָט דער טעאַטער געגעבן די גאָלדפּאַדענישע פּריידפּולע פֿאָלקס-שפּיל איזערלעך באַלויכטן מיט דער גרויסער פֿרייד פֿון מאַסע, וואָס טרעט אוף צו היסטאָרישער ראָל אין אָקטיאַבער, איז אין „200.000" דער שאָלעם-אַלייכעם שמייכל, דער ש.-א.-כויזעק באַלויכטן געוואָרן מיטן האַס, מיט דער פֿאַרניכטונג-קראַפֿט פֿון אָקטיאַבער, און ס'האָט זיך באַקומען א פֿאָרשטעלונג, וואָס ציט אונטער אַפּן גרויסאַרטיקסט-שאַרפֿסטן, העכסט-קינסטלערישסטן און טיף-רעוואָלוציאָנערסטן אויפֿן דעם לעבנס-באַנעם, לעבנסטאָך און לעבנשטייגער פֿון צוויי פֿאָלקס-שיכטן — דעם אָפּגייענדיקן און דעם אופֿגייענדיקן.

מיכאָעלס „שימעלע סאָראָקער", דער פּראַכטפֿולער אַמכאָ מיט זיין טמימעס און טיף-אינערלעכער קלוגשאַפֿט, מיט זיינע עכטע פֿאָלקס-גיינג און מיט זיין עכטער צעכוואַליעטער פֿאָלקס-לוסטיקייט, וועלכער פּלאָנטעט זיך אין דער גווירישער נעץ און איז דאָך גיוועער זי מיט דעם פֿאָלקישן טאָך זיינעם, — זוסקינס שוועבנדיקער, לופֿטיקער, פּליערישער שאַדכן — זיינען פֿון די פֿיינסטע, פֿאַרגאַנצסטע און פֿרעכטיקסטע פֿיגורן, וואָס דער מ. א. ט. האָט געגעבן. די פֿאַרבן-אַשרעס און די קלאַסישע אָרגאַניזירטקייט פֿון די מאַסן-סצענעס אין „200.000" האָבן באַוויזן, ס'אַראַ גרויסע קראַפֿט האָט דערגרייכט מ. א. גראַנאָווסקיס רעזשי-טאַלאַנט און ווי אויסגעצייכנט ער האָט דערלערנט די אייגנטימלעכע וועגן פֿונם נייעם רעוואָלוציאָנערן אידישן טעאַטער.

„200.000" איז פּונקט ווי די „קישעפּמאַכערן" געוואָרן די קלאַסיש-מוסטערהאַפֿטע פֿאָרשטעלונג פֿונם טעאַטר, די פֿאָרשטעלונג, וואָס מיט איר האָט דער טעאַטער זיך און דעם נייעם אידישן טעאַטער ביכלאַל אוועקגעשטעלט א גרויסן גרענעץ-סלופּ: פֿונדאַנען הייבט זיך אָן דער נייער ניצכוינעס-וועג, פֿונדאַנען גייען די נייע טראַדיציעס, פֿונדאַנען גייט די גרויסע רעוואָלוציאָנערע אידישע טעאַטער-קונסט.

נאָך „200.000" האָט דער טעאַטער באַוויזן א קליינע שאָלעם-אַלייכעם-מיניאַטיור, דעם „געט" (דערפֿולט מיט איר דעם ציקל פֿון „ש.-א.-אָוונט"). אין „געט" איז די פֿאַרוואַנדלונג פֿון שאָלעם-אַלייכעם-הומאָר אין אָנראַכמאָנעסדיקער סאַטירע גאָר פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן. דאָ איז די סאַטירע געווענדעט געוואָרן קעגן דער גאַנצער אוילעם-האַטויעדיקייט פֿון דער אידישער אַלטפֿרענקישקייט און אידישער קליינבירגערלעכקייט. דאָ אין „געט" האָבן באַוויזן זייער גרויסע מאַיסטערשאַפֿט די איינצלנע אַרטיסטן פֿונם טעאַטער, — דער טראָפּ איז אין „געט" געפֿאַלן ניט אזוי אף די מאַסן.-סצענעס, ווי אף די איינצלנע שפּילער — און גלענצנד האָט זיך באַוויזן די אַרטיסטן ראָטבוים, וועלכע האָט געגעבן די שאַרף-בוילעטע און קלאַסיש-פֿאַרענדיקטע פֿיגור פֿון סאָרע־כאַנציע, גלענצנד האָט דאָ זוסקין וואַריאירט די שאַדכן-ראָל, שיין, פֿאַרגאַנצט האָבן זיך באַוויזן גערטנער (מאָטעלע), ראָגאַלער (רואוון-הערש), מינקאָוואַ (עטעלע). די מאַסן-סצענע פֿונם געט און דאָס פֿינאַל-בילד פֿון רואוון-

הערשס הײנגען זיך זײַנען פּראַכטפולע בילדער — אַ װוּנדערפולער צוגאָב צו די שענסטע בילדער און סצענעס פון „קישעפמאַכערן" און „200.000".

אַלס אַ מין צװישן-אַרבעט, אַ מין אָפּרו-שפּיל צװישן דער גרויסער מי אויף די דערגרייכונגען פון „קישעפמאַכערן" און „200.000" און דער מי אויף די װייטערדיקע, שפּעטערדיקע דערגרייכונגען — האָט דעם טעאַטער געדינט די אַרבעט, װאָס ער האָט באַװיזן נאָכן „געט" — אין „קאָמעדיאַנטן-קאַרנאַװאַל" און אין די „דרײַ פּינטעלעך איד". אינעם „קאָמעדיאַנטן-קאַרנאַװאַל", װאָס איז באַשטאַנען פון לוסטיקע צעטאַנצט-צעזונגענע קלייניקייטן, האָט דער טעאַטער צעשפּרייט זיך מיט לײַכטער, זאָרגלאָזער, ליכטיק-הומאָריסטישער שׂימכעדיקייט. מיט די „דרײַ פּינטעלעך", דעם גרויסן פּאַראַדיען-אָװנט, האָט דער טעאַטער גענומען מיט אָפענעם שפּאַס, מיט פלעטנדיקן כװיזעק אָפּרעכענען זיך מיט די אַלע אײגנשאַפטן און אַלע װאַריאַציעס טאַקע פון יענעם אידישן טעאַטער, צו װעלכן ער, דער מ. אַ. ט., האָט אַ סאַך געמאַכט. מיט לעבעדיקן שפּרונג, מיט די קאַריקאַטור-האַװאַיעס פון די „פּינטעלעך" האָט דער מ. אַ. ט. געצילט אינעם גאַנצן אידישן קלייַנבירגערטום, װאָס האָט געשאַפן, געשפּינט און געשטיצט דעם בײַזרעװאָלוציאָנערן אידישן טעאַטער. װי פּרעכטיק איז שאַרזשירט די אומגעלומפּערטקייט, די פּענאָמענאַלע קולטורלאָזיקייט, דער פּאָרם- און טאָך-דאַלעס פונעם כּינקע-פּינקע-טעאַטער און „פּליאַסקע-דריגע"! װי צעברויזט-שפּילעװדיק איז אין דער ראָל פון „פּליאַסקע-דריגע" — זוסקין! — ראַשיק האָט זיך צעטאַנצט טעמפּפולע טעמפּקייט, די שװינדלענדיקע אינהאַלטלאָזיקייט און גראָבקייט פונעם אַמעריקאַניזירטן אידישן טעאַטער — אין „סאַראַ װיל אַ נעגער". טרעפן אין דער מיסטישער כּסידעס-דװייקעס פון דעם העברעאיסטיש-ציאָניסטישן „האַבימע" האָט זיך געשטעלט דעם ציל די „נאַכט באַם רעבן". רייך-פּאַרביקע, רעװאָלוציאָנער-פרײדפולע שפּיל האָט דער טעאַטער אַרײַנגעלייגט אין זײַן אָפּרו-פּאָרשטעלונג; די „דרײַ פּינטעלעך" האָבן באַװיזן, אַז אויך אין מיניאַטור-נומערן, אין לײַכטע קלייניקייטן קאָן דער טעאַטער געבן עכטע, טאַלאַנטפולע, מײַסטערישע קונסט.

באַװיזן זײַן קראַפט אין דער העלער פּאָלקס-שפּיל, אין דער גרויסער סאַטירע, אין דער גרויסער שטייפער קאָמעדיע און אין דער לײַכטער הומאָרעסקע — האָט דער מ. אַ. ט. געזוכט די װעגן, װאָס זאָלן אים ברענגען צום אַנטפּלעקן זײַן קראַפט אין דער אידישער ט ר אַ ג ע ד י ע. אַלס ערשטער מאַטעריאַל אויפן דאָזיקן װעג האָט דעם טעאַטער געדינט פּערעצעס „באַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

פון פּערעצעס „באַנאַכט", דעם ניט-טעאַטראַלן פּאָעמע-פראַגמענט, האָט דער טעאַטער געשטעלט זיך דעם ציל צו שאַפן אַן אָפּגאַנג-געזאַנג, אַ לעװאיע-מיסטעריע דעם כאָרעװ-געװאָרענעם אידישן מאַטעריעלן און גײַסטיקן שטייגער, — אומגעהײַערע שטערונגען האָט דער טעאַטער באַדאַרפט בײַקומען. פון אַ טעקסט, װאָס באַשטייט פון 300 שורעס און בעסאַכאַקל 1000 װערטער, פון

אַ מאַסע, וואָס פאַרמאָגט בלויז צוויי הויפּט-העלדן: דעם האַמוין און דעם באַדכן, פון אַ ווערק, וואָס האָט ניט דעם געבוי פון אַ דראַמאַטיש ווערק, האָט דער טעאַטער באַדאַרפט שאַפן זיין פאָרשטעלונג. דאָ האָט זיך באַוויזן אין איר גאַנצער גרייס א. מ. גראַנאָווסקיס מאַיסטערשאַפט: „באַנאַכט“ איז אויסגעוואַקסן אָף דער בינע פון מ. א. ט. אין אַ פייערלעכער „אָפּלאַכונג-מיסטעריע“, אין אַ גראַנדיעזן אָפּרייס פון אַן אונטערגייענדיקער עפּאָכע. איינג פאַרבונדן מיט די גרויסאַרטיקע דעקאָראַציעס פונם מאָלער פאַלק, מיט דער אויסגעצייכנטער מוזיק פונם קאָמפּאָזיטאָר קריין און מיט דעם טראַגיקאָמיזם, מיטן ביטערן וויטיק, וועלכן ס׳האָט אַריינגעלייגט מיכאָעלס אין דער גלענצנד-טימוואָלישער ראָלע פונם באַדכען, וואָס שפּעט פון טויט און פון לעבעדיק — איינג פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַטאָרישער קראַפט פון א. מ. גראַנאָווסקי, איז „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק“ פאַרן טעאַטער געוואָרן אַ זיג אַפן בייקומען אויך די טראַגעדיע-פאָרם אין אידישן טעאַטער.

דעם מ. א. טעאַטערס ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען זיינען געווען: דאָס „X--טע געבאָט“ (לויט גאָלדפאַדענען), „כאַוועער שינדל“ („137 קינדערהייזער“ — א. וועוויאָרקעס), „טרואַדעק“ (לויט זשול ראָמען) און „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי“ (לויט מענדעלען, — די לעצטע פאָרשטעלונג אין סעזאָן 1926—1927).

דער טעאַטער האָט אַ לאַנגע צייט צוליב זיין אַרבעט באַנוצט בלויז דעם לעבנס-מאַטעריאַל פון דער אידישער שטעטלדיקייט, יענער שטעטלדיקייט, מיט וועלכער ס׳איז פאַרבונדן געווען ביז דער רעוואָלוציע און אויך אין דער רעוואָלוציע דאָס לעבן פון דער אידישער פאָלקס-מאַסע. אַנטפּלעקט און אונטערגעצויגן סצעניש אַ היפּשן סכום דערשיינונגען פון אָט דער אידישער שטעטלדיקייט, האָט דער מ. א. ט. מיט זיין פאָרשטעלונג „X-טע געבאָט“ (1926, צום 50-יאָריקן יובילייַ פון אידישן טעאַטער) אַ פּרואוו געטון דאָס ערשטע מאָל אַרויסרייסן זיך צו אַ ברייטערן שטייגער-פאַרנעם, צו דערשיינונגען, וואָס טרעטן אַריבער די ראַמען פון אידישן שטעטל, צו בילד און פּראָבלעם, וואָס זיינען קאָנקרעט-וועלטישער און קאָנקרעט-היינטיקער. דעמדאָזיקן פּרואוו האָט דער טעאַטער געמאַכט אין דער פאָרם פון אַ גלענצנדיקן אייראָפּייאישן רעוויו, אין דער פאָרם פון אַ שאַרפזיניקן טאָג-פּאַמפלעט. דער פּרואוו האָט זיך דעם טעאַטער ביז גאָר איינגעגעבן. פון גאָלדפאַדנס מאָראַלישער „לא תחמוד“-פּראָבלעם איז אין דער פאָרשטעלונג קיין שפּור ניט געבליבן, — דערשינען איז אַ געזאַנגפולע און אַ באַוועגונגפולע ׳שפּיל, וואָס כויזעקט פון ערד און הימל און היינטיקער קליינבירגערלעכער מאָראַל, אַ שפּיל, וואָס שפּעט גיפטיק פון דער דעגענערירטער היינטיקער אייראָפּע און אייראָפּייאישקייט, אַ שפּיל, וואָס גיט גלענצנד איבער די שטרעבונג פון אונזער צייט צו נייעם לעבנס-אינהאַלט און נייער לעבנס-פאָרם, די אַלגעמיינע קאָמפּאָזיציעס, די איינפאַכקייט און פאַרגאַנצטקייט פון דער אויסשטאַטונג

(אלטמאַן), די צעבּרויזטע לעבּנדיקייט פונם גאַנצן אַרטיסטן-קאָלעקטיוו, מיכאָעלס פּאַמפּלעטישער אכיטופל און זוסקינס גראָטעסקער יעיצערטויוו — האָבּן פאַרשיקערט דעם צושויער מיט פּילפאַרבּיקייט און שפּילעוודיקייט.

קעדייַ צוטרעטן צום הייַנטיקן שטייגער, דעם שטייגער פון דער אידישער פאָלקס-מאסע אין רעוואָלוציע, דעם שטייגער, וואָס האָט שוין לאַנג געפאָדערט (און פאָדערט אויך איצט), דער טעאַטער זאָל אים זייַן קינסטלערישע קראַפט שייַנקען, קעדייַ געבּן אַ הייַנטיקע אידישע רעוואָלוציאָנער-שטייגערישע פאָרשטעלונג—, האָט דער טעאַטער געזוכט אַ פּאַסיקע ליטעראַריש ווערק. דעם ערשטן פּרוּוו האָט דער טעאַטער געמאַכט אַף א. וועוויאָרקעס קאָמעדיע „כאַווער שינדל". דערדאָזיקער פּרוּוו איז דעם טעאַטער ניט גאָר געלונגען מאַכמעס דעם שלעכטן אויסוואַל פון דער פּיעסע, מאַכמעס דעם, וואָס „כאַווער שינדל" איז אַ בּיז-גאָר שוואַך ליטעראַריש-דראַמאַטיש ווערק, און ניט אימשטאַנד זייַנען געווען אופהייבּן, רעטן די ניט-געלונגענע פּיעסע ניט די אָנשטרייַנגונגען פונם מאַיסטער גראַנאָווסקי, ניט די אָנשטרייַנגונגען פונם קרעפּטיקן מיכאָעלס. „כאַווער שינדל" האָט פּרעטענדירט צו זייַן די אידישע „רעוויזאָר"-פּיעסע אין רעוואָלוציע-אומשטענדן, אין אידישער רעוואָלוציע-סוויסע, — געוואָרן איז ער עס נישט. פאַרבּליבּן איז „כאַווער שינדל" ווי דעם טעאַטערס אַן עקספּערימענט, וואָס פאָדערט ערשט אַנטוויקלונג און פאַרגאַנצטע קינסטלערישע פאַרקערפּערונג, געבּליבּן איז „כאַווער שינדל" אויך אַלס דערמאַנונג דער רעוואָלוציאָנערער אידישער ראַטן-ליטעראַטור אין איר כויוו פאַרן אידישן טעאַטער: געבּן אַן עכטע רעוואָלוציאָנערע אידישע פּיעסע פון נייַעם רעוואָלוציאָנערן מאַסן-לעבּן.

בּאַצאָלט, און ווי סע דאַרף צו זייַן בּאַצאָלט, האָט דער טעאַטער פאַר זייַן אָפּשטעלן זיך אַף אַ רעגע אין דער „כאַווער-שינדל"-פאָרשטעלונג — מיט די צוויי גלענצנדע פאָרשטעלונגען פון דער ערשטער העלפט פון יאָר 1927: „טרואַדעק" און „מאַסאָעס בּיניאָמין האַשלישי".

געמאַכט מיטן „X-טן געבּאָט" דעם ערשטן אַרויסטריט צו דער גרויסער קאָנקרעט-הייַנטצייַטיקער פאָרשטעלונג, דעם ערשטן אַרויסטריט צו אייראָפּע, האָט דער טעאַטער אין „טרואַדעק" געגעבּן אַ גרויסע ווערטפולע סאַטירע אַפן גאַנצן לעבּנס-אינהאַלט און לעבּנס-אָנהאַלט פון דער הייַנטיקער אייראָפּייאישער געזעלשאַפטלעכקייט. בּאַ דעם לינקן פראַנצויזישן שרייַבּער זשול ראָמען האָט א. מ. גראַנאָווסקי געפונען דעם פּאַסיקסטן מאַטעריאַל פאַר אַ פּלעטנדיקער סאַטירע אַף דעם בּורזשואַזן מאָראַל און האָט דעם מאַטעריאַל פאַרוואַנדלט אין אַ גלענצנדן ספּעקטאַקל, אין אַ דעמאָנסטראַציע פון הויכער ערשטקלאַסיקער טעאַטראַלער קולטור. אין דער פאָרם פון אַן עקסצענטרישער אָפּערעטע, וואָס איז בּאַקליידט אין רייַך-טעאַטראַליזירטע קאָסטיומען (נ. אַלטמאַן) און איז בּאַגלייט פון העכסט-ריטמישער מוזיק, פון שאַרפן טעקסט, פון עקספּרעסיווע בּאַוועגונגען און שיין-עפעקטן — האָט דער מ. א. ט. געגעבּן אַ פאָר־

שטעלונג פון גרויסן קינסטלערישן און סאָציאַלן באַטייט. פון אַלע מאָמענטן, פון אַלע בילדער, פון אַלע באַוועגונגען אין „טרויאַדעק" אָטעמט מיט גיפטיקער סאַציאַלער סאַטירע, מיט היינטצייטיקער פאָרשטעלונג פון טיפן באַנעם און ברייטן פאַרנעם.

אין „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי" האָט דער מ. א. ט. גרויסאַרטיק אָפּגעזעגנט זיך מיט דער אידישער שטעטלדיקייט, געבנדיק אין געשטילטע געזעגנונגס-טענער די דאָנקיכאָטישקייט, די טמימעסדיקע הילפסלאָזיקייט און באַגרענעצטקייט, די נאַאיווע טרוימערישקייט פון דער מענדעלישער אידישער שטעטלדיקייט. מיכאעלס און זוסקין האָבן דאָ מיט די האַרציקע געשטאַלטן פון ביניאָמינען און סענדערל די אידענע דערפולט די גאַלעריי פון די מאיסטערישע פיגורן, וועלכע זיי האָבן דעם טעאַטר געשיינקט. מיט דער גאַנצער פאָרשטעלונג האָט זיך דער מ. א. ט. דאָס לעצטע מאָל צונויפגעטראָפן מיט דער אידישער שטעטלדיקייט אף מער, זעט אויס, ניט אומקערן זיך צו איר אף, מיט דעם ווערטפול-קינסטלערישן, וואָס ער, דער טעאַטר, האָט פונם שטעטלדיקן פאָלקס-לעבן גענומען, אוועקלאָזן זיך צו ווייטערדיקע דערגרייכונגען אפן געביט פון אידישער רעוואָלוציאָנערער טעאַטר-קונסט.

אָט דאָס איז אין קורצן דער וועג פון דעם טעאַטרס זוכונגען און דערפאָלגן.

דער טעאַטר האָט ניט איינמאָל פאַר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ באַוויזן זיך, דורך רייזעס איבער די שטעט מיט געדיכטער אידישער ארבעטער-באַפעלקערונג, דעם אידישן ארבעטער-אוילעם, דער אידישער פאָלקס-מאַסע, און אומעטום. אין גאַנצן לאַנד זיינען באַוואוסט זיינע טאַלאנטפולע ארטיסטן, זיינע גלענצנדע פאָרשטעלונגען, די פיגורן און געשטאַלטן פונם טעאַטר. דער מ. א. ט. איז איינער פון די באַליבטסטע אידישע קונסט-געבייען בא דער אידישער אַרבעטערשאפט און ארבעט-אינטעליגענץ. דער שעם פונם טעאטרס דערגרייכונגען איז ווייט אריבער די גרענעצן פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפטלעכקייט, און ווייט אריבער די גרענעצן פון ראטן-פאַרבאַנד.

די אידישע ארבעטערשאַפט און די אידישע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ, די גרויסע צאָל פון ליבהאָבער און פאַרערער פון מ. א. ט. גלויבן אויך אין די ווייטערדיקע, קומענדיקע גלענצנדע דערפאָלגן און דערגרייכונגען פונם טעאַטר.

דער אידישער מעלוכע־טעאטר פון אוקראַינע.

I

די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט און דער אַלגעמיינער אופשטייג פון קולטור-באַדערפעניש באַ די אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס זיינען געקומען צום וואָרט אין דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע — אָט די צוויי וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געווירקט אַף דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער אידישער קולטור-אַרבעט אין ראַטן-פאַרבאַנד, האָבן געהאָלפן אויך דער גרינדונג פון דעם אידישן מעלוכע-טעאטר אַף אוקראַינע.

דער דאָרשט נאָך קולטור, וואָס האָט אין די יאָרן פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע אַרומגעכאַפּט אַזעלכע ברייטע שיכטן פון די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, האָט אַרויסגערופן צום לעבן אַ נייעם געברויכער פון רעוואָלוציאָנערער קונסט. דערפאַר האָט אין די יאָרן פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע אויך אונזער טעאַטר דורכגעמאַכט א וועג פון אומופהערלעכער פאַנאַנדערוויקלונג, פאַנאַנדערשפּרייטונג, וואוקס און באַרייכערונג. און אַלס אַ מאָמענט פון אט דער אומופהערלעכער אַנטוויקלונג איז געקומען אין סאָף 1925-טן יאָר אויך די גרינדונג פונם אידישן מעלוכע־טעאַטר אף אוקראַינע (אונטער דער אָנפירונג פון ע. לויטערן).

אַף דער גרינדונג פון א אידישן מעלוכע-טעאטר האָט מען אף אוקראַינע לאַנג געוואַרט. פון יאָר צו יאָר, ווען די גרעסערע שטעט פון אוקראַינע פלעגן מיט אזאַ באַגייסטערונג אופנעמען די באזוכן פונם מאָסקווער מעלוכישן אידישן טעאַטר, איז אַלץ מער געוואָקסן די באדערפעניש צו האָבן אַף אוקראַינע אן „אייגענעם" רעוואָלוציאָנערן אידישן טעאַטר, וואָס זאָל ניט קומען ווי א „גאַסט" אף א ווײַלע, וואָס זאָל קאָנען באדינען ניט נאָר צייטווייליק און ניט נאָר אין א קליינער צאָל שטעט די אויסגעוואָקסענע טעאַטר-באַדערפענישן פון דער אידישער אַרבעטער-מאַסע אַף אוקראַינע.

די באזוכן פונם מאָסקווער מעלוכישן אידישן טעאַטר האָבן דערוועקט אין דער מאַסע סאָוועטישע טעאַטר-באַזוכער ניט נאָר אן אויבנופיקן נייגיר. די באַדייטונג פון די באַזוכן פון גראַנאָווסקיס טעאַטר איז געווען א פיל גרעסערע. זיי האָבן פּאַקטיש באשאַפן אן אַרבעטער-אוידיטאָריע פארן אידישן רעוואָלוציאָנערן טעאַטר, אן אוידיטאָריע, וואָס טעאטר איז געוואָרן פאַר איר אַ באַדערפעניש. פאַרענטפערן דידאָזיקע באַדערפעניש מיט עטלעכע גאַסטראָלן פון מאָסקווע האָט זיך ניט געלאָזט. עס האָט זיך אויך ניט געלאָזט אַפילע דיינקען, אַז מע זאָל דידאָזיקע אַרבעטער-אוידיטאָריע קאָנען צופרידן שטעלן מיט אַזאַ קלוימערשט „אויסגעלייטישטן" רעשטל פון אַלטן אידישן טעאַטר, ווי דער קיעווער „קונסט-ווינקל". די באַדערפעניש אין אַ שטענדיקן רעוואָלוציאָנערן טעאַטר אַף אוקראַינע איז געבוירן געוואָרן אין דערזעלבער צייט, ווען עס איז געבוירן געוואָרן אין דער ברייטער אידישער אַרבעטער-מאַסע דער

געשמאַק צו נייער קונסט, צו יענער קונסט, וואָס גייט בעעמעס אונטערן צייכן פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַסן־קולטור. און אונטערן צייכן פון אָט דער קונסט האָט זיך געדאַרפט שטעלן גלייך פון זיינע ערשטע טריט אויך דער אידישער מעלוכישער טעאַטער פון אוקראַינע.

שוין גאָר באַם אָנהייב פון זיין עקזיסטענץ האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס פאַר א טעאַטער דאַרף זיין דער אידישער מעלוכע־טעאַטער פון אוקראַינע?

פאַר דעם ניי־געגרינדעטן אוקראַינישן טעאַטער איז דאָס געווען א באַזונדערס וויכטיקע פראַגע דערפאַר, ווייל דער גרעסטער טייל פונם טעאַטער־קאָלעקטיוו האָבן געבילדעט די סטודיאַנטן פון דער געוועזענער סטודיע „קולטור־ליגע”, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין קיעוו נאָך אין 1919־טן יאָר (פון 1922־טן יאָר—אין מאָסקווע), האָט דורכגעמאַכט א גאַנצע ריי טעאַטראַלע פּרואוון, זוכונגען, וואָס האָבן, געוויינלעך, געמוזט קומען אין באַטראַכט אין דעם מאָמענט, ווען ס'האָט געזאָלט באַשטימט ווערן דער וועג פונם ניי־געגרינדעטן טעאַטער.

די סטודיע „קולטור־ליגע” האָט אין דעם הינזיכט געהאַט שוין אַ היפּשע פאַרגאַנגענהייט. אף איר דורכגעמאַכטן וועג האָט זי געהאַט מאָמענטן פון באַגייסטערונג פאַר דעם שטרייננגן רעאַליזם פון סטאַניסלאַווסקיס שניט, באַגייסטערונג פאַר מייערכאָלדס „ביאָמעכאַניק” און גאָר אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט—אַפילע „מיסטישע פּרואוון” אַרום ביינוש שטיימאַנס „מאָשיעך בען יאָסעף”. ס'איז געווען אומפאַרמיידלעך, אַז איינצלנע שטריכן פון אָט דעם דורכגעמאַכטן וועג זאָל מען פּרואוון אריבערטראָגן אויך אין דעם געגרינדעטן אוקראַינישן מעלוכע־טעאַטער. אָבער זיין אייגנטלעכע „זעלבסטבאַשטימונג” האָט דער טעאַטער ערשט געדאַרפט דורכמאַכן אין העסקעם מיט דער נאָענטסטער אופגאַבע, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען: פאַרענטפערן די באַדערפעניש אין רעוואָלוציאָנערער אידישער טעאַטער־שפּיל אף אוקראַינע. שוין דאָס גופע, וואָס דער קאָלעקטיוו פון דער געוועזענער „קולטור־ליגע” האָט זיך צום ערשטן מאָל געדאַרפט באַגעגענען מיט א ברייטן אוילעם הייניקע, סאָוועטישע טעאַטער־באַזוכער, דער קאָנטאַקט גופע מיט דער ארבעטער־אוידיטאָריע פון אונזערע טעאַטערן האָט געקאָנט זיין די בעסטע גאַראַנטיע דערפאַר, אַז דער קאָלעקטיוו פונם נייעם טעאַטער וועט פון זיינע פריערדיקע ווידערשפּרוכיקע סימפּאַטיעס און פאַרלאַנגען מוזן אויסשמידן עפּעס גאַנצס, איינהייטלעכס און נייס.

ס'דאַרף נאָך דאָ באַמערקט ווערן, אַז אויסער די סטודיאַנטן פון דער געוועזענער „קולטור־ליגע” זיינען בעאייס דער גרינדונג פונם מעלוכע־טעאַטער אָנגענומען געוואָרן אַ טייל פּראָפעסיאָנעלע אידישע אַקטיאָרן. דערדאָזיקער טייל ווידער האָט, פאַרשטייט זיך, מיטגעבראַכט אין טעאַטער אריין זיינע געוווינהייטן און אינטערעסן, און דאָס האָט ניט פאַרגרינגערט דעם פּראָצעס פון זוכן די אייגענע, איינהייטלעכע פיזיאָנאָמיע פונם טעאַטער.

ס'איז קײן װאונדער ניט, װאָס די אַלע שװעריקײטן האָבן געלײגט א געװיסן שטעמפּל אַף די שריט פונם נײ-געגרינדעטן טעאטר.

אײניקע מאַילעס פונם נײעם טעאַטר האָבן זיך אָבער געלאָזט מערקן שױן פון די ערשטע אופירונגען, װאָס דער טעאַטר האָט באװיזן. פריער פאַר אַלץ—די איבערגעגעבנקײט צו דער נײער קונסט-פאָרם. דער נײ-געגרינדעטער טעאַטר האָט אין זײן ערשטער אופירונג „פורים-שפּיל" באַװיזן, אַז די אידישע רעװאָלוציאָנערע קונסט האָט דאָ אין אָט דעם מעלוכע-טעאַטר באַקומען נאָך אַן אָנהײבנגער פון א נײער פאָרם, פון די נײע קינסטלערישע טעאַטר-מעטאָדן. די גאַנצע האנדלונג אַף דער בינע, דער אױסװאל פון מוזיק, דעקאָראַציעס, (פון י. ריבאַק), די באַװעגונגען, די ראָל פון די מאַסן-סצענעס אין דער פאָרשטעלונג—דאָס אַלץ האָט אײדעס געזאָגט, אַז דער טעאטר װיל אָרגאַניש פאַרבונדן װערן מיט דער נײער רעװאָלוציאָנערער קונסט, מיט איר נאָך ניט גענוג פאָרמולירטן, אָבער דאָך שױן באװאוסטן טעאַטראַלן שטײגער. גראָד אין דער „פורימשפּיל", װאו ס'ליגט נאָך אזאַ גרױסע געפאר צו װערן עטנאָגראַפיש, צו לאָזן געװעלטיקן דעם קלײנשטעטלדיקן נאַטוראַליזם, גראָד דאָרט האָט דער טעאַטר באװיזן, אַז ער פאַרמאָגט דעם װילן צו רעװאָלוציאָניזירן דעם גאַנג פון דער פאָרשטעלונג, אָנהײבנדיק פון די אַרײנגעשטעלטע עפּיזאָדן, און אױסלאָזנדיק מיט פאַרשײדענע רײן-קינסטלערישע אױסדרוק-מיטלען. ניט אלץ איז אין דער פאָרשטעלונג געװען געלונגען, אָבער דער װילן צו באַהעפטן זיך אָן דער נײער רעװאָלוציאָנערער קונסט איז דאָ געװען אזוי אױסגעשפּראָכן, אז דאָס איז געװען דער בעסטער אָנזאָג פאַרן נײעם טעאַטר.

אין א צװײטער אופירונג „אין ברען"—האָט זיך געזאָלט אַרױסװײזן נאָך אײן װיכטיקע טענדענץ פונם נײ-געגרינדעטן טעאַטר: זײן װילן צו פאַרבינדן זיך מיטן מאַסאָװן צושױער דורך דער שילדערונג פון דער הײנטאָגיקײט, דורך א הײנטאָגיקער טעמע, סאָװעטישע געשטאַלטן—קורץ, דורך דעם אלעמען, װאָס אינטערעסירט ברײטערע ארבעטער-שיכטן. די פּיעסע „אין ברען" האָט לױט איר סוזשעט פאָרגעשטעלט דעם ערשטן פּרואװ פונם נײ-געגרינדעטן טעאַטר—װי דער ערשטער פּרואװ האָט ער געהאַט זײנע ספּעציפישע שװאַכע מאָמענטן—צו געבן דער אידישער בינע ניט נאָר דעם אָפּקלאַנג פון רעװאָלוציע, נאָר די רעװאָלוציע-געשעענישן גופא. די פּיעסע „אין ברען" האָט געשטויסן דעם טעאַטר-קאָלעקטיװ מיט א באזונדערער אופמערקזאַמקײט װענדן זיך צו דער ארומיקער סאָװעטישער װירקלעכקײט, זוכן אין איר געשטאַלטן און בילדער. און אָט די צװײ אײגנשאַפטן: די נאָענטקײט צו דער נײער קונסט-פאָרם, װאָס האָט זיך ארױסבאַװיזן אין „פורים-שפּיל", און די נאָענטקײט צו די געשטאַלטן פון הײנטאָגיקײט, װי דאָס האָט געזאָלט זיך באװײזן אין דער פּיעסע „אין ברען" — דאס האָט אין א היפּשער מאָס געקאָנט באַשטימען די פיזיאָנאָמיע פונם טעאַטר אינם ערשטן יאָר פון זײן עקזיסטענץ.

ווי-זשע זיינען דידאַזיקע צוויי וויכטיקע אייגנשאַפטן פּאראהיט געוואָרן אין די ווייטערדיקע פאַרשטעלונגען פונם אוקראַאינישן מעלוכע-טעאַטער? דערוף געפינען מיר אין אונזער פרעסע אַזאַ ענטפער: „די פיר פאַרשטעלונגען („פּו-רים-שפּיל", „אין ברען", „צוויי קוני-לעמלעך" און „שאַבסע צווי") זיינען געבויט אַזוי, אַז זיי בילדן אייגע מיט דער אַנדערער א ווינקל פון קימאַט גאַנצע 90°. סיי לויטן פאָרמעלן אינהאַלט-סימען (באַלאַגאַן, דראַמע, טראַגע-דיע, וואָדעוויל), סיי אין היגזיכט פון קונסט-פאָרם און סטיל (עכטע אַנסאַמב-לישע שפּיל פון קאָמעדיאַנטישן טיפּ, רעאַליסטישע שפּיל, גראָטעסק-שפּיל), סיי אין זין פון ווירקלעכן אינהאַלט—האָבן מיר א קאַלאָסאַלע פאַרשיידנאַר-טיקייט און אין אייניקע פאַלן אַפילע א געמיש פון עטלעכע פאָרמען און סטילן אין אופירונג. און ניט גאָר די קינסטלערישע אָנפירונג שפּרינגט לייכט איבער פון איין קונסט-פאָרם צו דער צווייטער, אויך דער אַרטיסט איז דערוויל אינגאַנצן פריי פון יעדער אויסוואַל. דער נעכטיקער פּאַיאַץ און קאָמעדיאַנט ווערט אליין א הימל-רייסער, אַ גאָט-באַקעמפער, די קימאַט אָפּע-רעטישע פרימאַדאָנע פון היינט פיגורירט מאָרגן אין א ראָל פון א גאָט-זו-כערן, פון א נאָווי א. א. וו....

...דער טעאַטער האָט געפּרואווט פון אַלע זייטן צוגיין צום צושויער, און דורך דעם איז אין פיל ערטער אַריינגעטראָגן געוואָרן א היפּשע דאָזע פון עקלעקטיזם, פון א צונויפמישן דאָס אַלטע מיט דאָס נייע, אַז ס'איז ניט קלאָר, וואָס און וואו איז שטאַרקער (אין דער פּיעסע „קוני-לעמלעך")...

(„רויטע וועלט" נום. 8—7, 1926 ז. 145).

ווי ריכטיק ס'איז ניט דידאָזיקע אָנווייזונג, דאַרפן אָבער דערמאָנט ווערן אויך די פאַרדינסטן, וואָס עס האָבן געהאַט די פיר פאָרשטעלונגען, וועלכע ווערן אָנגערופן אין די אויבנציטירטע שורעס.

דידאָזיקע פּיעסן האָבן געגעבן דעם טעאַטער-קאָלעקטיוו די מעגלעכקייט צו „פּרוּאוון די קויכעס", זוכן אין פאַרשיידענע געביטן די אָנווענדונג פון דער אַקטיאָרישער ענערגיע און אַדאַנק דעם האָט זיך ווירקלעך באַקומען א ריי טרעפלעכע געשטאַלטן און בילדער. דער יונגער קאָלעקטיוו האָט מיט אַ באַזונדערער פלייסיקייט און געטריישאַפט באַאַרבעט די מאַסן-סצענעס, די, אין וועלכע ס'דאַרף באַזונדערס הערן זיך דער אימפּעטפולער טעאַטער פון דער רעוואָלוציאָנערער טעאַטער-פאָרשטעלונג. אַדאַנק דער גרויסער אנשטריינגונג האָט זיך אין פיל מאָמענטן דעם אַקטיאָר איינגעגעבן צו באַהערשן די מאַסן-באַוועגונגען און מאַסן-רייד. ניט אַלעמאָל פאַרבלייבנדיק אָף דערזעלבער הייך, זיינען דידאָזיקע מאַסן-סצענעס אריין אינם אַקטיוו פונם יונגן טעאַטער, צוזאַ-מען מיט דער ריי טרעפלעכע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך איינגעגעבן די מער באַגאַבטע אַקטיאָרן.

געוויס דאַרף דערביי געגומען ווערן אין אַכט אויך די פּרוכטבארע ווירקונג, וואָס ס'האָט געהאַט אף דעם קאָלעקטיוו פון אוקראַאינישן אידישן טע-

אטר די טראַדיציע—מע מעג עס שוין זיכער אָנרופן: טראַדיציע—פון מאָסקווער מעלוכישן אידישן טעאַטר. געפינען זיך אונטער דידאַקטיקער ווירקונג וועט נאָך מיסטאָמע אף היפשע עטלעכע יאָר זיין אומפאַרמיידלעך פאַר יעדן נייעם טעאַטר-קאָלעקטיוו, פונוואַנען ער זאָל ניט קומען.

עס איז אָבער גוט, וואָס דידאַקטיקע ווירקונג איז פון די אַקטיאָרן פון אוקראַינישן טעאַטר מעכאַניש, ניט מעכאַניש, ניט אַפּן סקאַרבאָוון אויפן. און ווי נאָר אַזאַ מעכאַנישער ארט איבערנעמען באַווייזט זיך אַף א ווײַלע בײַ דעם אָדער יענעם אַקטיאָר, דערזעט מען באַלד ווי גרינג עס איז אנשטאט א נאָכפאָלגער צו ווערן א קאָרבן פונם מאָסקווער אידישן טעאַטר. דער אוקראַינישער קאָלעקטיוו האָט זיך פון דער געפאַר איינגעהיט.

II

ניט ווערן א קאָרבן פון פרעמדע ווירקונגען און אַקשאָנעסדיק זוכן דעם וועג צו זעלבשטענדיקייט, צו יענעם קינסטלערישן „אייגנס", וואָס זאָל קאָנען אויך ווערן דאָס „אייגנס" פון דער אידישער ארבעטער-אודיטאָריע— אָט מיט דעם אָנזאָג איז דער אידישער מעלוכע-טעאַטר פון אוקראַינע אַריינגעטראָטן אין צווייטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ. עס איז זעלבסטפארשטענדלעך, אַז איבערגיין צום צווייטן „סעזאָן" האָט געהייסן נעמען אַף זיך מער אַכראַיעס, איידער אינם ערשטן „סעזאָן", וואָס איז סאָפּקאָלסאָף געווען דאָך א „פראָבע-סעזאָן". ס'איז נייטיק געווען שאַפן א פאַסיקן רעפּערטואַר, אויסגעפינען די קינסטלערישע פיזיאָנאָמיע פון יעדן אַקטיאָר באַזונדער און פונם קאָלעקטיוו, אַלס גאַנצעס—קורץ, ס'איז נייטיק געווען אָנטאַפּן די ליניע פאַר ווייטערדיקער וואוקס און אַנטוויקלונג. איינע פון די צענטראַלע אופגאַבן איז געווען: גויוער זיין דעם עקלעקטיזם, וועגן וועלכן עס האָט דערמאָנט שוין אונזער פרעסע.

האָט דער טעאַטר דאָס באַוויזן אופצוטון אין צווייטן סעזאָן? די וויכטיקסטע פאָרשטעלונגען פון צווייטן סעזאָן—„זאגמוק" און „קוימענקערער"— באַווייזן, אַז אָט די גרונט-אופגאַבע—דער קאַמף מיטן עקלעקטיזם—איז טיילווייס געלייזט געוואָרן.

דאָס קאָן מען זען אַפילע אין „זאגמוק". מיר זאָגן „אפילע", ווייל „זאָגמוק", אַלס אַ פיעסע מיט העראָישע מאָטיוון, וועט, קענטיק, דאָך ניט גילטן אף ווייטער, ווי דער וועגווייזער פונם טעאַטר אין אוקראַינע. און דאָך האָט דידאַקטיקע פיעסע באַוויזן אַ היפשן שריט פאָרויס. אין פארגלייך מיט „שאבסע צווי", וואו די „העראָיק" איז אידעאָלאָגיש ניט מאָטיווירט, וואו זי האָט ניט אין זיך קיין שום סאָציאַלן אינהאַלט, קיין שום סאָציאַלן קאָנפליקט, איז די פיעסע „זאגמוק" געווען א מער-געלונגענער פרואוו צו קאָנקרעטיזירן דעם דראנג צו העראָישע מאָטיוון, וואָס איז גאַנץ נאַטירלעך אין כאַרקאָווער

טעאַטער, א טעאטער מיט א יונגן קאָלעקטיוו. „זאגמוק" איז געווען א פּרואוו צו גיין אין וועג פון סאָציאַלער טראַגעדיע, די פאָרשטעלונג „קוימענקערער" האָט אָבער באַוויזן, אז דער וועג פונם כארקאָווער טעאַטער ליגט גיכער אין געביט פון סאָציאַלער קאָמעדיע. און דערפון האָט זיך גענומען, וואָס די פאָרשטעלונג „קוימענקערער" — אויסערלעך אן אָרעמערע אין סצענישע עפעקטן—האָט אזוי פיל געוואונען.

בא א יונגן טעאַטער טרעפט זיך אָפט, אז א פּיעסע געווינט דערמיט, וואָס זי טרעפט אין פּינטל, זי העלפט אָנטאַפּן דעם אויסגאַנג-פונקט פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט פונם טעאַטער, און אין דער הינזיכט האָבן די „קוימענקערער" גוט צוגעדינט דעם נייעם טעאַטער.

אן איבעראַרבעטונג פון י. גאָרדינס „כאַסיע די יעסוימע", פאַרמאָגט די פּיעסע מאַטעריאַל פאר אַ נישקאָשעדיקן טעאַטראַלן פּרימיטיוו, אָן איבערגע-טריבענע עפעקטן, אָן יענער באַנאַלער פאַמיליענדראַמע, וואָס האָט שטענדיק פאַרדאַרבן גאָרדינס א זאַך.

די „קוימענקערער" לאָזט זיך גוט אויסנוצן אַף דער בינע. דאָ איז פאַ-ראַן מאַטעריאַל פאר קאָמעדיע, פאר לייכטע זשאַנר-בילדער, באַזונדערס אין דער שילדערונג פון די היינטיקע, סאָוועטישע געשטאַלטן. אָבער די געזונטע שילדערונג פונם סאָוועטישן לעבנשטייגער איז ביכלאַל אזא איניען, צו וועלכן דער טעאַטער דאַרף זיין רעכט צוגעגרייט. דאָ ווערן אַזוי אָפט און אזוי גע-שמיידיק איבערגערוקט די פלאַכן פון דער שילדערונג, די לעבנפאַרהעלטע-נישן זיינען דאָ אזוי ווייט פון שאַבלאָן, אַז דאָ פאָדערט זיך דער מאַקסימום וואַכזאַמקייט, קעדיי ניט פארוואַנדלען דאָס סאָוועטישע שטייגער-בילד אין דאָס, וואָס מיר רופן „סאָוועטישער אַנעקטאָד".

די אופירונג פון אידישן מעלוכישן טעאַטער האָט זיך פון אָט דער גע-פאַר איינגעהיט, זי האָט פארשטאַנען, ווי צו איינהאַלטן זיך בא דער נאַטיר-לעכער מאָס פון קאָמיזם. עמעס, אייניקע פיגורן זיינען אין דער פּיעסע צו-פיל „פאַרזיסט", אָבער דאס איז שוין ניט די שולד פונם טעאַטער, אין אלגע-מיין האבן די „קוימענקערער" אופגעמישט א ניי בלעטל אין דער אַרבעט פונם אוקראַינישן אידישן טעאטער. די פאָרשטעלונג האָט באוויזן, אַז דער טע-אַטער פארמאָגט א געזונטן כוש צום נייעם לעבנשטייגער און האָט א גאַנצע ריי אַקטיאָרן, וואס קאָנען אף זיך נעמען די פאראַנטוואָרטלעכע אַרבעט צו פאַרקערפּערן די „פריש-צאַפּלדיקע" פערסאָנאַזשן פון אונזער סאָוועטישער ווירקלעכקייט.

אין „קוימענקערער" פילט זיך מער ווי אין אַלע פאָרשטעלונגען פונם כאַרקאָווער טעאטער דער לעבעדיקער קאָנטאַקט צווישן דעם טעאַטער-קאָלעקטיוו מיט אונזער היינטיקן פּובליקום, מיט דעם אַרבעטער-אוי-לעם, וואָס נעמט גוט אוף די געזונטע אקטיאָרישע שפּיל, אירע טרעפלעכע איינפאלן און גריינגן, ניט „אויסגעמוטשעטן" קאָמיזם. עס פילט

זיך אין דעם ספעקטאקל א געזונטע אקטיאבּרישע אטמאָספער, אַן אטמאָספער פון פרייער, גיט-געבונדענער אַקטיאָרישער איניציאטיוו, און דאס איז דאך דאָס בעסטע, וואס דער כּאַרקאָווער טעאטר פארמאָגט.

דער צווייטער סעזאן האט באַדייטנדיק פארברייטערט די אוידיטאָריע פונם מעלוכישן אידישן טעאטר פון אוקראינע. די גאַסטראָלן אין אָדעס, קיעוו, באַרדיטשעוו, וויניצע, טשערקאַס באַווייזן, אז די אידישע אַרבעטער-אוידי-טאָריע באַציט זיך מיט דער גרעסטער אופמערקזאַמקייט צום נייעם טעאטר, זי איז גרייט אָפּצורופן זיך אף יעדן נייעם פּרואוו, אף יעדער עכטער אופּי-רוגג פונם רעוואָלוציאָנערן אידישן טעאַטר.

דער קאָנטאַקט צווישן דעם טעאטר און דער אידישער אַרבעטער-מאַסע איז געזיכערט.

און דאָס איז דער בעסטער סאַכאַקל פאר דער ביזאַהעריקער עקזיסטענץ פונם נייעם טעאַטר.

דער אידישער מעלוכע־טעאטר פון ווייסרוסלאנד.

I

דער אידישער מעלוכע-טעאַטר פון ווייסרוסלאַנד (מינסק) איז דאָס אינגסטע קינד פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער טעאַטר-קונסט אין ראַטנפאַרבאַנד. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין האַרבסט 1926 און האָט בּא היינטיקן טאָג הינטער זיך נאָך גאָר א קורצן אַנטוויקלונג-וועג, אלס א טעאַטר. ער האָט אָבער פריער דורכגעמאַכט א זייער אינטערעסאַנטן וועג פון 4־יעריקער סטו-דיע-אַרבעט, וואָס מוז גענומען ווערן אין באַטראַכט, ווען מע רעדט וועגן דעם אידישן מעלוכע-טעאַטר אין ווייסרוסלאַנד (פון קורצקייט וועגן וועלן מיר אים רופן: מינסקער טעאַטר).

אין דער סטודיע-אַרבעט פון דעם מינסקער טעאַטר האָט זיך זייער בּוילעט אויסגעדריקט אונזער נייער צוגאַנג צו אידישער טעאַטר-קונסט, א צוגאַנג, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט נאָר אין די יאָרן פון אָקטיאַבּר-רעוואָלוציע, אונטער דער דירעקטער ווירקונג פונם מאָסקווער מעלוכישן אידישן טעאַטר. די אידישע טעאַטר-קונסט אין ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך פירגענומען איינמאָל פאַר אלעמאָל באַפרייען זיך פון ליבּהאָבערישע אימפּראָוויזאַציעס, פון דילעטאַנטישער אויבּנ-אויפיקייט, פון יענער גאַנצער סיסטעם פון גליקלעכע — און דאָסראָוו אומגליק-לעכע — צופאַלן, אף וועלכע עס האָט זיך געזאָלט בּויען דער „בעסערער" אידישער טעאַטר פון דער פאַרעוואָלוציאָנערער טקופע. די נייע רעוואָלוציאָ-נערע קונסט אונזערע האָט בעעמעס באַוויזן, אז איר גרונט-פּרינציפּ איז די ציילבאַוואוסטע, אידעאָלאָגיש-אויסגעהאַלטענע און קינסטלעריש אויסגערעכנטע

טעאַטער-שפּיל, וואָס קאָן אויסגעפירט ווערן נאָר דורך דעם דיסציפּלינירטן, אויסגעשולטן אַקטיאָר. אינם באַגריף פונם נייעם „סאָוועטישן" אידישן אַקטיאָר איז דער עלעמענט פון אויסגעשולטקייט אריינגעגאנגען ניט ווי א נעבנזאַך, נאָר ווי דאָס וועזנטלעכע, וואָס באַשטימט דעם ווערט פון דעם אָדער יענעם אַקטיאָר, פון דער אָדער יענער שפּיל. און אָט דער פּרינציפּ פון אונזער רע-וואָלוציאָנערער טעאַטער-קונסט איז געלייגט געוואָרן אין גרונט פון דער פריע-ריקער סטודיע-אַרבעט, וואס עס האָט דורכגעמאַכט דער מינסקער טעאַטער.

„עס קאָן אויסוויזן ווי אן אַנעקדאָט — דערציילט אין זשורנאַל „שטערן" ל. ליטווינאָוו — אן אַקטיאָר פון מינסקער טעאַטער — איינער אן אַרטיסט ראַ-פּאַלסקי, וואס האָט, עמעס, געהאַט א גאַנץ גרויסע טעאַטראַלע פּאַרגאַנגענ-הייט, האָט אופגעזאַמלט א קליין גרופּקעלע קינדער אין עלטער ביז 18 יאָר און האָט באַשלאָסן צו שאַפן א מעלוכישן אידישן טעאַטער פון ווייסרוסלאַנד דורך אָרגאַניזירן א סטודיע אין מאָסקווע. אלס קערן פון דערדאָזיקער סטודיע שיינען אים צו זיין... 5—6 מינדעריעריקע. וואָלט דאָס געווען ניט אין 1922 י., נאָר, צום ביישפּיל, אין 1912-טן יאָר, וואָלט פון דערדאָזיקער ענטוזיאַסטישער אויסטראַכטעניש גאָרניט ארויס. אָבער דאָס 1922-טע יאָר, די באַדינגונגען פון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק און די אויסשליסלעכע ענערגיע פונם אָנפירער האָט אריינגעבלאָזן לעבעדיקן אָטעם אין דער זאַך, וואָס טראָגט איצ-טער דעם נאָמען „ווייסרוסלענדישער אידישער מעלוכע-טעאַטער". אין פעוראַל 1922 זיינען 8 קינדער אין דער שפּיץ מיט ראַפּאַלסקין קאָמאַנדירט געוואָרן קיין מאָסקווע, אלס די אידישע סעקציע פון ווייסרוסלענדישן מעלוכע-אינסטי-טוט פאר טעאַטראַלער קונסט".

ווען מע לייענט אין דעם אָקאָרשט-ציטירטן אַרטיקל פון ל. ליטווינאָוו וועגן די עטאַפּן, וואָס עס האָט נאָכדעם דורכגעמאַכט דער „צופעליק"-אופגעבויטער מינסקער טעאַטער אין די 4 יאָר פון זיין סטודיע-אַרבעט, זעט מען, ווי הויך עס איז אויסגעוואַקסן אונזער טעאַטראַלע קולטור, ווי קאַטעגאָריש זי שטעלט אירע פאָדערונגען און ווי אומפאַרמיידלעך עס איז דידאָזיקע פאָדע-רונגען צו שטעלן אין דער נייער אַטמאָספער פון אונזער אָקטיאַברשער טע-אַטער-קונסט.

ניט אומזיסט האָט דאך די „מינסקער סטודיע" געפונען זיך אין מאָסקווע — אין דער שטאָט, וואו דער שטענדיקוואַכער באַוואוסטזיין פון דער רעוואָלו-ציאָנערער קונסט האָט פון יאָר צו יאָר געזוכט און געפונען נייע וועגן. ניט קלענער איז אויך געווען די באַדייטונג פון דעם, וואָס דאָ, אין מאָסקווע, האָט די מינסקער יוגנט געקענט סיסטעמאַטיש באַווירקט ווערן פונם מאָסקווער אי-דישן מעלוכע-טעאַטער, וואָס האָט גראָד דעמאָלט אָנגעהויבן באַווייזן זיין גרוי-סע סינטעטישע קונסט.

פון די פאָרשטעלונגען, וואָס דער מאָסקווער אידישער מעלוכע-טעאַטער האָט באַוויזן, האָט מען זיך ניט נאָר געקענט אַראָפּנעמען א „מוסטער". דאָ

איז פאַר דער מינסקער טעאַטראַלער „יוגנט״ געווען א גרויסאַרטיקע שול, מיט פאַרטיקע מעטאָדן, מיט קלאָר-אויסגעשפּראָכענע געזעצן פון רעוואָלוציאָנערער טעאַטער-שפּיל. עס פאַרשטייט זיך, אז ניט געקוקט אף דער גינסטיקייט פון אָט דער „שכיינעס״ האָט דאָ געקענט שטעקן אויך א געוויסע געפאַר, די געפאַר, אז די ווירקונג פון גראַנאָווסקיס טעאַטער זאָל ניט אונטערדריקן די אייגענע איניציאַטיוו, דעם אייגענעם שאַפונג-ווילן פון דער יונגער טעאַטער-סטודיע. אף דער געפאַר האָט נאָך גאָר פרי געמומען אָנווייזן די קריטיק.

„דער מעלוכישער אידישער טעאַטער — האָט געשריבן י. נ. דאָלבער אין זאַמלבוך „נייערד״ — האָט געוויזן די מאַיסטערישע אַרבעט, אין וועלכער מע קאָן שטענדיק געפינען דעם אויסגעהאַלטענעם טעאַטער-געזעץ, אָבער דאָס איז דאָך געגעבן געוואָרן ניט דורך טעאָריע, נאָר דורך אַרבעט. און די יונגע ווייסרוסלענדישע סטודיע האָט אפן וועג צו באַהערשן אָט דעם נייעם טעאַט-ראַלן געזעץ אָפּטמאָל געמומען באַם מעלוכישן אידישן טעאַטער ניט נאָר זיין טעאָריע, נאָר אויך זיין פּראַקטיק, דעם אים אַליין געהערנדיקן אייגנאַרט פון סטיל און קינסטלערישער פאָרם. אָבער דער יונגער קאָלעקטיוו, וואָס האָט פאַרמאָגט אסאך שפּילעוודיקע קראַפט און יוגנטלעכע איניציאַטיוו, האָט שוין גאָר גיך געמומען אַריינטריפן אין דער אָנפאַנגערישער בילדונג-אַרבעט אייגענע פונקען, אייגענע קונסט-שפּריצן״.

אין גאַנג פון איר בילדונג-אַרבעט האט די מינסקער סטודיע צוגעגרייט אין די יאָרן 1924—1926 א גאַנצע ריי פאָרשטעלונגען, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן „כיידער״. דער טעקסט פון „כיידער״ איז געשאַפן פון א קאָמבינירטן מאַטעריאַל, וואָס איז געמומען געוואָרן באַ שאָלעם-אַלייכעמען, לינעצקין און אַנדערע ווערק פון דער עלטערער אידישער ליטעראַטור. די אופגאַבע איז דאָ געווען צו געבן א מין אַגיטאַציע-פאָרשטעלונג, א טעאַטראַלן פּלאַקאַט, אויס-געהאַלטן אין די געמישטע טענער פון שאַרפן גראָטעסק און יוגנטלעכן האַלב-אידילישן קאָמיזם. די יונגע סטודיאַנטן האָבן באַוויזן זייער גוט אויסצופירן זייערע ראָלן. דער ספּעקטאַקל, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין ווינטער פון 1924, האָט געבראַכט דעם ערשטן גרוס פון א וואַקסנדיקער טעאַטראַלער יוגנט, וואָס האָט נאָך אין גאַנג פון איר סטודיע-אַרבעט באַוויזן דורכצודרינגען זיך מיט די וויכטיקסטע געבאָטן פון רעוואָלוציאָנערער קונסט.

ניט אָפּרייסנדיק זיך פון איר גרונט-אַרבעט, וואָס איז געפירט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון די בעסטע מאָסקווער טעאַטער-קינסטלער, האָט די סטודיע לאַנגזאַם אָבער זיכער געשפּאַנט אפן וועג צו אייגענער זעלבשטענדי-קייט, געזוכט איר סטיל, איר אן אייגענעם רעפּערטואַר. אַזוי, צום ביישפּיל האָט די סטודיע אַריינגעמומען אין איר רעפּערטואַר מאָליערן, שעקספּירן. זי האָט ביכלאַל געשטרעבט פּאַראַלעל מיט דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט, וואָס האָט זיך געשטעלט די אופגאַבע אלזייטיק צוצוגרייטן דעם נייעם אַקטיאָר, געבן אים די מעגלעכקייט אויך אין דער קאָנקרעטער סצענישער אַרבעט דורכ-

פירן דעם פּרינציפּ פון אַלזייטיקער צוגרייטונג. די אופירונג פון מאָליערס „סקאַפּען" האָט געגעבן דעם יונגן סטודיאַנט א שטויס צו פאַרטראַכטן זיך אָף דער אייגנאַרט פון דער „אידישער" און „ניט-אידישער" פּלאַסטיק, אָף די קינסטלערישע מיטלען, מיט וועלכע עס איז מעגלעך פון איין „ספּעציפיק" — פון „כיידער" איבערגיין צו א צווייטער — אָבער שוין גאָר א דיאַמעטראַל קעגנ-זעצלעכער, „ספּעציפיק" — צו מאָליערס קאָמעדיע-שטייגער. באַהערשן מאָל-יערס דיאַלאָג, געפינען דעם פּאַסיקן „מענטשלעכן מאַטעריאַל" פאַר די עקסצענ-טרישע געשטאַלטן זיינע, איינזאַפּן אין זיך די לופט פון „פאַרשטעלטקייט", וואָס אָטעמט פון יעדער סצענע באַ מאָליערן — דאָס איז געווען אַן אופגאַבע — פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט — גאָר א דאַנקבאַרע. און די סטודיע האָט — ניט געקוקט אָף אייניקע כעסרוינעס פון דער פאָרשטעלונג — די אופגאַבע פון דער „סקאַפּען"-פאָרשטעלונג באַוויזן צו אויספירן גאַנץ באַפרידיקנדיק.

אויסער מאָליערס „סקאַפּען" האָט די סטודיע געפּרואווט געבן אויך א פאָר-שטעלונג פון שאָלעם-אַלייכעמס „מענטשן". אָבער דאָסמאָל איז דער פּרואוו ניט געלונגען. די יונגע סטודיע האָט ניט געפונען קיין אייגענעם וועג צו שאָ-לעם-אַלייכעמען. זי האָט אָבער ניט געוואָלט אויך איבערכאַזערן דאָס, וואָס איז שוין געגעבן געוואָרן פון גראַנאָווסקיס שאָלעם-אַלייכעם-פאָרשטעלונגען, און די אופירונג פון „מענטשן" איז געבליבן שטעקן אפן מיטן וועג צווישן אייגנס און פרעמדס. אין אַקטיוו פון דער סטודיע איז אַלנפאַלס דער ספּעק-טאַקל ניט אריין.

II

ווען מע גייט איבער פון דער סטודיע-פּעריאָד צו דער טעטיקייט פון מינס-קער טעאַטער, שוין אלס טעאַטער, מוז מען געדיינקען, אז ווערן פון א סטודיע א טעאַטער באַטייט אין אונזער צייט אזוי גוט ווי אָנהייבן פונדאָסניי. אויב אַפילע די געוועזענע „סטודיע" האָט געקאָנט מיינען, אז זי איז אָף א לייגגע-רער צייט באַוואָרנט מיט רעפּערטואַר, מיט אויסגעפּורעמטע מעטאָדן — האָט דאָך דער איבערגאַנג פון מאָסקווע קיין מינסק, פון דעם פאַרשלאָסענעם סטודיע-אינ-טערנאַט צו אַ שטענדיקן טעאַטער געהאַט אזויפיל צו זאָגן פאַר דער ווייטער-דיקער אַנטוויקלונג פונם טעאַטער, אז דאָ האָט זיך געפאָדערט נאָך א מער אָנגעשטריינגטע אַרבעט, נאָך מער איניציאַטיוו און ציילבאַוואוסטקייט, ווי פריער.

מינסק — אַ שטאָט מיט אן אָנגעזעטיקטער פּראָלעטאַרישער אידישער סווי-ווע, — האָט, פאַרשטייט זיך, פון טכיילעס אָן געגומען שטעלן זיינע פאָדערונגען. ווי פאַר יעדן נייעם טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד, איז אויך פאַר דעם מינסקער אידישן טעאַטער פריער פאַר אַלץ אופגעשטאַנען די פראַגע: ווי אזוי צו שאַפן פאַר זיך אן אייגענע אַרבעטער-אוידיטאָריע? עס איז נייטיק געווען ניט נאָר געפינען דעם „בלינדן" קאָנטאַקט מיט דעם סאָוועטישן טעאַטער-באַזוכער, נאָר

אויך שאַפֿן דעם לעבעדיקן אינהאַלט פֿאַר אָט דעם קאָנטאַקט, אַזוי אַז דער אַרבעטער זאָל וויסן, וואָס ער האָט צו דערוואַרטן פֿון זיין טעאַטער און מיט וואָס איז עסווירקלעך ז יי ן טעאַטער.

פֿראַגן פֿון רעפּערטואַר, פֿראַגן פֿון נייעם געשמאַק, וואָס האָט זיך שוין דייטלעך אויסגעקריסטאַליזירט אין אונזער אַרבעטער-אוידיטאָריע, פֿראַגן, ווי אַזוי אָט דעם געשמאַק צו באַפֿרידיקן און אויך ציען מיט זיך ווייטער, פֿאַרפֿולקומענען, פֿאַרטיפֿן אים — אָט די אַלע פֿראַגן האָבן זיך אומפֿאַרמיידלעך געמוזט שטעלן פֿאַרן נייעם טעאַטער.

די ערשטע אויפֿפֿירונגען, וואָס דער טעאַטער האָט געגעבן נאָך זיין איבערפֿאָרן קיין מינסק, האָבן באַשיימפּערלעך באַוויזן, אַז דער געוועזענער סטודיע-רעפּערטואַר נייטיקט זיך אין אַ באַנייאונג און באַרייכערונג דערהויפּט דורך נייע פּיעסן, וואָס זאָלן שילדערן די היינטאָגיקייט, די ווירקלעכקייט פֿון אונזערע טעג. דער טעאַטער האָט גלייך נאָך זיין קומען קיין מינסק גענומען גרייטן אַ ריי נייע פּיעסן, ווי „הירש לעקערט" פֿון א. קושניראָוו, „נ. באַטווין" — פֿון א. ווערוויאַרקע. ער האָט אָבער ניט איבערגעריסן זיין אַרבעט אַף דער קלאַסישער דראַמאַטורגיע: פֿון די אידישע קלאַסיקער האָט דער טעאַטער אויפֿגעפֿירט פּערעצעס „אין פּאָליש אַף דער קייט" און שאָלעם-אַלייכעמס „אַ יאָנטעוו אין קאַסרילאָווקע" — אַן איבעראַרבעטונג פֿון „צוויי שאַלאַכמאָנעס", „קעניג אַכאַשווייראָש" א. א. וו. די אויפֿפֿירונג פֿון פּערעצעס „אין פּאָליש אַף דער קייט" האָט פֿאָרגעשטעלט גאָר אַ היפּשע שוועריקייט פֿאַרן יונגן טעאַטער.

„פּערעץ איז געווען דער אַלטער טרוים פֿון דער סטודיע" — דערציילט דער פֿריער-ציטירטער ל. ליטווינאָוו. דערציילנדיק, ווי פּערעץ האָט געצויגן דעם קאָלעקטיוו פֿונעם מינסקער טעאַטער, ווייזט ל. ליטווינאָוו אָן, אַז דערביי האָט פֿיל אויסגענומען בא די יונגע אַקטיאָרן די מעלאָדיק פֿון פּערעצעס ריידנסאַרטן, דער פּאָעטישער שלייער, וואָס רינגלט אַרום פּערעצעס געשטאַלטן. דערביי האָט דעם טעאַטער געצויגן אויך „די פֿאַרפֿירערישע" אויפֿגאַבע אויפֿצודעקן די סאָציאַל-נאָענטע עלעמענטן (פֿיגורן ?), וואָס שלאָגן זיך דורך דורך דער ביינאַשמאָשעסדיקער פּערעצעס וועלט-באַנעמונג.

אויספֿירן „די פֿאַרפֿירערישע אויפֿגאַבע", אַף וועלכער עס ווערט דאָ אָנגעוויזן, האָט גראַדע ווייניקער ווי אַלץ זיך איינגעגעבן דעם טעאַטער. די „סאָציאַל-נאָענטע" פֿיגורן פֿונעם לעצטן אַקט, וואו עס באַווייזן זיך סימוואָליזירטע מאַסן-געשטאַלטן פֿונעם אַרבעט-פֿאָלק, פֿאַרבלייבן סאָפֿקאָלסאָף ניט מער ווי סטאַטיסטן אין דעם ספּעקטאַקל. זייער „סימוואָלישער" דערשיינען אַף דער בינע, — האַגאַם עס בייט זיך דערביי די באַלייכטונג, די מוזיק און דער ריטם פֿון די באַוועגונגען — קאָן דאָך ניט פֿאַרבלייבן מער, ווי אַ זייטיקער עפּיזאָד, וואָס ענדערט ווייניק-וואָס אין דער סצענע. דער אַפּצאָל דער „היינטאָגיקייט" איז אַרויס זייער שוואַך און געקינסטלט. דערפֿאַר אָבער איז פֿאַראַן פֿיל ווערטפֿולס אין דער שילדערונג פֿון פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין

דער פֿאָרשטעלונג. דער גרעסטער טייל פֿון פּערעצעס פּערסאָנאַזשן האָבן באַקו-מען בלוט און פֿלייש, זיי האָבן זיך באַוויזן מיט דער גאַנצער אויסגעשפּראָכנ-קייט פֿון זייער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג.

אין דעם ספּעקטאַקל פֿילט זיך טיילמאָל א געוויסע וואַקלעניש צווישן דעם „פּאָעטישן שלייער“, וואָס ציט די יונגע אַקטיאָרן צו פּערעצן, און דעם סאַר-קאַסטישן וואָרט פּערעצעס, וואָס פֿאַרוואַנדלט אָפֿטמאָל דאָס בילד אין א גראָ-טעסק. צווישן אָט די צוויי־ערליי אויפֿפֿאַסונגען וואַקלט זיך נאָך די פֿאָרשטע-לונג, באַזונדערס די אינטערפּרעטאַציע פֿון דעם הויפּט-געשטאַלט — דעם זיינדיקן. איבער אָט דער וואַקלעניש פֿאַלט דער „זינדיקער“ אפֿילו מאָמענטנווייס אריין אין א שיר-שיר ניט מעלאָדראַמאַטישן טאָן. אָבער עס זעט זיך, אז מער שטייף ווערט דער קויעך פֿון דעם אַקטיאָרן-קאָלעקטיוו אין די שאַרפֿע, רעאַליסטיש-גראָטעסקישע עפּיזאָדן.

אין אַלגעמיין האָט די פֿאָרשטעלונג געוויזן, אז דער יונגער טעאַטער האָט נאָך זיין יוגנטלעכע בייגקשאַפֿט נאָך א „פּאָעטישן שלייער“ ניט גרינגער געוואָרן, און באַפֿרייען זיך דערפֿון — איז איינע פֿונעם טעאַטערס דרינגענדסטע אויפֿגאַבן.

א שריט צו אָט דער באַפֿרייאונג שטעלט מיט זיך פֿאָר די פֿאָרשטעלונג „א יאָנטעוו אין קאַסרילעווקע“. דעם טעאַטער האָט זיך געוואָלט אָנטאַפּן יענעם פֿריידיקן קוואַל, וואָס שלאָגט באַהאַלטענערהייט אונטער שאָלעם-אַליכעמס הו-מאָר. די פֿאָרשטעלונג ווערט געגעבן מיט א היפּשער מאָס קאַרנאַוואַל-מאָטיוון, וואָס ציען אריין אין דער האַנדלונג דאָס גאַנצע שטעטל, דעם גאַנצן שטעטל-דיקן לעבנשטייגער.

אין דער פֿאָרשטעלונג האָט דער טעאַטער באַוויזן, אז ניט געקוקט אויף דער ניט-געלונגענקייט פֿון דער ערשטער שאָלעם-אַליכעם-פֿאָרשטעלונג — „מענטשן“ — וויל נאָך דער יונגער טעאַטער ניט אָפּזאָגן זיך פֿון דער באַדייטונגספֿולע אויפֿ-גאַבע צו געפֿינען אן אייגענעם וועג צום גרעסטן מאַיסטער פֿון אידישן וואָרט — צו שאָלעם-אַליכעמען.

דאָס ערשטע יאָר פֿונעם מינסקער טעאַטער האָט מיט א באַזונדער שאַרפֿקייט אַרויסגעדרוקט פֿיל פֿראַגן און פּראָבלעמען, וואָס שטייען איצט פֿאַרן אידישן רעוואָלוציאָנערן טעאַטער איבערהויפּט: פֿראַגן פֿון רעפּערטואַר, פֿראַגן, ווי צו באַהעפֿטן דעם נייעם טעאַטראַלן מעטאָד מיט דעם געזונטן רעאַליזם, וואָס מוז אומפֿאַרמיידלעך באַזיגן אונזער בינע, און נאָך און נאָך פֿראַגן.

פֿאַר אַזא יונגן טעאַטער, ווי דער מינסקער, באַקומען די פֿראַגן נאָך א באַזונדער שאַרפֿקייט. אָבער, עס לאָזט זיך גלויבן, אז די גוטע אויסגעשולט-קייט, דער פֿעסטער ווילן צו לערנען זיך ווייטער און, דעריקער, די לעבעדיקע פֿאַרבינדונג מיט די פֿאַרלאַנגען און אינטערעסן פֿון דער ברייטער אידישער אַרבעטער-מאַסע — דאָס אַלץ וועט געבן דעם טעאַטער די מעגלעכקייט צו שאַפֿן פֿאַר זיך א גלייכן און זיגרייכן וועג אין דער צוקונפֿט.

מוישע נאַדיר

מיין באַקאַנטשאַפט מיטן אַמעריקאַנישן אידישן טעאַטער.

I.

דאָס, וואָס איך שרייב דאָ, איז ניט קיין געשיכטע, ניט קיין אָפּשאַץ פונם אידישן טעאַטער אין אַמעריקע, נאָר געלאָפּיקע בילדער און איינדרוקן.

עס וועלן קומען פאַרשוינען און זאַכן, ווי דורך אַן אָפענער אַמעריקאַנישער דריי-טיר, וועלן פאַרשווינדן — אַמאָל וועלן זיי נאָך זיך אַ שאָטן איבערלאָזן, אַמאָל דאָס אויך ניט.

מיין קרויוועשאַפט מיטן טעאַטער איז שטענדיק געווען ווי פון א „פריינט-לעכן סוינע". כ'האָב קיינמאָל ניט געקענט באַ זיך פועלן, אַז דער טעאטער, אין זיין אַלטן באַנעם „פון אָפּשפיגלען דעם שפיגל", איז עפּעס אַ זאַך פון אַ גרויסן קינסטלערישן ווערט.

ווי אַ קליין מאלפּעלע איז געשטאנען די בינע און געפּרואווט איבערקרימען „דאָס לעבן" — אַריינשלעפּן א שטיקל דרויסן אינעווייניק אַריין.

דאָס מאלפּעלע האָט זיך פאַרמאַטערט. „דאָס לעבן" איז דערפון ניט פליי-שיקער, ניט מילכיקער געוואָרן.

דאָס אַלטע טעאַטער, אָלעוואַשאָלעם, איז אין אַלע אייראָפּייאישע לענדער דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט געשמעקט מיט לעבן-שווייס, אָבער אָן די פּולסן פון לעבן. (אַ דויפּעק האָט אַ טעווע, אַז ער קלאַפּט נאָר דאָרטן — וואו ער קלאַפּט!). אָבער אינערגעץ ניט איז די „נאָכמאַלפּעניש" דערגאַנגען צו אַזאַ ביזע-ביזאָיעדיקן „ערנסט", ווי אין אַמעריקע. איר קויהען-קאָטן (ווגאַם גאָדל) איז געווען דאָוויד בעלאַסקאָ. דאָרט, וואו אַנדערע רעזשיסאָרן פון דעמזעלביקן טאָג האָבן, לעמאָשל, בלויז גענומען פאָטאָגראַפישע בילדער פון די „סצענעס", וואָס זיי האָבן באַדאַרפט ווייזן, האָט בעלאַסקא אַלעמען אַרי-בערגעקליגט מיט זיין איינפאַל צו נעמען „די לעבעדיקע „סצענעס" ווי זיי גייען און שטייען.

וואָס דאַרפֿט איר מער? ער האָט בא א געוויסער פּיעטע געמוזט האָבן אַ „ביכער-שאַפֿ" (בוכהאַנדלונג), איז ער אַוועק און אָפּגעקויפֿט די גאַנצע בוכ-האַנדלונג מיט ביכער, אינײַנעם מיטן מענטש, וואָס איז געשטאַנען און פֿאַר-קויפֿט די ביכער.

אַף אַזאַ אופֿן האָט זיך דאָס טעאַטער אַ גליטש געטון נאָך אַביסל ווייטער אַף דעם פֿאַלשן וועג פֿון רעאַל־סטישער מאַלפּעריי. פֿריער האָט עס געהייסן: איבערקרימען, אין בעלאַסקאָס הענט איז עס געוואָרן איבערשטעלן, — אַרופשלעפּן „ס'לעבן" באַ די הערנער אַהין, וואו עס האָט ניט וואָס צו טון.

דאָס אַמעריקאַנישע (ניט-אידישע) טעאַטער האָט זיך ביכלאַל אָפּגעשיידט פֿונם אייראָפּייאישן טעאַטער מיט דעם, וואָס אין דער צייט, ווען אין אַנדערע מעדינעס האָבן די רעזשיסאָרן אינזינען געהאַט, אַז די אודיטאָריע זאָל זיך פֿאַרכלינען מיט „שיינקייט" און אויסרופֿן: „אַך, ווי שיין", האָבן די אַמעריקאַנישע קונסט-מעקלערס און רעזשיסאָרן געדופֿעט דערויף, אַז דער אוילעם זאָל — אַזוי גיך ווי ס'בינע-פֿאָרהאַנג הייבט זיך אוף — אַרויסטעלעפֿן די צינגער און אויסרופֿן: „אָך, וויפֿל געלט דאָס מוז קאָסטן!"

דאָס אַלצדינג איז גערעדט געוואָרן — אין איילעניש — מיקויעך דעם טעאַטער אין אַמעריקע.

דאָס אידישע טעאַטער אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע איז גאָר עפּעס אַנדערש.

דאָרט איז קיין „רייכע טעכניק" ניט געווען. דאָרט איז אויך, אַף אַ גראַד צוויי-דריי — די דראַמע געוואָרן דעמאָקראַטיש. דאָרט האָט מען „געפּריידיקט", געבלאָזן אין שויפֿער, „געוועקט די מאַסן" — מיט דער געוויסער פּאַסקודנער נעבעכיזאַציע, „דער אַרבעטער, נעבעך"... „לאָזט אים, נעבעך, מאַכן אַ לעבן". — ס'איז געווען אין „איין אָטעם" מיט: „דאָס אָרעמע יעסוימעלע, נעבעך —".

(די „דעמאָקראַטישקייט" פֿונם אידישן טעאַטער איז גאַנץ ענלעך צו דער וויסטער דעמאָקראַטיע אין אַ אידישן מערכעך: מ'פֿליאַסקעט זיך איינס דאָס אַנדער אין די — כ'בעט איבער אייער קאָוועד, און ס'איז פֿריילעך!).

פֿונדרויסן אַן אָרעמקייט אין מיטלען, אַן אָנהייב פֿון מענטשן, וואָס האָבן ערלעך און וואויל-מענטשלעך געמיינט צו ציען דעם טעאַטער אַף די קלוגע וועגן פֿון פּורימשפּיל. דאָס זיינען געווען קאָמעדיאַנטשיקעס, וואָס האָבן אַליין געהאַט גרויס האַנאָע פֿון זייער שפּילן. זיי האָבן זיך, אייגנטלעך, געשפּילט מיט טעאַטער, ווייל פּורימשפּיל איז אין זייער בלוט געווען.

וואָלטן זיי, די דעמאָלטיקע שפּילערס, ניט אַרונטערגעפֿאַלן אונטערן פּלישטימדיקן פּאָנים פֿון קונסט, אַז דאָס איז, הייסט דאָס, אַ „דאָווער שע-ביקדושע", און אַז קונסט דאַרף זיין מיט טראָלדן, וואָלט דאָס אידישע טעאַטער עפּשער גיט געווען באַדאַרפֿט אופֿצולייגן אַזויפֿיל איבעריקע מיילן אַפֿן וועג פֿון גאָלדפֿאַדן ביז... גאָלדפֿאַדן. אָבער די „אינטעליגענץ" האָט זיך אַריינגע-

מישט, גענומען אויסלויזן די קלאַטשענע באָרד פון דעם פורימשפּילער, גענומען יעדע שמאַטע און זי אָנגעקראָכמאָלט און זי אויסגעפּרעסט — מיט אַ גלאַנצל פונויבן...

איז געוואָרן שטייף, און „שטאָלץ", און אָנגעבלאָזן דאָס טעאַטער. האָט זיך עפּעס ניט געפּאַרט דער שפּילער מיטן שפּיל. קיין באַהעפטונג ניט געווען. זיינען געבוירן געוואָרן „אויסגעבריטע הינדלעך" פון אַ קאַטשקע מיט אַ אינדיק, וואָס מ׳האָט זיי איבערגעפּאַרבט, זיי זאָלן אויסזען ווי... פּאַוועס.

מ׳האָט געשלעפּט דעם לעבן אין שטאַל אַריין (מער ווי שטאַל, איז דאָס דראַמאַטישע טעאַטער דעמאָלט ניט געווען), דעם לעבן אין דערפון קיין געזונט ניט צוגעקומען, דעם שטאַל אויך ניט.

דראַמאַטורגן האָבן געשריבן מיט אַ שאַרף קריידל אָף... אַ הויך-פּאָליטורטן טיש. עס האָט ניט געכאַפּט. דאָס „געכאַפּטע" האָט זיך גרינג אָפּגעמעקט. אַ ליאַדע ווינטל האָט עס אָפּגעלעקט מיטן שפּיץ צונג.

אָבער לאָמיר דערציילן אַביסל סקלאַדנער און מיט ווייניקער — טעאַטראַלישן האַרץ-ווייטיק.

II.

וואָס איז אַזוינס טעאַטער?

מער ווי אַלע קונסטן איז דאָס טעאַטער די קונסט פון אָפּנאַרן. עס דאַרף, הייסט דאָס, באַדינען אונזער פּרימיטיוון כיישעק אָפּגענאַרט צו ווערן. „נאַר מיך אָפּ, וועל איך דיר געבן אַ קאָפּיקע"—איז געווען דער ערשט-זינען פון דער טעאַטער-קונסט. דאָ האָט זיך אָבער אריינגעמישט די קיילעכדיקע סטירע. וואָרום ווייבאַלד, אַז טעאַטער דאַרף אָפּנאַרן, איז פונוואַנען ווייסן מיר, אַז עס נאַרט טאַקע בעעמעס אָפּ? עפּשער נאַרט עס בלויז אָפּ, אַז סע נאַרט אָפּ?

דער בעסטער ליגן אין טעאטער איז, פאַרשטייט זיך, דער... ליגן. די גאָלדפּאַדענשע וועגן האָבן אַהין געפירט, ווי דער פראַנצויזישער גרויס-קאָמיקער קאקלעין האָט דאָס זייער גוט פאַרשטאַנען—געשפּילט „סערענאַ דע בערזשעראַק". וואו ער דאַרף האָבן א לאנגע נאָז, האָט ער (ווי וואויל זיין אייגענע נאָז איז געווען אַ היפּשלעך לאַנגע) זיך צוגעקלעפּט נאָך אַ לייגערע נאָז. אָף דעם פרעג: „סטייטש?" האָט ער געענטפערט: „דאָרט וואו איך, קאקלעין, ענדיק זיך, הייבט זיך אָן... סערענא. ער האָט מיט מיין נאָז גאָרניט וואָס צו טון.

III.

די פעריאָדע יאַנקעוו גאָרדין.

איך געדיינק דאָס אידישע טעאַטער אין אמעריקע ארום 30 יאָר. איך געדיינק, ווי איך בין דאָס ערשטע מאָל געזעסן אָף דער „גאַליאָרקע" פון

אלטן „ווינדזשאָר-טעאַטר" אין ניו-יאָרק האַבירע און געזעען גאָלדפאַדנס „ני-בע, ני-מע, ני-קוקורעקו". דעמאָלט האָט געשפּילט דאָוויד קעסלער, זיגמונד פייגמאַן און בערנאַרד בערנשטיין. דאָס טעאַטר איז געווען געפּאַקט. אויבן אַף דער „גאַליאָרקע" האָט מען אויסגעפּילט די צווישנאַקטן מיט דעם, וואָס מע האָט זיך איינס ס'אַנדערן געפּאַטשט... ס'איז געווען — צווישן די „פּאַטריאָטן" (אַזוי האָט מען גערופן די „כסידים" פון יעדן „שטערנדיקן" אַרטיסט אָדער אַר-טיסטקע — און יעדערער פון זיי האָט דעמאָלט געהאַט כסידים!) איז געווען אַ „פּלוקטע", ווער ס'איז אַ גרעסערער „עקטר" (אַקטיאָר), צי קעסלער, צי פייג-מאַן, צי עפּשער גאָר יאַקאָב פּ. אַדלער (ביז היינט ווייס איך ניט, צי די „פּ" אין יאַקאָב אַדלערס נאָמען איז געווען גלאַט אַזוי, פון שיינקייט וועגן, צי זי האָט טאַקע עפּעס געמיינט. סיי-ווי-סיי האָט דאָס זייער אימפּאָנירט!).

איך בין געזעסן אַף דער שווינדלדיקער הויכער „גאַלערייע" און ס'האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז איך פאַל אַראָפּ און ווער כאַלילע געהאַרגעט...

די שפּיל איז געגאַנגען — אָ-וואַ, ווי אַף פּוטער. עס האָט זיך געטון אַביסל! נאָך יעדער סצענע האָט מען געקלאַפּט מיט הענט און פיס. אַנדערע — געדיינק איך — די „געטרייערע פּאַטריאָטן", האָבן געהאַט אַ זעלטענע פייאיקייט אַזוי צו קלאַפּן איןביידע דאָלאָנעס, עס זאָל זיך באַקומען דער קלאַנג ווי פון אַ... ליידיק פאַס! די אַרטיסטן האָבן נאָך יעדער סצענע זיך פאַרנייגט, איבערגע-זונגען, איבערגעזאָגט עטלעכע מאָל, געטון, וואָס זיי האָבן געקענט, צופרידן צו שטעלן די קוינים... צום בעסטן איז מיר דעמאָלט געפעלן בערנאַרד בערנ-שטיין. ער האָט געמאַכט פּאַיאַצן-קונצן, קלאָונישע שטיק, האָט „גערעדט פון אַרבל" און ס'איז געווען זייער פריילעך און פורימדיק.

דאָס איז געווען דער אָנהייב — און גאָלדפאַדנס „גאָלדענער פּאָדעם" האָט נאָך (אין טעאַטר) געגייט הוילע לופט און געשטיקט שאָטנהעזולעך אַף דער וואַנט.

שפּעטער (אָדער שוין טאַקע דעמאָלט) האָט זיך באַוויזן גאָרדין: אַ „טאַ-קעפדיקער פּריידיקער" האָט ער גענומען ס'טייטל אין די הענט און אָנגעהויבן לערנען פּאַרשע ברייִשיס...

ס'איז אָנגעקומען די פינצטערע „מיסיע"... דער טעמנער מאָשיעך...

ברייִשיס — צום ערשטן (האָט ער געדונערט פון זיין פּיצעלע באַרג סינאַי אַרונטער) זאָלסטו זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, האָבן גוטע מידעס, זיטן, דערנאָך זאָלסטו וויסן זיין, אַז „דער מענטש איז געגליכן צו אַ — (ער האָט נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט „צו אַ — וואָס!"). ס'האָט זיך אָנגערוקט די האַסקאָלע, מיט ברילן, און מיט אַ ביכעלע אונטערן אָרעם און מיט אַ „שרינטל".

אויס פרייד, אויס נאַכעס, אויס פּורימשפּיל, אויס צירק, אויס לעבעדיק טעאַטר!

די בינע האָט גענומען סקריפּען מיט „דעמאָקראַטיע", מיט „אופמאַכן די פענצטער".

דעם ארבעטנדיקן מענטשן האָט מען דאָ אויך אונטערגעלייגט א לעקעכל, אָבער — ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט — מיט א „נעבעך" פאר א צוגאָב. און מיט א גמאָרע-ווערטעלע, מיט אינטעליגענטעניש...

די אַרטיסטן — אַלע פּראָסטע, אומרואיקע, ציגיינערדיקע „אַקיידאַס-איצ-כאַקניקעס", רייסן זיך צו פּאַרוויילונג, רייסן זיך זייערע גרויסע קויכעס אויס-צוגעבן אף עפּעס, וואָס איז — צו מינדסטנס — אַזוי גרויס ווי א צירק. די „האַסקאָלע" לאָזט ניט. די האַסקאָלע שלעפּט צום נודנעם וואָרט, אנשטאט צו דער רעוואָלוציאָנערער טאַט... די האמקאָלע הייסט אַריינקוקן אין ביכעלע, און — אָפּעטפּערן. זי לערנט, אשטייגער, אזוי צו זאָגן: „מע רויבט בא דיר דאָס שטיקל טייג מיטן שטיקל ברויט — קוק אַריין אין ביכעלע. „בילדע" זיך אויס, און אז דו ועסט זיין אויסגעבילדעט, וועסטו זיין ראָע אַרויסצוגיין און... גוט אָנזידלען דיין באַלעבאָס, אים אָנרופן „בלוטצאַפּער", „וואַמפּיר"...

נודנע האַסקאָלע! וואָס האָסטו צו טון מיט אזא אופגעבראָכענער קונסט ווי טעאַטר?

דאָס טעאַטר אָבער לאָזט זיך פון גאָרדינען. די אידישע פּרעסע אין אַמע-ריקע איז נאָך דעמאָלט שיטערער, ווי היינט. איר פארב איז ווי פון מוטנע ראָז-מיט-וואסער. די מענטשן אַרום די צייטונגען — אַלע... ניט בלויז קיין ביכער-מענטשן, נאָר ווערטער-מענטשן. איידעלע מענטשן, וואָס פּאַטשקען זיך מיט ווערטער, מיט פשעטלעך, מיט פּיצעלע גמאָרע מיט א ברעקעלע מעדרעש.

גאָרדין, ליפּערט... גמאָרע. גאָרדין איז... טוירע און סכוירע און געפּוצטע שטיוול. ער שמירט „דראַמע" מיט א קאַלכבארשט. יעדערער קען זען, יע-דערער קאָן הערן. ער שרייט דיר אין אויער אריין און בלאָזט (אַליין טאַקע אַרויס דאָס אָנגעשריגענע, און שרייט ווייטער.

גאָרדין איז דער „ליבלינג" פון די ארטיסטן, כאָטש ער איז א שטרייג-גער און „קריטיקירט מיטן שטעקן". זיינע ראָלן זיינען אָבער „פּאַרסטראַכירטע". ער שרייבט ניט די כאַראקטערן, נאָר ער שפּילט זיי אַליין אויס מיט דער פען, ער שרייבט זיי אָן שוין אויסגעשפּילטע, קען מען זאָגן.

געפעלט דאָס זייער די קיבעד-גייציקע אַרטיסטן. געפעלט דאָס אויך דעם טעאַטר-גייער. ער הערט — „טוירע". ביז איצט האָט ער געלייענט טעאַטר, איצט לערנט ער, אָ-וואַ, לערנט, בעפּיירעש, ווי מ'לערנט א בלעטל איין-יאַנקעוו אָדער סייפער (גאם קי איילעך בגעי צאַלמאָוועס...). דעריקער פּלעפּט גאָרדין דערמיט, וואָס ער בייזערט זיך (די, וואָס האָבן ניט וואָס צו זאָגן, האָבן א טעווע, אז זיי בייזערן זיך!).

קומט אָן די רעאַליסטישע דראַמע, און „מאָשיעך" טראָגט איר אונטער דעם עק בא דעם פערד, אף וועלכן זי קומט צו רייטן...

דער אַרבעטנדיקער מענטש קאָן זיך דאָ ניט אויס. עפּעס „פּריידיקט" מען „סאָציאַליזם", עפּעס וועקט מען צום קאַמף מיט... שלעכטע מאַנירן, — מע לערנט, אז מ'דאַרף האַלטןריין די אויערן, ניט ווישן זיך די נאָז מיטן אַרבל...

גאָרדין האָט — ווייסן דאָך אַלע — געשפּילט אַ גרויסע ראָלע הינטער זיינע ראָלן. ער איז דעמאָלט געווען דער איינציקער „רוסישער אינטע-ליגענט" באַם טעאַטער. אַ מין „נער", וואָס רעדט אידיש. האָט דאָס זייער שטאַרק גוויסע-כיין געווען בא באַלעבאַטישע אידן. אַדלער האָט גאָרדינען זייער מע-קאַנע געווען. קעסלער אויך. מאַדאַם קעני ליפּצין אויך. טארנבערג אויך. בערטע קאַליש אויך.

אַ הייפעלע אידישע אקטיאָרן — אַלע פאָלקס-קינדער, פּאָשעטע, פּרימיטיווע נאָר מיט אַסאַך טאַלאנט פאַרשאָלטן (פאַרשאָלטן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט די געלגנהייט דעם טאַלאנט אויסצוגעבן אף עפּעס רעכטס!) — זיינען זיי אַרונטער אונטערן היפּנאָז פון גאָרדינס „וועקן מיטן שטעקן". פון זיין אינ-טעליגענטישקייט, פון זיין רעאַליסטישן ,,נאָכמאַלפּען דאָס לעבן".

קעסלער איז געווען א ווילדער קויעך. ער פלעגט איבערפאָרן פּיעסן. ער פלעגט אַרוף אף א פּיעסע, ווי א טראַקטאָר, אשטייגער, פליט אַרוף אף א הינדל, וואָס שטייט אים אין וועג, און דערהאַרגעט. אלע ראָלן זיינען געווען צו קליין פאַר אים, צו „איינג". ער איז ניט געבוירן געוואָרן פאר קיין טאַ-ליעס און פאַר קיין פיינע פּאַסאַנען. דעריבער פלעגט קעסלער זעלבסט אַרויס-שטעקן פוןביידע זייטן פון יעדער ראָלע...

דערצו איז נאָך צוגעקומען קעסלערס פוילקייט צו אַרבעטן. קעסלער איז געווען א שווערער קאָרטנשפּילער, האָט דערמיט זיין גאַנצע צייט פאַרנומען. אין די פּיעסן פלעגט ער ארייננפאַלן. ניין, ער פלעגט ווארטן, אַז די פּיעסע זאָל אַראָפּפּליען אף אים... פּוניבן, ווי א קוליסע. אמאָל פלעגט די ראָלע פאַלן אף אים, ליגן גלאט און וואונדערלעך. אמאָל ווידער פלעגט ער פאלן אף דער ראָלע און אָנמאַכן א כורבן.

ס'ראָוו פלעגט קעסלער שפּילן יעדע ראָלע אויסגעצייכנט מיט עטלע-כע פּיעסן שפּעטער. אַזוי, לעמאָשל, געדיינק איך, אז ער האָט אין דער ערשטער שטעלונג זייער שלעכט געשפּילט „הערשעלע דובראָווער" (אין „גאָט, מענטש און טייוול"). דערפאַר זיכער, אז מ'האָט שפּעטער מיט א זעקס וואָכן געשטעלט עפּעס א „פּיעסע", וואָס האָט געהייסן „ווירגיניוס" און ער האָט באַ-דארפט שפּילן אַ „רוימישן העלד", דאכט זיך, האָט ער אויסגעצייכנט געשפּילט... הערשעלע דובראָווער!

דער אינטערעסאַנטסטער ארטיסט אין יענער גרופּע („אַדלער, קעסלער, טאָמאַשעווסקי, מאָשקאָוויטש, פיינבערג, קאַצמאַן, מאגולעסקי) איז געווען טארנבערג. דערזעלביקער האָט געהאַט אַ פיין פאַרשטענדעניש פאר טעאַטער, אַ געבוירענעם טאַקט, פלעגט שפּילן שטילער ווי די אַנדערע, און זיינע כאַראַק-טערן פלעגן אַרויסקומען ווי אלטע קופּער-שטיכן.

אַף די אנדערע שפּילערס פלעגט אַפילע די בעסטע ראָלע ליגן — אַזוי שרייענדיק ניי.

עס פלעגט בלישטשען.

אַף טאָרנבערגן נישט*).

היינט ווייסט מען שוין, דאכט זיך, אז אין קונסט איז דאָס, וואָס איז עפּעס אַנדערש.

מ׳קען אַפילע געבן קלאָלים:

אַז א זאך איז צו וויציק, זאָלט איר האָבן א סימען, אז עס איז ניט וויציק, און ניט לאכן דערפון.

אז א זאך איז צו „טרויעריק״ איז א סימען, אַז — זי איז ניט דראַמאַטיש. און ס׳איז גלייכער ניט צו וויינען דערביי...

און נאָך, און נאָך!

אָבער אין דער צייט, פון וועלכער איך רייד, האָט מען נאָך געריסן קו־ליסן, און גערעדלט דעם רוקנביין מיט א רעדעלע. — דאָס האָט געהייסן... „דראַמע״ (מיטן קוועטש אף דער „מע״).

ס׳אידישע טעאַטער האָט אין יענער צייט געליטן פון טאַטעס און מאַ־מעס (אַביסל ליידן מיר נאָך דערפון היינט אויך. מיר האָבן די בעסטע טאַ־טעס און מאַמעס, אָבער די שוואַכסטע ליבהאָבערנס און העלדן).

מיר האָבן געהאַט אַסאך „פינטעלעך טאַטעס״ און מאַמעס, אָבער — גלאַט אַזוי א מענטש, אָן אַ באָרד, אָדער א שייטל, און אָן עפּעס טאַטעדיקס אָדער מאַמעדיקס איז ניט געווען בענימצע.

„כאַראַקטער־ראָלן״ האָט מען דאָס גערופן.

פּונקט ווי „א מענטש אָן אַ כאַראַקטער״ וואָלט ניט געווען קיין כאַראַק־טער־ראָלע און די שווערסטע צו שפּילן.

אין „דרוימן״ האָט מען שוין דעמאָלט געוואוסט, אז — פאַר א מאָלער — צו מאָלן אַ „קינד אָן כאַראַקטער״ איז אַסאַך א גרעסערע קונסט, ווי צו מאָלן אַן אַלטיטשקע באַבע מיט טויזנט קנייטשן אַפן פּאָנים.

צום אַמעריקאַנישן אידישן טעאַטער איז דאָס נאָך ניט געהאַט דערגאַנגען.

דערפאַר איז זיגמונד מאגולעסקי געווען דער גרעסטער אַרטיסט! ער האָט געגעבן „כאַראַקטערן״, ווערטלדיקע, קנייטשיקע, אונטערגעשטראָכענע (לויט י. גאָרדינס מעטאָד, אז א מענטש דאַרף זיך, אשטייגער, פאַרסאמען מיט שוועבל פון „רייבעלעך״ אין לעצטן אקט, גיט ער שוין אין ערשטן אַקט א ציטער, אז ער דערמאָנט דאָס וואָרט שוועבעלעך).

מיט טאָרנבערגן איז געווען שטילער, מענטשלעכער — האָט מען אים ניט געזען.

אויך ניט דעם זייער גוטן ריין־שפּילעוודיקן אַקטיאָר קאַצמאַן.

---

*) ער איז שפּעטער אַוועק אין ענגלישן טעאַטער און איז דאָרטן יונגערהייט געשטאָרבן עלנט און פאַרגעסן.

פון די אינטעליגענטישע אַרטיסטן איז געווען מאָריס מאָשקאָוויץ (היינט אַף דער ניט-אידישער בינע אין איינגלאַנד). דאָס איז געווען א „געשליפע-נער", וואָס דאָס שלייפן האָט בא אים דעם גאנצן שאַרף אַראָפּגענומען.

מאָשקאָוויץ האָט טיף ניט איינגעשניטן, דער גלאַנץ איז געווען אַף דער ב ר י י ט פונם קלינגל, ניט אַף ד י ב ר ע ג ן.

גלאַנצנדיקער פון אים (און שרייענדיקר, און קאַרנאַוואַלישער) איז געווען באָריס טאָמאַשעווסקי. דער „ליבלינג" פון ווייבער, דער העלד, וואָס גיט זיין בינען-העלדישקייט אין בעפּיירעשע באַווייזן: אין קערפּער.

אין טאָמאַשעווסקין, מיין איך, איז פאַר דער א י צ ט י ק ע ר בינע אַסאַך פאַרלוירן געוואָרן. ער איז געווען דער עקספּאָנאַט פון דער... גרוזמע, פון דאָס איבערטריבענע, פון דעם רעליעף אַפּילע. ער האָט ניט „געדאַבערט", נאָר געזונגען, רעטשיטירט. דעמאָלט האָט מען עס — ווייסט איר דאָך — גע-האַלטן פאַר א גרויסן כיסאָרן.

היינט וואָלט א מענטש, ווי ער — אונטער אַ גוטער ר ע ז ש י (און מיט א ב ע ק י ו ו נ ד י ק ע ר ריכטונג, געווען א געווינס פאַר דעם צו-רעאַליסטיש גע-ווארענעם אידישן טעאַטר.

נאָך פיל דעקאָראַטיווער פון אים איז געווען יאַקאָב פּ. אַדלער. אין אויסזען ווי א העלד פון א לעגענדע אַרויס, שיין און געשטאַלטיק, ווי א הערלעכע סקולפּטור) פון אַ „גריכישן גאָט", האָט ער געהערשט מיט דעם פיזישן קויעך פון זיין גוף און שטים.

אַ גרויסע אויסשטראַלונג איז אין אים געווען, אַן אָנגעצייכנטע ליניע צו דינאַמיק און פּלאַסטיק, אַ פּאַרלויפער פונם היינטיקן טעאַטר, וואו די טענדענץ איז אָ פּ צ ו ש פּ י ג ל ע ן ד ע ם שפיגל.

* * *

דאָס גאָרדינישע טעאַטר האָט געלאָזט פלעקן.

עס איז געווען פעט, אָבער ניט אין טעלער, נאָר אַפן לאַץ פון דעם, וואָס האָט עס געגעסן. עס האָט פאַרשטעלט דעם וועג פאַר אנדערע, וואָס וואָלטן געקענט אויפרייסן און פאַרייניקן.

גאָרדינס שיטע איז אָנגענומען געוואָרן פון קימאט אלע אידישע דראַמא-טורגן נאָך אים — די גוטע, ווי די שלעכטע (פון זאָלאָטאַרעווסקין און שטיינ-בערגן ביז קאָברינען און פּינסקין). אַלע האָבן געשריבן גאָרדיניש. דאָס איז געווען א שאָדנדיקער קויעך. גאָרדין האָט זיך ווי א שווערע וואָג אָנגע-האַנגען אַף די טריט פונם אידישן טעאטער אין אמעריקע. און מאַכמעס בא אידן, אליין באשאַפער פון הומאָר, איז הומאָר ביכלאַל א נידעריקערע מאַדרייגע פון קונסט (די וואָס באַשאַפן „געטער" גלויבן נישט אין זיי!) און זיי נעמען אָן, אַז הומאָר מוז ניט אַנדערש ווי „געלייטערט" ווערן דורך

טרערן (די גרעסטע לויב אף שאָלעם-אַלייכעמען איז נאָך ביז היינט בא אונז, וואָס ער „לאַכט מיט יאַשטשערקעס״ — עפּעס אזוי ווי די גאַנצע „קעדושע״ שטעקט אין דעם ביסל אויגנוואַסער). איז דערפאַר ניט שווער פאַר גאָרדינס שיטע צו געווינען א געווינס איבער גאָלדפאַדענען, און איבער אלע אָנהייג־גער פון דער אָפּערעטע, און פון דעם מוזיקאַלישן שטיק, און פון דעם באַלאַגאַן.

ביז עס איז אונטערגעקומען פּערעץ הירשביין, אַ „דראַמאַטורג״ פון שטילע נאכעסלעך, פון „גרינע פעלדער״ און „שמידס טעכטער״, וואָס מעלקט ניט די אויגן אין א מעלקשעפל אַריין. איז אים טאַקע אויסגעקומען די ערשטע צייט „צו לייגן די אויגן אַף דער פּאָליצע״. פּ א ַ ר ווען ז א ָ ל ע ר ז ע ן? ס׳אידישע טעאַטער אין אַמעריקע ווייסט, אז א „דראַמע״ מוז לערנען, פריידיקן, זיך בייזערן... בא פּערעץ הירשביין בייזערט זיך קיינער ניט, פּריידיקט קיינער ניט. שטייט ניט דאָס מאַלפּעלע קעגן צעבערל וואַסער...

ס׳איז אויך רעאַליסטיש טעאַטער — אָבער שוין א ווייטערדיקס. עס שלעפּט שאָטנס בא די הערנער. עס טראַכט-א ו י ס, טראַכט-צ ו. הירשביין שלעפּט ניט אַרוף אף דער בינע דעם גאַנצן שטיין און באַווייגט די אומגליקלעכע „מאַ-דאָנע״, וואָס שלאָפט אינעווייניק (מ׳דאַרף נאָר, ווי מיקל אַנושעלאָ זאָגט, ס׳א י ב ע ר י ק ע אַ ו ע ק ה א ַ ק ן). ער ברייגגט שוין אַן אויסגעהאַקטע פיגור, שטעלט זי אזוי אוועק, אז איר שאָטן זאָל באַקומען מער באַטייט פון איר אַליין. דאָס איז שוין — זיין פאַרבנפאַסונג, דער אָנשפּיל און מיטשפּיל פון באַלעטישע מאָסן, פון יאָנטעוו-שפּיל.

דער גורל הירשביינס? עס שפּילן אים בלויז ליבהאָבערס, דילעטאַנטן, דראַמקרייזן. ביז עס קומט ס׳נייע מאָריס שוואַרץ-טעאַטר.

מאָריס שוואַרץ האָט עפּשער גישט קיין הויך-קינסטלערישע קאַוואָנעס, אָבער בעטעווע א רעוואָלוציאָנער, ווייסט ער, מ׳דאַרף צום ערשט פּאַרטיליקן, אויסלאַפּיסירן.

ברענט אין אים דער קינסטלערישער צעלאָכעס. ברענען אין אים ביכלאַל אַסאך שעפערישע קויכעס — ביפראַט פאַר דאָס שאָלעם-אַלייכעמדיקע, קרום-אידישע, באַשפּיצטע. ווערט געבויט דאָס „נייערע טעאטר״ — וואָס גייט ערגעץ מיט פאַרבונדענע אויגן, טאַפּט די ווענט, שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט — ווערט און מוז דערגיין (מיין איך) ביז צו ראַטנפאַרבאַנדישער שיטע, אז טעאַטער, ווי אַלע קונסטן, מוז זיך אין עפּעס איינשפּאַנען, ד י נ ע ן דעם לעבן, אָבער ניט נאָכמאַלפן אים... „די האַנט אף דער וואַנט״ שרייבט: „פורימשפּיל״ — טעאַטר ניט צו דערוועקן דעם מענטשלעכן „טייכל״, נאָר זיין קינדערשע גלוסטונג נאָך פרייד, נאָך ליכטיקער אילוזיע.

מיט דעם מאָריס שוואַרץ-טעאַטר קומען אָן און הייבן אָן אַרויסקומען פון די פאַרבאָרגענע ווינקלען די נייערע שוישפּילער: בען-אַמי, לודוויג זאַץ, מאַרק שווייד, איזידאָר קעשיער, יאַקאָוו מעסטל, טענענהאָלץ, לאַזאַר פריד, מאלי פּיקאָן, בערטאַ גערסטאָן, מאַריאַם עליאַס, סיליאַ אַדלער, כאַנע ראַפּעל

און אנדערע. עס גרופּירן זיך אַרום אים אַלע פּייאָיקערע, בעסערע און רע־וואָלוציאָנערע אַרטיסטן. שפּעטער צעפּאַלן זיי אין אַנדערע טעאַטער־גרופּן („שילדקרויטס „אונזער טעאַטער", בען־אַמיס ניי טעאַטער), אַ טייל פון זיי (לודוויג זאַץ און מאַרק שווייד) גייען אַריבער אויף דער ענגלישער בינע. דער ערשטער פּאַרקויפט די „בכורה" פאַר אַ טאָפּ לינזן. געשטיצט אויף דעם „העכשער", וואָס ער האָט געקראָגן פון דער בעסערער אידישער קריטיק פאַר זיין שפּילן אין גוטע פּיעסן, גייט ער דערנאָך אַוועק און פאַרקויפט... „קאַ־שערן כּאַזער". לאָזט ער זיך אַראָפּ צו שאָפּעלע, מיעסע טעאַטער־שטיק, בלויז צוליב געלט! בען־אַמי פירט אליין אַ טעאַטער. זיין קויעך איז אין „עקסצענט־רישע פיגורן", אָבער די גאַנץ (ווי קאַקלען וואָלט געזאָגט) איז זיין אייגענע.

די האָפענונג, היינט צו טאָג, אין אידישן טעאַטער אין אַמעריקע ליגט — ערשטנס: אין דעם נייעם פּראָלעטאַרישן טעאַטער, וואָס ווערט איצט געפּלאַנט פון דער „פרייהייט", געריינגלט מיט הילף, וואָס וועט קומען פון די לינקע אַר־בעטער. אָט דאָס טעאַטער וועט, פאַרשטייט זיך, פּסיכיש זיין מער מעסוגל אויפ־צונעמען דאָס נייע, ווי, לעמאָשל, איר רוים־צעטיילונג, טעאַטער אויף אַסאַך פלאַכן; טעאַטער ניט מיט פיינע משאָלים, נאָר מיט העק און לאָפּעטעס, טעאַטער פאַר לעסטערער און געצנברעכער. טעאַטער ניט מיט קיין אָנשטעל אויף נאַרעריי נאָר בעפּיירעש אָפּנאַרעריי, שפּיל, צירק, פאַרווייַלונג. דער איקער וועט מען אָנהייבן פאַרשטיין, אַז דאָס טעאַטער מאַניפּולירט מיט אַ באַשריינקטן רוים און צייט. ניט צו דערלויבן אַ שטילן באַלעבאַטישן טעמפּ (אָדער וואָסער עס איז שטילשטיין פון דעקאָראַציעס אַפּילע!), אָדער צו דערלויבן, אַז אַ לאָמפּ זאָל הייגנען גלאַט אַזוי און ניט מיטשפּילן, אָדער אַ ביינקל זאָל שטיין „אָן און פאַר זיך". דאָס נעמלעכע מיט די פלאַכן און טיפן פון דער בינע. זיי מוזן ניט שטיין ליידיק, נאָר זיך צונויפפלייגן און פאַרמערן דעם רוים.

אויך די ליכט דאַרפן ניט זיין קיין רעאַלע, קיין נאַטירלעכע, נאָר פאַר־קערט — דאָס ליכט מוז געזען ווערן, באַמערקט ווערן, מוז שפּילן טעאַטער! אָט דאָס פון אַרבעטער־געפּלאַנטע אידישע טעאַטער אין אַמעריקע וועט מי־סטאָמע היינט־מאָרגן ווערן אַ פאַקט (פאַרלאָזט זיך אויף די „לינקע" אידישע אַמעריקאַנצעס!).

און דעמאָלט וועט זיך אַוואַדע זיין איינפלוס אויך לאָזן פילן אויף אַזוינע וויכטיקע טעאַטערס, ווי מאָריס שוואַרצס, בען־אַמיס און די אַנדערע.

דער „מאַדיאַקאַט" (אידישער מאַריאָנעטן־טעאַטער אָנגעפירט פון זוני מאָוד און יאָסל קאַטלער) האָט שוין אָנגעצייכנט דעם וועג צוריק צו פּורימשפּיל.

צוריק צו גאָלדפאַדן, און וואָס ווייטער אַוועק אויף דער ליניע פון צירק און קלאָוניזם — איז מיסטאָמע אויך דער גוירל פונעם נייעם אידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

מיר האָבן רעזשיסאָרן, פייאיקע מוזיקער פאַך־קענער, אויסגעצייכנטן שוי־שפּילער־מאַטעריאַל. די נייע פּיעסע הייבט זיך שוין אויך אָן צו באַווייזן דורך אַזוינע אויטאָרן ווי יודושין אָניעל, פראַנץ ווערפל, טאָלער און אַנדערע.

פערעץ מאַרקיש

דער אידישער טעאַטער אין פוילן.

— טעאַטר,

אָדער

— אַקטיאָרן ? !

צי איז די אידישע בינע אין פוילן אַ טעאַטראַלע טריבונע בלויז פאַר איינצלנע צופעליק-צונויפגעקומענע, מער טאַלאַנטפולע אָדער ווייניקער טאַלאַנטפולע אידישע אַרטיסטן, אָדער זי איז דער קינסטלערישער לייוונט, אַף וועלכן ס'איז סינטעטיש פאַרייניקט די פילפאַרביקייט פונם אידישן קינסטלערישן שוישפּיל ?

צי איז די אידישע בינע אין פוילן אַ סומע פון קינסטלערישע דערגרייכונגען, באַהאָפטענע אין איין קאָמפּאָזיציאָנעלן געשטאַלט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ קינסטלעריש-קאָלעקטיוון איינצל, אָדער זי איז דער נייטראַלער טאַבל, אַף וועלכן ס'זיינען אין „קינסטלערישער אומאָרדענונג" אָנגעוואָרפן איינצלנע און בראָכצאָליקע ציפערן פון פאַרשיידענער קינסטלערישער גרייס און ווערט ?

צי האָט אָט די טעאַטראַלע טריבונע אין באַוואוסטזיין פון אירע שוישפּילער ביכלאל וועלכע ס'ניט איז סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכע פונקציעס, אויסער דער פונקציע פון אויסלאָדן אינדיווידועל-אַקטיאָרישע עמאָציעס ?

צי האָט זי וועלכע ס'ניט איז קינסטלערישע אידייע, וועלכן ס'ניט איז קלאָר-אָנגעצייכנטן וועג, איבער וועלכן ס'גייט דאָס געביט פונם אידישן שוישפּיל, אָדער דער שוישפּיל גייט דאָרט אַף „זעגלען", לויטן קאַפּריז פונם פרייען קינסטלערישן ווינט ?

דאָס זיינען די ערשטע און גרונטלעכסטע פראַגן, וואָס לייגן זיך אין דער ליינג און אין דער ברייט באַם באַטראַכטן דעם אידישן טעאַטער אין פוילן.

ווייל אויב אזא גערעטעניש פון גרויסע טאלאנטפולע אקטיאָרן, ווי מאָרעוושקי, סאמבערג, טורקאָוו, קוטנער, לאַנדוי, לעדערמאַן, סאנדלער, פעניגשטיין, ליפּמאַן א. א. פון דער דראַמע, כוץ דעם אָפּערעטישן אַנסאַמבל, האָבן

זיי דאָך זיך ניט געקאָנט פאַרייניקן אין איין באַשטימטער טעאַטראַל-קינסטלע-רישער טענדענץ — ניט פאָרמעל, ניט אידעאָלאָגיש, און מע איז דאָך געבליבן באַם גאַסטראָליאָרישן פּרינציפּ, איז ניט קיין צופעליקייט די פראַגע, צי האָבן מיר אין פּוילן אַ אידישן טעאַטער, אָדער מיר האָבן בלויז אידישע אַקטיאָרן.

און אויב מיר האָבן בלויז אַקטיאָרן, טאָ וואו און וואָס איז די סיבע, פאַרוואָס די טעאַטראַלע פּאָטענץ קאָן דאָרט ניט קומען צו איר סינטעטיש-קינסטלערישן אויסדרוק?

געוויינטלעך, דאַרף מען פריער פאַר אַלץ זוכן די סיבע אין דער גע-שטאַלטלאָזיקער געזעלשאַפטלעכקייט פונם אידישן קליינבירגערטום, צווישן וועלכער דער טעאַטער וואַקסט, אין דער פאָרמלאָזיקער און אידעאָלאָגיש-צע-שוואומענער סוויווע, וואָס רינגלט אַרום דעם טעאַטער.

און, געוויינטלעך, דאַרף מען זוכן די סיבע אין די קלאַסן-פאַרהעלטענישן פונם לאַנד, אין דעם קולטור-ניוואָ פון דער דאָרטיקער טאָן-געבנדיקער אינ-טעליגענץ און אין די טעאַטראַלע קולטור-באַדערפענישן פונם איצטיקן טע-אַטער-באַזוכער.

געוויינטלעך.

ניט אין קיין קלענערער מאָס דאַרף מען זוכן די סיבע אין דער באַ-ציאונג פון דער פוילישער פריציש-בורזשואַזער מעלוכע צו דעם אידישן טע-אַטער, וועלכע האָט זיך ערשט ניט לאַנג פאַרגונען אָפּצונעמען דאָס געביידע פון דער אידישער דראַמע פאַר אַ מאָנאָפּאָלקע.

אָבער אויך אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס ליגט די סיבע, מיט אַ קליי-נעם אויסנאַם, אין די אַקטיאָרן גופע, וואָס די וואָג פון זייער טעאַטראַלער און אַלגעמיינער קולטור איז באַדייטנדיק קלענער פונם אַלגעמיינעם קולטור-ניוואָ, אַפילע פון דער געזעלשאַפט, וואָס זיי באַדינען.

אין דעם, וואָס דער אידישער אַקטיאָר אין פוילן, כוץ זיין טעאַטראַל-שוישפּילערישער אַרבעט, שטעלט פאַר זיך ניט די אויפגאַבע אויסצופירן וועלכע ס'ניט איז קולטור-געזעלשאַפטלעכע פונקציעס און איז פאַרבליבן דער „פרייער קינסטלער“ אויף טעאַטראַלע און אַלגעמיינע קולטור-קעסט בא דעם רעפּערטו-אַר, וואָס ער שפּילט.

און דער רעפּערטואַר, מיט וועלכן מע קען נאָך פאַרנאַרן דעם בירגער פון די נאַלעווקיס, וואַקלט זיך צווישן „באַרג מיר דיין ווייב“ און דעם „דיבעק“, צווישן „מאָטקע גאַנעוו“ און דער „רומעניש"ער כאַסענע“.

און וואָגן, אַפילע אין אָט די אָנגערופענע פּיעסן און אָפּערעטן, אין היג-זיכט פון פאָרם אָדער אין היגזיכט פון באַשטימטער סאָציאַלער טראַקטירונג — איז געפערלעך.

געפערלעך איבער צוויי פאַרשיידענע צענזורן:

די צענזור פונם צושויער, וואָס האָט ליב זען אין טעאַטער אַ „פאַר-שטענדלעכע זאַך“, און די צענזור די מעלוכישע, וואָס האָט ערשט מיט אַ יאָר

צוריק אַראָפּגענומען פון רעפּערטואַר עטלעכע און צוואַנציק פּיעסן פון גאָר־דינען, הירשבּיינען, אַשן א. אַ. צוליב פּאַרדאַכט אין „סאָציאַלער קראַמאָלע" און „אַנטימעלוכישע טענדענצן".

און אַף צו גוויוער זיין כּאָטש איינע פון די צוויי צענזורן איז דעם אַקטיאָר, בּאַ זיין אַבּסאָלוטער אַנטיגעזעלשאַפטלעכקייט און נידעריקן קולטור־ניוואָ —

ניט לויט די קויכעס און ניט לויט זיין קינסטלערישער נויטווענדיקייט.

דערפאַר עפּשער איז די אידישע בּינע פון פּוילן בּיז היינטיקן טאָג געבּליבּן אַ קאָנקורס־פּלאַץ פאַר קלענערע און גרעסערע און גאָר גרויסע סטאַרן*), וואָס האָבּן צום טעאַטער מער אַ גאַסטראָלישע, איידער אַ בּויענדיקע סאָציאַל־קולטורעלע שאַיכעס.

* * *

און דאַפקע פּוילן, דאָס אידישע פּוילן פון נאַלעווקיס, פון מוראַנאָוו, פון פאַרשיידנגעשטאַלטיקע געטאָס, איז איינע פון די שטאַרקסטע טרעגערנס פון אידישע טעאַטראַלע טראַדיציעס.

עס שמעקט נאָך פון פּוילן מיט פּרישן, נאַאיוון פּרימיטיוו פון פּורים־שפּיל און ענלעכע פּרימיטיווע פאָלקס־בּאַלאַגאַנען.

פּוילן איז בּיכלאַל איבּערגעלאָדן מיט גאַנצע שיכטן רויע קויכעס און רויער פאָטענץ און האָט מערער, ווי אַסאַך אַנדערע אידישע אישואווים, אַף אַ מערק־ווירדיקסטן אויפן אויסגעהיט אַן אייגענעם און אייגנאַרטיקן סטיל.

דער טרעגער פון פּשעיאַזד, דער אידישער וועבּער, דער בּאַלעגוף, דער מענאַכעם־מענדל אין די נאַלעווקער קראָמען, דער גאַסן־הענדלער און אַפילע דער אַרבּעטער — אַלע האָבּן אויסגעהיט אין זיך עפּעס אייגנאַרטיקס פון סטיל.

די אידישע גאַס אין פּוילן איז טעאַטראַל.

צו די אייגנאַרטיקע נאַטירלעכע גרים־קאָמבּינאַציעס פון די אידישע זשעבּראַקעס אַף דער פּאַוויע און סמאָטשע האָט זיך אַפילע וואַכטאַנגאָוו אין זיין בּארימטן בּעטלער־טאַנץ ניט דערטראַכט; און דאָס געלע אידל מיט די געלע קוטשעראווע פּאָמעראַנצעווע בּאָרד און פּייעס, מיטן קוישל פּאָמעראַנצן, וואָס קלעטערט אַף די בּאַנען, ווי אַ מעגושעמדיק־גרויסע מאַלפּע, ווערט נאָך געוויס אָפּשטייגן אַף אַ לייוונט אָדער אַף אַ פּירעק פון אַ בּינע.

עפּעס אַ איבּערגעלאָדנקייט פון פּאַרבּ און פאָרם, אַ איבּערגעלאָדנקייט פון ניט־צעכאַסמעטע געבּיטן און קויעך, פאָטענץ און ליידנשאַפט.

און עפּעס איז דאָס אידישע פּוילן פאַרורטיילט צו ליידן דאַפקע פון אָט דעם איבּערפלוס פון קויכעס, פון צופיל פאָטענץ.

---

*) שטערן.

און דאָס ליידן איז פאַרשטענדלעך איבער מאַנגל אין אָרגאַניזירטקייט, איבער ניט קענען פלאַנמעסיק, מיט אַ שטרייננגער קינסטלערישער ציל-באַוואוסט-קייט און צוועקמעסיקייט אויסלאָדן אָט דידאָזיקע קויכעס.

דאָס אידישע פוילן טרינקט זיך ביז צום דערוואָרגן ווערן פון אַ פאַ-נאנדערפלייץ פון ליידנשאַפט, און קויעך און אָנגעזאַמלטער ענערגיע, וועלכע ווערן פאַנאַנדערגעשליידערט אין פאַרשיידענע זייטן אָן אַ שום נויטווענדיקייט און קינסטלערישער פאַרוועגדונג.

ווייל אין פוילן איז ניטאָ די געזונטע אָנפירערישע האַנט, עס פעלט דער געזונטער קינסטלערישער רעגולאַטאָר.

דידאָזיקע פאַרשווענדערישקייט פילט זיך אין אַלע געביטן פון אידישער קונסט, וועלכע לעבט אין זכות פון —

פון-צייט-צו-צייט דערשייגענדיקע וואונדערקינדער—סיי אין דער ליטע-ראטור, סיי אין דער פלאַסטישער קונסט, סיי אין טעאַטער.

ווייל ס'איז ניטאָ די געזונטע אָנפירערישע האַנט אין דעם קולטור-גע-זעלשאַפטלעכן לעבן, יענע האַנט, וואָס מוז קומען פון דעם איינציקן שעפע-רישן שיכט, וועמען ס'געהערט דער איבערבוי און די צוקונפט פון דער נייער אידישער קולטור —

די שעפערישע האַנט פון דעם אַרבעטער-קלאַס, וועלכע וועט קומען ערשט נאָך דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע אין פוילן.

מוז זיך דער טעאַטער דערווייל האַלטן אַפן וואונדערקינד, אַף דעם סאַמאָראָדאָק.

אַף דעם סאַמאָראָדאָק פונם מאַרק, פונם ווארשטאט אָדער פון דער ישיווע, אַפן סאמאָראָדאָק מיטן צייכן פון קראַנקער פענאָמענאַלישקייט און געניאַלקייט.

אַזוי קומט צו דער אַנטפלעקונג דער אַקטיאָר, דער רעזשיסאָר, אַזוי קומט אַמאָל דער שרייבער.

אָט אַזוי קומען זיי אַלע אָן אַ וועלכער ס'ניט איז טעאַטראַלער שול, אָן אַ וועלכער ס'ניט איז טעאטראַלער קולטור-באַזע, און אַזוי וועבן זיי זיך אויס,— אַזוי שנעל, ווי שנעל זיי באַווייזן זיך.

* *
*

אינם אידישן טעאַטער פון פוילן איז ניט פאַראַן קיין באַשטימטער קינסט-לערישער פלאַן פאַר שוישפּיל.

ס'זיינען ניט פאַראַן קיין פיעסן, וועלכע מע שפּילט אָדער ניט, ארויס-גייענדיק פון באַשטימטע קינסטלערישע אָדער געזעלשאַפטלעכע פּרינציפּן.

מע שפּילט אַלץ.

אַף איינער און דערזעלביקער בינע קאָן מע זען ווי ווּיקטאָר הוגאָ און די „קונילעמלס“, אַ יאַפּאָנישע פיעסע און „קאָלדוניע“, „ליבע, געלט און שאַנדע“,

אַ פראגמענט פון „באנאכט אפן אַלטן מאַרק", „מאלקעלע סאָלדאט" און „או־ריעל אקאָסטא".

און אלץ מיט דעמזועלביקן טראַגישן ערנסט, מיט דעם נאַאיוון פרימיטיוו.

מע קאן זען מארעווסקין, קוטנערן, סאמבערגן, לאנדויען, טורקאָוון א. א. אין דעמדאָזיקן רעפערטואר, ברענענדיק און טליענדיק צווישן דעם אַש פון אָנגעווייעטע, אָנגעשאָטענע סטאַטיסטן, וואָס האָבן זיך זאַנאַדעט אין טע־אַטר אַזוי צופעליק, ווי צופעליק ס'זיינען אנטפלעקט געוואָרן די עכטע טא־לאנטפולע אַקטיאָרן.

היינט אין דראמע, מאָרגן אין אָפערעטע, איבערמאָרגן אין טראגעדיע און ווידעראַמאָל פונם אָנהייב.

אַף איינער און דערזועלביקער בינע האָבן זיך פריינטלעך צונויפגעלעבט די פארשיידענע „בלאָנזנדיקע שטערן" און גאנצע „שטערנשאַפטן", און מע ריכט אָפּ די פונקציע טעאַטר —

— „מיט פארייניקטע קויכעס".

דאָס נעמט זיך הויפּטזאַכלעך דערפון, וואָס אין דער אידישער קונסט פון פוילן, פונקט ווי אין דעם גאנצן אידישן געזעלשאפטלעכן לעבן פון פוילן זיינען נאָך אדאיעם ניט דורכגעפירט געוואָרן די שאַרפע, שטרייגגע גרענעצן פון קלאסן־דיפערענציאציע.

דאָס גאנצע אידישע שאַפן איז דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון קלאל־איסראָעל־קולטור, זי איז געבויט אַפן פרינציפּ פון קולטור־אויצרעס פארן פאָלק און ניט אף אַ קלאסן־פרינציפּ, ניט אַף אַ צוזאמענשטויס פון פארשיידענע, קעגנזעצלעכע קולטור־געזעלשאַפטלעסע קויכעס און אידייען.

אַזוי אין ליטעראטור, אַזוי אין טעאַטר.

דעריבער האלט זיך ניט דער טעאַטר אַף אַ באשטימטן רעפערטואַר און ניט אַף קינסטלעריש־באשטימטע מעטאָדן און פרינציפּן פון שוישפּילערישער אינטערפרעטאציע.

די אידישע בינע איז אדאנק אָט דער געשטאלטלאָזיקער און אידייען־לאָזיקער פאראלגעמיינערונג געבליבן דער טעאַטראלער פראָטאָטיפּ פון דעם אמאָליקן ליטעראַרישן זשורנאל „אידישע וועלט".

* * *

דאָוויד הערמאַן מיט זיין באַרימטער ווילנער טרופּע האָט געפּרואווט אַף דעמזועלביקן קליינבירגערלעכן פרינציפּ פון פאָלקס־קולטור און פאָלקלאָר נעמען אַ ניי־פארמירט־קינסטלערישע ווענדונג אין אידישן טעאַטר פון פוילן.

ער האָט געפּרואווט געבן אַ קינסטלעריש־גאנצן אויסגעשיילטן קאָלעק־טיוו מיט אַ באשטימטער טעאַטראלער אידייע דורך זיין אייגענער קאָנצעפּציע פון אנ—סקיס „דיבוק".

און ס'האָט אים אין אַ געוויסער מאָס געלונגען.

אין אַ געוויסן זין איז דער „דיבוק" געוואָרן די צענטראלע אקס, ארום וועלכער ס'האָט זיך אַ שטיק צייט געדרייט די גאַנצע אידישע טעאַטראלע קונסט אין פּוילן.

דערדאָזיקער געלונגענער הערמאַן-ספּעקטאַקל האָט געקענט עפענען אַ נייעם וועג אי פאַרן אידישן טעאַטער, אי פאַר דער אידישער רעזשיסור און, אין א געוויסער מאָס, ווערן אַן אָנהייב פון אַ נייער עפּאָכע אין דער אידישער טעאַטראליק פון פּוילן.

דאָ איז געווען געוואַגטקייט און געלונגענער עקספּערימענט, סיי אין זין פון מאַטעריאַל, סיי אין זין פון רעזשיסור, סיי אין זין פון קינסטלערישן אָפּקלייב, און אויך אין אייניקייט און גאנצקייט פון אַנסאמבל.

דאָס איז דער ערשטער ספּעקטאַקל אין פּוילן, אין וועלכן דער רעזשיסאָר איז זיך באגאנגען מיטן מאַטעריאַל לויטן באַפעל פון אינדיווידועלער טעאַטראלער אינטואיציע און לויט אַ באַשטימטן קינסטלערישן פּלאן, באנוצנדיק זיך מיטן טעקסט אַף אַזויפיל, אַף וויפל ער שטערט אים ניט צו אויספירן זיין טעאַטראלע אידייע.

אין דער שווארצער אַרבעט פונם „דיבוק", בא די ערשטע צומעסטונגען פונם פּלאַן, זיינען אַפילע געווען מאָמענטן, וואָס זיינען אַדאַנק דעם טאלאנטפולן קינסטלער וו. ברוינער פארלאָפן דעם וועג וואַכטאנגאָוון אין דריטן אַקט, (צום ביישפּיל, די שיפּע פּלאַך פון רעבנס טיש באם בעסדן.

דאָס איז געווען דער ערשטער עקספּערימענט, ווען טעקסטועל האָט אַ רעזשיסאָר פארוואנדלט די פּיעסע אין רויען געשטאלטלאָזיקן שטאָף און זי געקנאָטן לויט אַן אייגענעם טעאַטראלן פּרינציפּ, אויסגעקנאָטן זי פון ליים און איבערגעשטעלט אין איר די באשטאנד-טיילן לויט דעם, ווי ס'האָט אים דיקטירט זיין טעאַטראל-קינסטלערישער געוויסן).

עמעס, דער שטאָף איז געווען איבערדאנקבאר פאר טעאַטראַלע עקספּערימענטן. וואו מע האָט זיך ניט אַ ריר געטון, האָבן זיך אופגעגראָבן גאַנצע פּלאַסטן פון אָנגעזאמלטן פאָלקלאָר און פון סטאַביליזירטער אייגנאַרטיקער קולטור.

מע האָט זיך אין דעם מאטעריאל פארכלינעט, אין דעם מאַטעריאל, אַף וועלכן אנ—סקיס „דיבוק" איז בלויז געווען אַ שוואַכע און ניט-קינסטלערישע אָנדייטונג.

און בא אַ אידישן רעזשיסאָר פון אַ גרויסער שול און פון אַ גרויסער טעאַטראַלער און אלגעמיינער קולטור וואָלט אָט דער שטאָף געקאנט פארוואנדלט ווערן אין אַ גרויסן מאָנומענטאלן טעאטראלן ווערק.

נאָר באַ די באגרענעצטע מעגלעכקייטן און אָרעמע באגריפן פון דער דעמאָלטיקער ווארשע איז אָט דער ספּעקטאַקל, אַפילע אַזוי ווי הערמאן האָט אים געגעבן, דאָך געווען אַ ציל-פּונקט, אף וועלכן ס'האָט זיך עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד אָריענטירט דער גאַנצער אידישער טעאַטער פון פּוילן, ווי אַף אַ פארהעלטניסמעסיק באדייטנדיקער פאָרמעלער דערגרייכונג.

פאַר יענעם צושטאַנד פונם אידישן טעאַטער אין פוילן איז אַט דער ספּעקטאַקל געווען עפּעס נייעס, וואָס האָט געצוואונגען איבערעווידירן דאָס גאַנצע געביט.

ער איז אַזוי אַרום געוואָרן דער קינסטלערישער באַראָמעטער פון דער אידישער טעאַטראַליק אין פוילן.

ער האָט געוואָלט זיין דער קינסטלערישער אָנגריף אף די איינגעפונדעוועטע טראַדיציעס פון עסטער-ראָכל קאַמינסקיס טעאַטער, דער קריג, וואָס דער פּסעוודאָמיסטיציזם פון פאָלקלאָר האָט דעמאָלט דערקלערט דעם נאַטוראַליזם, דעמזעלביקן נאַטוראַליזם, וואָס האָט זיך געוויגט צווישן פאָלקסטימלעכן פּורים־שפּילערישן באַלאַגאַן און דער העלדישער דראַמע.

און די מעטאַפיזיק פון הערמאַנס כסידעס האָט אף אַ צייט אַן אָטעם געטון אף דעם טעאַטער, און דער צושויער האָט אים אופגענומען אַף זיין אויפן מיט אַ פאַרגלאָצטער שאַלעשודעסדיקער רעליגיעזקייט.

ביז ער איז מיט אָט דער מעטאַפיזיק געוואָרן אַ גוטער ברודער און פאַרלוירן דעם אָפּשיי פאַר איר, ביז דער „דיבוק" איז אוועק אין די הויפן אף דער אַקטיאָרישער אויספירונג פון גאַט־אָרעמעלייט, ביז ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין עטנאָגראַפיע און אין פאָלקלאָר, און די אידישע בינע פון פוילן איז ווידער געבליבן פריי פאַר טעאַטראַלע עקספּערימענטן.

* *
*

אין וואָס־זשע איז אייגנטלעך באַשטאַנען דער טאָעס פון הערמאַנען, וואָס איז בא אַלע זיינע אופטועז דאָך אַזוי גיך געקומען צו באַנקראָט?

ס'וואָלט עפּשער געווען גענוג די באַהויפּטונג, אַז דער געזונטער אידישער פריילעכער טעאַטער, וואָס גייט פון פּורימשפּיל, האָט זיך אליין געווערט און דערווידערט קעגן די מיסטישע עקספּערימענטן איבער אים. און מער ווי אַ „מיסטישן גאַסטראָל" האָט ער ניט פאַרטראָגן; אָבער כוצדעם, איז דער טאָעס נאָך באַשטאַנען דערין, וואָס הערמאַן האָט באַזירט הויפּטזאַכלעך אף עטנאָגראַפיש־מיסטישן רעקוויזיט, אף אויסערלעכע עפעקטן, און ניט אַף קינסטלערישער פאַרטיפונג אין דער אופאַסונג; ער האָט זיך צופיל פאַרלאָזט אַף דער ווירקונג פון די „מיסטישע זאַכן", אַף די יענוועלטישע שטימונגען, וואָס אָט דער מיסטישער רעקוויזיט רופט אַרויס אַליין פאַר זיך; און דאָ האָט ער זיך געשטעלט אַ פאַרקן פאַר זיין ווייטערדיקער טעאַטראַלער אַרבעט; דער מאַטעריאַל פון „דיבוק" האָט אים אויסגעשעפּט, און קיין צווייטן „דיבוק" האָט דער ערשטער ניט געבוירן, און איבערטראָגן די „פאָרמעלע" דערגרייכונגען פון „דיבוק" אף אַנדערע פּיעסן איז געווען אומעגלעך, ווייל אין „דיבוק" האָט געשפּילט דער מאַטעריאַל אַליין, און די גאַנצע טעאַטראַלע רעוואָלוציע פון הערמאַנען איז עפּשער געווען בלויז אַ רעוואָלוציע פון ספּעציעל אידישן טעאַטראַלן שטאָף, און ניט פון קיין קינסטלערישער אַנטפּלעקונג; דעריבער האָט ער ניט געהאַט וואָס אַריבערצוטראָגן.

און אז דער „דיבוק״ האָט בּיכלאַל ניט געהאַט קיין רעאַלע קינסטלע־רישע אַכיזע אינם אידישן טעאַטער פון פּוילן האָבּן באַוויזן הערמאַנס ווייטער־דיקע פּרואוון á la „דיבוק״, וואָס האָבּן קיין דערפאָלג ניט געהאַט, וואָס האָבּן זיך אין טעאַטער ניט אָנגענומען און האָבּן, דאַגעגן, אָפּגעשטויסן.

צוויי יאָר נאָכאַנאַנד „דיבוק״ אין שטעט און אין שטעטלעך, און אין אַזאַ מאָס, אַז אַפילו די קאָנדוקטאָרן פון טראַמוואַיען פלעגן שוין אַזוי דוויי־קעסדיק אונטערברומטשן די ניגונים פונם מיראָפּאָלער צאַדיק, אַז ס׳האָט אָפּגע־שלאָגן דעם אַפּעטיט צו מיסטיק, האָט אַרויסגערופן אַ רעאַקציע, און ס׳האָט זיך פאַרגלוסט —

קאָמעדיע, אָפּערעטע, פּאַרס און נאָכאַמאָל פּורימשפּיל.

דערפאַר האָט די קינסטלערישע טרופּע פון טורקאָוון (קאַמינסקי), וואָס איז אָף דער צייט פון דער מיסטיק־עפּידעמיע געגאַנגען אָפּריכטן גאָלעס אין דער פּראָווינץ און אויספאָרמירט אַ געזונטן רעאַליסטיש־קינסטלערישן קאָלעק־טיוו אונטערן נאָמען: „וו. י. ק. ט.״ (וואַרשעווער אידישער קונסט־טעאַטר), דערפאַר האָט אָט דער קאָלעקטיוו אויך קיין דערפאָלג ניט באַקומען, לויט זיינע קינסטלערישע פאַרדינסטן, און אַלס אַ רעאַקציע אָף דער „מיסטיק״ איז אָנגעקומען אַ ליידנשאַפטלעך געיעג נאָך אָפּערעטע, נאָך קאָמעדיע, נאָך באַלאַגאַן.

און דעמאָלט, ווען דער טעאַטר „צענטראַל״, וואָס האָט אָף זיין בּינע אויסגעהאָדעוועט ספּעקטאַקלען פון הוגאָ, אַנדרעיעוו, אַש, הירשביין א. א. פון דעם אייראָפּייאישן רעפּערטואַר — מיט אַ גאַנצער גאַלעריי בּאַגאַבּטע אַקטיאָרן און איז לעסאָף פאַרביטן געוואָרן פון דער רעגירונג אָף אַ מעלוכישער מאָ־נאָפּאָלקע, און דעמאָלט, ווען טורקאָווס טרופּע מיט די בעסטע אַקטיאָרן שפּילן עפּשער פאַר די פּיל־ליידנדיקע אייגזאַמע ווענט פון קאַמינסקיס טעאַטר, — האָט זיך בּעשאָלעם אופגעשטעלט און צעבּליט די אָפּערעטע אָף דזשיקע און די קליין־קונסט־בינע „אַזאַזעל״ אָף נאַלעווקי.

און דער צושויער רוט אָפּ אין ביידע מיט גרויסמוטיקן פאַרגעניגן.

און דאָ הייבּט זיך ווידער אָן אַ נייע טעאַטראַלע עפּאָכע אינם אידישן פּוילן. די עפּאָכע פון לייכטן זשאַנר.

* * *

איצט איז דער אידישער דראַמע פון פּוילן, לויט דער צאָל פון אירע צושויער, געבּליבּן זיך צו טרייסטן מיט דער טרייסט פון ניטשע, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַמווייניקסטן לעזער, ווייל ער איז אַמערסטן אינטערעסאַנט.

בּאַ די אַלע טעאַטראַל־קינסטלערישע דערגרייכונגען, צו וועלכער ס׳איז געקומען דער „וו. י. ק. ט.״, בּאַ דעם אָפּגעקליבּענעם ריינעם רעפּער־טואַר און בּאַ דער הייך פון זיין שפּילן, שרעקט זיך דאָך פאַר אים דער צו־שויער. און ער שפּייזט זיך זייער געשמאַק אין „אַזאַזעל״ און אין „סקאַלאַ״, איצטער „סאַמבּאַטיען״.

און דאָס אינטערעסאַנטסטע און מערקווירדיקסטע פון דעם איז דאָס, ווי די רעאַלע, לעבעדיקע און קינסטלערישעווירקלעכקייט האָט אליין איבער-געגרופירט לויט איר קאַפּריז די טעאַטראַלע קויכעס און דאַוויד הערמאַנען אַריינגעזעצט אין „אזאזעל" אלס רעזשיסאָר.

פונם מיסטישן „דיבוק" ביז דעם „אַמעריקאַניזירטן סקעטש".

און פּונקט ווי דער פּוילישער „קווי-פּראָ-קוואָ" און דאָס צווייטע ענ-לעכע טעאַטערל האָט אַרויסגעריסן פון דער דראַמע דעם צושויער און אים אַריינגענומען אַביסל דערוואַרעמען און דערפרייען צו זיך, אַט אַזוי האָט דער „אַזאַזעל" און די „סקאַלא" אריבערגענומען דעם אידישן צושויער צו זיך אַף זאַפטיקע טעאַטראַלע קעסט.

— וואָס איז „אזאזעל"?

— און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר „סקאַלא", וואָס בא היינטיקן טאָג זיי-נען זיי די טעאַטראַלע שלאַגערס אין פּוילן?

— „אזאזעל" איז אַ לייכטע טעאַטראַלע רעווי פון קליינע פראַגמענטאַ-רישע נומערן אַף טאָג-טעמעס, שאַרזשן, פּאַראָדיעס, לייכטער באַלעט און געזאַנג.

קיין פּוילן האָט אַט דעם מין רעווי געבראַכט איינע פון די רוסישע וואַנדערנדיקע טרופּעס, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער גאַנץ אייראָפּע אונטער פאַרשיידענע נעמען:

„Золотой петушок", „Синяя птица" און „Карусель".

זיי גאַסטראָלירן די לעצטע פינף יאָר אין דייטשלאַנד, אין בעלגיע און פראַנקרייך און מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז איינע פון זיי (די „Синяя птица") געקומען קיין פּוילן און גאַסטראָלירט מיט אַ ריזיקן דערפאָלג. מיט אזא דער-פאָלג, אַז די פּאָליאַקן האָבן אַזש פאַרהאַלטן דעם רעזשיסאָר פון אָט דער טרופּע און מע האָט געגרינדעט אַן אייגענעם פּאַטערלענדישן „בלויען פויגל" אונטער דער פירמע „קווי-פּראָ-קוואָ", און אין גאָר אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן דאָס פּאָפּולערסטע פאַרווייליגגס-טעאַטערל אין וואַרשע.

דאָרט האָט מען געהאַט אַ קינסטלעריש אויסגעפירטע פּראָגראַם מע-איניאָנע-דעיוימע, אַ גוטן באַלעט, געזאַנג, אַ „פריינטלעכן שאַרזש"—פאַרשטייט זיך, אַף אידן, אַ גוטן סקעטש א. ד. גל.

אָבער דער דערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז באַלד האָט זיך אויפ-געעפנט נאָך אזא ענלעך טעאַטערל, און אויך מיט ניט קיין קלענערן דערפאָלג.

פונדאַנען שטאַמט דער „אזאזעל", וואָס האָט זיך געשטעלט דיזעלביקע קליינקונסט-ציל.

אָבער צו דער צייט, ווען „אזאזעל" טרעט-צו צו זיין אַרבעט, האָט שוין וואַרשע ניט געהאַט קיין שטענדיקן אידישן טעאַטער, און „אזאזעל" האָט געדאַרפט פאַרבייטן דאָס לעצטע, כוץ זיין אייגנטלעכער פּראָגראַם, נאָך מיט אַקטאָוקעס און פראַגמענטן פון אַ ריין-דראַמאַטישן כאַראַקטער.

פאר ווארשע איז דער „אזאָזעל" געווען אן עמעסע אָפּפרישונג.

יונגע כעוורע סטודיאַנטן, „יונגע מיסטיקער" פון הערמאנס טעאטראלער סטודיע האָבן זיך אף דעם טעאַטערל אַ וואָרף געטון מיט אַ גרויסער אויסגע-דאָרשטקייט און ברען. מע האָט צוגעצויגן די בעסטע אידישע מאָלער פון פוילן, ווי בערלעווי, וויינטרויב, גאָלדשלאק א. א., ס'זיינען צוגעשטאַנען אף מיטצוהעלפן קימאַט דער גרעסטער טייל זשורנאליסטן-הומאָריסטן, ווי גאָדל-מאן, טונקעלער א. א., ס'איז זיי גלייך צו הילף געקומען דער באגאַבטער יונגער קאָמפּאָזיטאָר הענעך קאָן, דער מעכאַבער פון א אידישער אָפּערע „דאָוויד און באסשעווע". פון די אַקטיאָרן האָבן ביסלעכווייס אַנגעהויבן אַריבער-גיין איינער נאָכן אַנדערן גאַנץ אָנגעזעענע פון דער דראמע: לעכאטכילע גא-דיק, סאנדלער, און איצט זעט מען שוין דאָרטן אויך לאנדויען — און אומבא-מערקטערהייט האָט זיך פּאַוואָלינקע אָנגעהויבן וועבן אף די נאלעווקעס אַ געשיכטע פון אַ נייעם טיפּ אידישן קליין-טעאַטר.

אַ אידישער סקעטש, אַ ריין אידיש-כסידישער שימי, א שאַרזש אפן רייכן אַמעריקאנער פעטער, וואָס קומט טיילן נעדאָוועס פון געזעלשאפטלעכע געלטן צו די אומגליקלעכע ברידער פון דער זייט יאַם, אָ סאַטירע אַף פּאָר-שטייער פון דער געזעלשאפטלעכקייט, פּרעסע, פּארטייען, דורכגעפלאָכטן מיט געזאַנג און באַלעט, פארשיידענע מינים טיפּן פון דער ווארשעווער גאס, און אַלץ איז אופגעשטעלט געוואָרן מיט קינסטלערישער זויבערקייט, און נאָך די ערשטע פּאָר ספּעקטאַקלען איז דער „אַזאָזעל" אנערקענט געוואָרן פאַר אַ טע-אַטראלן פאקטאָר, וואָס האָט באלד ארויסגערופן אַ צווייטן טעאַטר פון דעמ-זעלבן מין — דעם „סקאלא-סאמבאטיען".

צווישן דעם „אזאָזעל" און „סאַמבאטיען" איז, אלס פאָר-עטאַפּ צו דעם לעצטן, געשאפן געוואָרן דער „סקאלא", וואָס האָט באוויזן אין זייער אַ קורצער צייט דורכצומאכן עטלעכע פארשיידענע טעאטראלע געשטאלטונגען.

אָנגעהויבן פון דראמע, אַריבער צו קאָמעדיע און לעסאָף מעגולגל גע-וואָרן אין דעם „סאמבאטיען".

אָט די אַלע ארויסגערעכנטע אומוואנדלונגען האָבן געדויערט אַנערעך פון איין האלב יאָר.

איצט סטאבּיליזירט זיך דער טעאַטר „סקאלא" אַף דער פּראָגראם פון „סאמבאטיען", וואָס איז דער אינגערער ברודער פון „אזאָזעל".

דאָס זיינען די צוויי הערשנדיקע אידישע טעאַטערלעך אין פוילן באַ היינטיקן טאָג.

איצט גייט דער „אזאָזעל" פארנעמען איינעם פון די גרעסטע טעאַטער-זאַלן אין שטאָט, דעם „עליזעאום", און די דראמע מיט טורקאָוון בעראָש ליידן אין דער שטיל, ווי הייליקע, און שפּילן מערסטנטיילס —

פאר זיך.

פארן אייגענעם קינסטלערישן געברויך.

אַ גרעסערער טייל אידישע אַקטיאָרן פון פּוילן זיינען זיך צעפּאָרן איבער דער וועלט.

די ווילנער טרופּע איז זיך אַ פּאָר יאָר צוריק צעקראָכן און איז איינ־געשלונגען געוואָרן: טיילוויס פון אַמעריקע, טיילוויס פון רומעניע, אַ טייל פון זיי זיינען געבליבן איינציקע קוסטאר־גאַסטראָליאָרן.

זשעליאַזע — אין אַמעריקע, מאָרעווסקי — אין ריגע, סאמבערג — אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, קוטנער איז אויך ערגעץ אוועק, און די איבעריקע, אויסער טורקאָוו קאָלעקטיוו „וו. י. ק. ט.", האָבן זיך אזוי צווישן יאָ און ניין אופגעכאַפּט אַף דער דיניגקער וועגטקע פון „אזאָזעל" און „סאַמבאַטיען".

* * *

אַז אין דעם אידישן שוישפּיל פון פּוילן האָבן מיר צו טון בלויז מיט אַקטיאָרן, און ניט מיט קיין טעאַטער אין ברייטן סאָציאַל־גיזעלשאַפטלעכן זין פון וואָרט, האָט באַשטעטיקט דער פאַקט פון דער לייכטקייט, מיט וועלכער ס'זיינען צעשרויפט געוואָרן די פּאָר בינעס, און ווי לייכט זיי האָבן זיך צו־געקלעפּט צו די דין־באַהאָניקטע ברעטער פון „אזאזעל" און „סאַמבאַטיען".

מע מוז דאָ אומבאַדינגט באַמערקן, אַז אַזעלכע דערשיינונגען זיינען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס ארויסגערופן געוואָרן, רייַשיס, דורך דער עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע פונם אידישן אַקטיאָר אין פּוילן, וועלכן ס'איז לעצטנס אויס־געקומען צו עקזיסטירן אַף אַ קלאָגלעכער סומע פון 50—40 זלאָטעס אַ וואָך, דאָס הייסט פון 12—8 רובל. אַ טייל פון זיי האָבן דאָס אויך ניט געהאַט, בא אַ באַדייטנדיקן טייל ניט־באַשעפטיקטע אינגאַנצן.

אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען איז ארויסגעקומען קימאַט אַף אַ קינ־סטלעכן אויפן דערהאַלטן, אָפּרופן און אָפּשרייען דעם קיום פונם טעאַטער.

ס'כאַפּט זיך נאָך פון צייט צו צייט אַראָפּ אַ גרויסער אַקטיאָר, ער גיט אַ וואַרעם אָן די פאַרשעמטע סצענע פון אַן אויסגעבאָרגטן טעאַטער און — פאַרביי.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אויך די צעזייטקייט און ניט־שטאַנדהאַפטיקייט פונם אידישן טעאַטער האָט ניט דערלאָזט, ס'זאָל זיך אויסוועבן אַזעלכע ס'ביט איז פאַרייניקנדיקע טעאַטראַלע אידייע, עפּעס אַן איינהייטלעכער טעאַטרא־לער וועג.

יעדער אַרטיסט פאַר זיך האָט אינטואיטיוו אָנגעשמעקט זיך, אָנגעזאַמלט זיך מיט די אָדער יענע טעאַטראַלע שטימונגען פון מאַירעוו און פון ראַטנ־פאַרבאַנד, מיט די אָדער אַנדערע טעאַטראַלע דערגרייכונגען. ער טראָגט זיך מיט זיי אַרום אין זיך און וואַרט „אַף דער געלעגנהייט צו דעביוטירן מיט זיי „סאָלאָ".

ס'איז ניטאָ די לאָגישע און נויטווענדיקע בינדונג פון איין שול מיט דער אַנדערער: סיי אין דעם קאָלעקטיוו, סיי אין דעם אקטיאָר אינדיווידועל.

פֿאַרייניקן פֿאַרייניקט נאָר די אָפּערעטע.

דאָרט, וואו מע טאַנצט זיך אויס, און דאָרט, וואו מע כאַפּט אַ זעמערל פּונקט ווי אַ ביסל בראָנפֿן.

ס'איז אָפּטמאָל איינפֿאַך זייער פֿיינלעך צוצוקוקן, ווי אַן אַלטער סטאַזשירטער דראַמאַטישער אַרטיסט זיצט אין אָפּערעטע און שעמט זיך אויסברייגגען דאָס קליינגעלט פֿון זיין שונדאַרטיקער רעפּליק.

אָט אַזוי טאַקע שמייכלט ער פֿאַרשעמט אַראָפּ צום אוילעם, ווי איינער זאָגט:

— נו, וואָס קאָן מען טון?

— פֿון הונגער שטאַרבן ווילט זיך ניט!

— גיט אונז אַ טעאַטער, וועלן מיר שפּילן דאָס, צו וואָס מיר זיינען באַרופֿן!

ס'איז זייער מעגלעך, אַז דאָס, וואָס מיט אזא רייכן טאַלאַנטפֿולן קאַדר פֿון אידישע אַקטיאָרן האָט פּוילן ניט געגעבן קיין גרויסן קונסט-טעאַטער, מעגלעך, אַז אין דעם איז שולדיק דאָס, וואָס זיי האָבן פֿאַר די לעצטע פֿינף—צען יאָר פֿונם אלגעמיינעם טעאַטראַלן רענעסאַנס ניט געהאַט דעם לעבעדיקן צופֿלוס פֿון דער טעאַטראַלער מאָסקווע, און זיי זיינען דערביי ניט געווען פֿאַרסטראַכירט מיט די זיכערע באַשטענדיקע בינע-ברעטער.

עפּשער איז דאָס לעצטע נאָך אַ שווערערע סיבע! און אַז זיי זאָלן קיין שטענדיקע בינע-ברעטער ניט האָבן און זיין געצוואונגען צו וואַנדלען ווי ציגיינערס: פֿון דער געטאָ אַף אָבאָזשנע, פֿונדאָרטן אַף לעשנאָ און פֿון לעשנאָ צוריק אַף דער געטאָ, וועגן דעם האָט שוין זייער געטריי געזאָרגט די פּוילישע רעגירונג, וואָס זי האָט זיך אויסגעצייכנט לעצטנס מיט אזא ברייטן „קולטורעלן זשעסט"—מיט צונעמען אַ געביידע פֿון אַ אידישן טעאַטר פֿאַר נאָך אַ מעלוכישער מאָנאָפּאָלקע.

י. לובאָמירסקי

די דראַמקרייזן אין די אַרבעטער-קלובן, קוסטאַר-קלובן און לייענשטיבלעך.

אונזערע דראַמקרייזן האָבן פאַר די יאָרן 1926—1917 דורכגעמאַכט אַ גאַנ-צע ריי עטאַפּן זייער און זייער באַלערעוודיקע. קיין שום אַנדער געביט פון קלוב-אַרבעט האָט ניט אַרויסגערופן אַזאַ מין שטורמישן, מאַמעשליידנשאַפט-לעכן קאַמף פון מיינונגען און ריכטונגען, ווי די אַרבעט פון די דראַמקרייזן.

צוליב קלאָרקייט און פּאָשעטקייט, אויך מאַכמעס מאַנגל פון פּלאַץ, וועלן מיר די געשיכטע פון די דראַמקרייזן צעטיילן בלויז אַף צוויי פּעריאָדן:

1) ביזן סאָף פון 1922 יאָר און

2) פון 1922 יאָר ביז איצט.

1. דער אלטער דראַמקרייז.

אין די יאָרן 1919—1917 איז דער דראַמקרייז אין אַרבעטער-קלוב, ניט געקוקט דערויף, וואָס דעם טראָפּ האָט מען דאָ געשטעלט אַף דעם האָרע-פּאַשניק, פּאָרט געווען אַ קאָשער קינד פון די אַלטע דראַמקרייזן. איך מיין— פון די דראַמקרייזן, וואָס האָבן זיך באַ אונז געמערט און געפּרוכפּערט אין די יאָרן פונם ערשטן רעוואָלוציאָנערן אופבּרויז — 1906—1905.

וואָס-זשע אַזוינס איז געווען דער דראַמקרייז אין יענע יאָרן?

דאָס איז געווען דאָסראָוו אַ אינטעליגענטישער אופּטו.

די רעדלפירער אין די דראַמקרייזן זיינען דאַן געווען אָדער יונגעלייט — אינטעליגענטן, צי האַלבע אינטעליגענטן, — וואָס האָבן געהערט צו פאַרשיידע-נע פּאַרטייען, ווי „בונד", „ציאָניסטן-סאָציאַליסטן", „סיימאָווצעס", אָדער יונ-גע ציאָניסטן מיקאָלאַמינים, דאָסראָוו פון „לינקן" ציאָניזם. אָרום זיי פּלעגן זיך גרופּירן פּאָליטיש-פּאַרעווע אינטעליגענטן, וואָס זיינען שוין ניט געגאַנגען אין קלויז און בעסמעדרעש און געווען אַביסל אָנגעשמעקט מיט נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק אָדער נויטע געווען צו קונסט-אַרבעט. עס פּלעגן אַהער אַריינפאַלן צייטנווייס אויך איינציקע אַרבעטער פון די מער אַנטוויקלטע.

צוליבֿ וואָס פלעגט מען שאַפן דראַמקרייזן? גיכער פון אַלץ צוליבֿ דער האַכנאָסע: קעדיי אָנפילן די ליידיקע קאַסע פון דער אָדער יענער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, שאפן אַ ביבליאָטעק, שטיצן אַ שול. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ ציל פלעגט באַוואוסטזיניק שטעלן זיך בלויז דער איניציאַטאָר, אָדער אַ קליין הייפל איניציאַטאָרן. די איבעריקע פלעגן צושטיין צו דער שפיל דעריקער — מאַכמעס זייערע סימפּאַטיעס צו ליבהאָבעריי.

פיל דראַמקרייזן פלעגן אופקומען אַדאַנק דערווירקלעכער טעאַטראַלער באַדערפעניש פון געוויסע שיכטן אינטעליגענץ און קליינבירגערלעכער באַפעלקערונג.

כוצדעם, האָט דער אידישער פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער, וואָס איז דאַן געווען אין כאַאָטישן צושטאַנד — אַן עמעסער יוירעד! — שוין לאַכלוטן ניט באַפרידיקט די גרעסטע מערהייט פון דער אידיש-דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ און אַרבעטערשאַפט, און אַלס איינער פון די וועגן צו אַ מאָדערנעם אַנשטענדיקן טעאַטער איז אָנגענומען געווען דער וועג פון שאַפן היימישע, אָרטיקע דראַמקרייזן. אַזעלכע דראַמקרייזן פלעגן זיך פריער פאַר אַלץ שטעלן די אופגאַבע צו געבן אַ געלייטערטן רעפּערטואַר. אַנשטאָט שונד-אָפּערעטעס פון אַמעריקאַנער און אָדעסער שניט, פלעגט מען נעמען די דראַמען פון אַש, פּינסקי, שאָלעם-אַלייכעם, הירשביין (שפּעטער איז עס געוואָרן מאַמעש אַ אידישיסטישע מיצווע-זאַך). אַזוי אַרום זיינען די דראַמקרייזן אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן יענע קאַנאַלן, דורך וועלכע עס פלעגט פליסן די אָנגעקליבענע קינסטלעריש-שעפערישע ענערגיע פון די געזעלשאַפטלעכע אַקטיווע, נאָר געפּענטעטע פערזענלעכקייטן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט די מערהייט אַנטיילנעמער מינאַסטאַם ניט געוואָלט אָפּגעבן זיך קיין קלאָרן דינוועכעשבן, צוליבֿ וואָס זיי נעמען אַנטייל אינעם ספּעקטאַקל. אַבי צייט צו פאַרברענגען, זיך אַמוזירן — צוליבֿ דעם אַליין האָט שוין געלוינט צו ווערן אַ ליבהאָבער. און — ווער ווייס? עפּשער וועט זיך טאַקע אַרויסווייזן, אַז דער אָדער יענער איז טאַקע אַ „טאַלאַנט פון גאָטס גענאָד".

ס׳ראָוו דראַמקרייזן פלעגט געבוירן ווערן *צופעליק*, קימאַט סטיכייאיש.

עס פלעגט עמעצן, אַ יאָכיד, אופקומען אַ געדאַנק צו שטעלן אַ ספּעקטאַקל, אַמאָל פלעגט אַ געוויסע אָרגאַניזאַציע באַשליסן צוליבֿ מאַנגל אין מיטלען שטעלן אַ ספּעקטאַקל — האָט מען זיך גלייך גענומען באַקן אַ פאָרשטעלונג!

אָפט פלעגט זיך מאכן, אַז אַזאַ אונטערנעמונג פלעגט פּלאַצן, איידער עס פלעגט קומען צו אַן עפנטלעכער אַרויסטרעטונג.

דאָס איז דאָך שוין אַ באַקאַנטע זאַך: אין אַזעלכע אונטערנעמונגען, ווי שטעלן אַ ספּעקטאַקל, וואו די אַנטיילנעמער זיינען *פרייוויליקע מענאַדווים*, איז פון דיסציפּלין אָפּגערעדט.

אַ מוירעדיקער מישמאַש, רייסערייען, אַסאַך טומל און ווייניקער פאַר אַלץ — טיכטיקע פּרוכטבאַרע אַרבעט.

ס'ראָוו ליבהאָבער, דורכלאָזנדיק אַ רייי רעפּעטיציעס, האָבן די ראָלן ניט געוואוסט, די מיזאַנסצענעס (פאַרשיידענע איבערגרופּירונגען אַף דער בינע) פלעגן זיין פאַרפּלאָנטערט; צוליב געקריינקטן האָנאָר פלעגט מען זיין צע-קריגט מיטן אָנפירער פון קרייז און מע פלעגט אונטעררייסן דעם ספּעקטאַקל.

און דעריקער — קיין שום געפיל פון אַכראַיעס... „היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס — גיט מיר אַ גראָשן און וואַרפט מיך אַרויס" — אָט דאָס ווערטל, וואָס פלעג אַמאָל געברויכט ווערן בענוגייע דעם קליינשטעטלדיקן פּורים-שפּילער, איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר דעם ליבהאָבער פון פיל דראַמ-קרייזן.

2. די נאָכאָקטיאַברשע דראַמקרייזן.

אָט די גרונט-שטריכן פון די אַלטע דראַמקרייזן — צופעליקייט, ניט-דיסציפּלינירטקייט און העפקייריעס — זיינען אַריבער בירושע צו די דראַמקרייזן, וואָס האָבן גענומען אומגעהייער וואַקסן, ווען עס האָט געזיגט די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע.

עס איז אינטערעסאַנט, ווי נ. קרופּסקאַיאַ כאַראַקטעריזירט די דראַמקרייזן-גערעטעניש פון יענער צייט:

„נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע זיינען אומעטום אויסגעוואַקסן דראַמ-קרייזן. וואו נאָר עס פלעגט זיך געפינען אַ געזעלשאַפטלעכער גרויסער לאָ-קאַל, האָט מען אים אויסגענוצט צוליב ספּעקטאַקלען.

אַ. וו. לונאַטשאַרסקי האָט דאַן אין אַ שמועס זיך אַרויסגעזאָגט, אַז בא אונז אין איין גובערניע איז פאַראַן מער טעאַטרען, איידער אין גאַנץ פראַנקרייך.

ס'אַראַ גוואַלדיקע צוציאונג-קראַפט פאַר דער יוגנט האָבן פאַרמאָגט די ספּעקטאַקלען. וויפל קויכעס, ענערגיע פלעגט מען אַריינבראָקן אין זיי און ווי מעכטיק פלעגן זיך דערביי פאַנאַנדערוויקלען די שאַפונגס-קרעפטן פון דער יוגנט!".

די ראַטנמאַכט האָט פון לעכאַטכילע אָן גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע, אָרגאַניזירנדיקע קראַפט עס שטעקט אין קונסט.

ווער פון אונז געדיינקט ניט די גרויסע מאַסן-פאַרשטעלונגען, די גראַנדי-עזע קאָנצערט-מיטינגען, די ריזיקע פלאַקאַטן, וואָס האָבן מיט קוילעקוילעס געשריען פון אַלע ווענט! דאָסגלייכן איז אויך אָנגעווענדט געוואָרן אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט אַף דער קולטיווירונג פון קונסט אין די אַרבעטער-קלובן.

איז שוין דער דראַמקרייז געוואָרן ניט בלויז אַ פּריוואַט-זאַך, ווי פריער. אָנפירנדיקע מעלוכישע בילדונג-אַנשטאַלטן האָבן גענומען אונטער זייער האַש-

גאָכע אַפילע אַזאַ קליינעם קולטורעלן אופטו, ווי אַ דראַמקרייז. מע האָט ניט געקאַרגט קיין מיטלען און קיין אינטעלעקטועלע קויכעס און מע האָט פון דער ברייטער האַנט געקעכלט די דראמקרייזן. אַזוי, צום ביישפיל, איז אין דער אידישער אָפטיילונג פון אַלאוקראינישן טעאַטראַלן קאָמיטעט (BYTEKOM) געווען אַ ספעציעלע סובסעקציע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון אידישע דראַמאטישע קרייזן אין די אַרבעטער-קלובן.

מע פלעגט איינלאַדן אַרטיסטן-פאַכמענער צו פירן די אַרבעט אין די דראמקרייזן. און אַרטיסטן זיינען מיט גרויס פרייד געלאָפן אין די קלובן: אַסאַך פון זיי — צוליבן פאַיאָק (אין טעאַטר גופע איז אויסגעקומען צייטנווייס צו לייגן די ציין אַף דער פאָליצע), די בעסערע — ווייל זיי האָבן געוואָלט מע-זאַקע זיין דעם פראָלעטאַריער מיט דער „הייליקער” קונסט.

פיל פון די דראמקרייזן זיינען מיט דער צייט גאָר אינגאַנצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סטודיעס, אין שולן פון דראמאטישער קונסט.

אזעלכע אופטוען, פאַרשטייט זיך, האָט זיך געקאָנט דערלויבן בלויז די גרויסע שטאָט. אין די קליינע שטעט האָט מען, ווי פריער, „געהאַקט א טשאַי-ניק”. ניט מער — ביז דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע איז עס געווען סטאַם א דראמ-קרייז, איצט עס געווען א דראַמקרייז אונטער דער פאָן פון אן אַרבעטער-קלוב, און געהייסן האָט עס — ספעקטאקלען צוליב דעם האָרעפאשניק. אינדער-עמעסן אָבער האָט דער אַרבעטער, דער מאַסאָוויק, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע געהאַט צו די אַלע דראַמקרייזן, צו די סטו-דיעס פונקט אַזאַ קנאַפע שאַיכעס, ווי פריער. די ספעצן-אַרטיסטן, אָדער די אינטעליגענטישע דורכגעטריבענע ליבהאָבער, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די דראַמ-קרייזן אָדער די סטודיעס, האָבן פאָרט זיך געצויגן צו דעם ליבהאָבער דעם אינטעליגענט. דאָ האָט געשטעקט א פּאָשעטער סייכל: מיטן אינטעליגענט איז געווען לייכטער צו אַרבעטן, צו „שפילן טעאַטר”. אָפט פלעגט מען בעקיוון ניט צולאָזן דעם מאַסאָוון אַרבעטער. די „ספעצן” פלעגן האָבן אַ טערעץ: מיט דער „הייליקער” קונסט איז ניט יעדערער א מעכוטן — דאָ דארף מען אויסדערוויילטע. און אונטער דער מאַרקע פון „הייליקער קונסט” פלעגט מען דורכשלעפן די עמעסע כאַלטורע.

וועגן דער שטימונג, וואָס אַזא סאָרט קרייזל-אָנפירער האָט געקאָנט אריינ-טראָגן אין דראַמקרייז, זאָגט איידעס אזאַ פאַקט.

אין אַ בוך, וואָס איז אַרויס אין 1922 יאָר, וואו עס ווערט גענוי באַ-האַנדלט די קונסט-אַרבעט אין די אַרבעטער-קלובן, געפינען מיר אזא מין גע-באָט פאַר דעם טעאַטראַלן אינסטרוקטאָר פון קלוב: „מע מוז באזונדערס אַכטונג געבן, אַז דער אינסטרוקטאָר זאָל ניט פאַרוואנדלט ווערן אין א פּאָליטיקער, ווייל דאָס, וואָס עס דערלאנגט אונז די צייטונג, האָט קיין שום שאַיכעס ניט צו „קונסט”.

און, ווירקלעך, ווי אַנדערש האָט געקאָנט קו[illegible]ן אַף זיין ארבעט אין קלוב

דער טעאטער-ספעק, וואָס איז אין געזעלשאַפטלעכן זין אין דער מערהייט געווען אַ גאָרניט און, דוכט זיך, אַדאַיעם פאַרבליבן אַ גאָרניט?

אָבער אין יענער צייט איז ער דאָך אָפטמאָל געווען דער טאָנגעבער אין קלוב. פאַר אים האָבן דערעכערעך געהאַט אָנגעזעענע קולטור-טוער, אפילע פאַרטייאישע. און אויב ער האָט געדאַרשנט, אַז דער קלוב איז דעריקער אַן אָרט פאַר דער פרייער, ד. ה. אַפּאָליטישער שאַפונג פון אַרבעטער, האָט מען אים ניט דערווידערט. און עס איז דאָך געווען „אין אַ צייט אזא": בירגער-קריג, הונגער, עפידעמיעס, מיליטערישער קאָמוניזם; ווען אַלע ווינקעלעך פון לעבן זיינען געווען אָנגעזעטיקט מיט אַגיטאַציע ניט נאָר דורך וואָרט, נאָך מער — דורך טאַט; ווען די פּאַרטיי-מיטגלידער זיינען געווען אַלע ביז איינעם צעזייט איבער די אָנצאָליקע שלאַכט-פעלדער, אַז פאַרשיידענע וויכטיקע פּאָסטנס פון אלערליי מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע געביטן. איז אין אזעלכע ביטערסטע טעג, ווען איבער דער עקזיסטענץ פון די סאָציאַליסטישע רעפּובּ-ליקן איז געהאַנגען אַ בלאָנקענדיקער שווערד, האָט מען זיך אַף די קלובן ביכלאַל און אַף די דראמקרייזן זייערע ביפראט קאַרג-וואָס געקאָנט ארומקוקן, און אַ צייט האָבן דאָרט געבאלעבאַטעוועט אומפּאַרטייאישע טוער פון אויסער-שולבילדונג.

בא אונז, אַף דעם אידישן געביט, האָבן זיך אַ סאַך קלובן געפונען אין די הענט פון פאַרברענטע אידישיסטן, פון וועלכע ניט קיין קליינע צאָל זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דער פאַרעווער קולטור-טרעגעריי פון דער געווע-זענער „קולטור-ליגע", און האָבן באוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק גע-היט זיך פונם אַריינטראָגן פּאָליטיק אין קלוב.

כאראקטעריסטיש איז אין דעם זין אַ רעזאָלוציע פון אַ קאָנפערענץ פון קלוב-אַרבעטער, וואָס איז פּאָרגעקומען אין 1923 יאָר. מיר געפינען דאָרט אזא טעזיס: „דער קלוב דאַרף, לויט דעם מעטאָד פון זיין אַרבעט, זיין אומפּאַרטייאיש".

אָבער אינדערזעלביקער צייט, ווען אַסאך פון די דראַמקרייזן האָבן זיך פאַר-שלאָסן אין די דאַלעדאַמעס פון סטודיע-אַרבעט, געטריבן קרייזל-פּאָליטיק און אויסגעאַרבעט אַ מין אויסדערוויילטן טיפּ פון קרייזל-לייט, האָט זיך אָנ-געמערקט אַ שפּאָגל-נייער פּראָצעס אין קלוב:

מ אַ ס ן - אַ ר ב ע ט — אין דער פאָרם פון אַגיט-געריכטן, ליטעראַרישע גע-ריכטן, וואַנט-צייטונגען, קעסטל-אָוונטן, ערשטע שפּראָצונגען פון אַרבקאָרישער באַוועגונג און די ל ע ב ע ד י ק ע צ יי ט ו נ ג.

(ווי באַוואוסט, איז די לעבעדיקע צייטונג לעכאַטכילע געווען ניט מער, ווי אַ מינדלעכע צייטונג, וואָס פלעגט פאָשעט פאָרגעלעזן ווערן אין קלוב, אָן שום פוצן, דורך 3—4 פערזאָנען, פאַר דער קלוב-אוידיטאָריע. ערשט שפּעטער איז זי צוביסלעך מעגולגל געוואָרן אין דער קינסטלערישער פאָרם, אין וועל-כער מיר זעען זי איצט).

3. די איבערקערעניש אין דעם דראַמקרייז.

די נייע פאָרמען פון מאַסן-אַרבעט אין קלוב האָבן זיך אָנגעהויבן איינבירגערן צו יענער צייט, ווען דער מיליטערישער קאָמוניזם האָט שוין פאָרגעשטעלט מיט זיך א דורכגעמאַכטן עטאַפּ. די פריערדיקע אַגיטאַציע-פאָרמען — קאָנצערט-מיטינגען, פלוג-מיטינגען, פלוג-בלעטלעך — האָבן אָנגעוואוירן זייער פריערדיקע קראַפט, און אויך דער קוק אַפן קלוב האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט.

די קלוב-אַרבעט איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע מיטלען פאַר פאָליטישער דערציאונג. דער XIII-טער צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי האָט אין די רעזאָלוציעס וועגן אויסערשולבילדונג בעפיירעש אונטערגעשטראָכן, אז דער קלוב איז מעכויעוו פריער פאַר אלץ צו געבן אַ קאָמוניסטישע דערציאונג דעם לענינשן „צורוף”, און אריינציען וואָס מער אומפאַרטייאישע אין דער קלוב-אַרבעט ביכלאַל און אין די פאָליטישע קרייזן ביפראַט.

נאָר דאָס אַליין איז נאָך קאַרג: דער קלוב דאַרף ווערן די קוזניע, וואָס שמידט אויס פון רויע אַרבעטער באוואוסטזיניקע און אַקטיווע מיטגלידער פונם פראָפאַריין. פאַרן קלוב זיינען געשטעלט געוואָרן נייע פאָדערונגען.

הייבט זיך אָן א קאַמפּאַניע וועגן פאַרגרעסערן און אויסבעסערן די פּראָדוקציע און ביליקער מאַכן די סכוירעס — דאַרף עס געפינען דעם הילכיקסטן אָפּקלאַנג אין קלוב.

פירט מען א קאַמף מיט רעליגיעזן אלטוואַרג — דאַרף דער קלוב זיין דער ערשטער.

און דעריקער — איינפלאַנצן און אָפּשפיגלען דעם נייעם לעבנשטייגער.

און וויבאַלד די נייע פאָדערונגען האָבן פאַרנומען א פעסטן פּלאַץ אין קלוב, האָט מען געמוזט איינגאַנצן איבערבויען די קלוב-אַרבעט. די אלטע מעיוכאָסים פון קלוב — די קונסטקרייזן, ווי דער מוזיקאַלישער, ליטעראַרישער, דראַמאַטישער (באַזונדערס, דעם לעצטן) האָט מען געבעטן מעכילע אַביסל נעענטער צום פּאָליש, און דעם אויבנאָן האָבן פאַרנומען אָדער דער פּאָליטקרייז, אָדער דער ארבקאָרן-קרייז.

נאָך מער. מע האָט שוין געוואָלט ניט נאָר אוועקרוקן דעם דראַמקרייז אַף דעם הינטערגרונט, נאָר איינגאַנצן אים צעוואַרפן און איבערבויען אַף גאָר נייע יעסוידעס.

א גאַנצע ריי נייע קלוב-אינסטרוקטאָרן, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט א רעוואָלוציאָנערן צוגאַנג צו דער קלוב-אַרבעט, האָבן אָנגענומען ווי אַ קלאַל, אַז אין קלוב דאַרף מען קוידעמקאָל זיך אָפּזאָגן פון טעאַטראַלישער אוואוידע ביכלאַל און פון דער „פּיעסע” ביפראַט.

פאַרוואָס האָט מען די „פּיעסע” אין קלוב געהאַלטן פאַר ניט געוואונשן?

צוליב פיל טאַימים. די „פּיעסע״,—האָבן געטאַינעט אירע קעגנער,—איז גע-געוויינלעך א לייבלעכע קרויווע דעם איצטיקן טעאַטר. און דער איצטיקער טעאַטר, אלס א פּראָדוקט פון די פּעאָדאַלע און בורזשואזע קולטורן, איז נאָך דורכגעזאָפּט מיט בורזשואַזע טראַדיציעס, וואָס גיבן אָפּ די אינדיווידועלע איבערלעבונגען דעם איבנאָן אין דער „פּיעסע״. אין דער „פּיעסע״ קאָן מען זיך נאָך אַלץ ניט אָפּגעוויינען פון דער אַמאָליקער צעטיילונג אַף העלדן און פּאַסיווער מאַסע.

כוצדעם, איז די טעכניק פון ס׳ראָוו טעאַטרען קאָנסערוואַטיוו און האָט נאָך פּאַרהיט איינעקע סימאָנים פון דעם טעאַטרס עלטער-באָבע — פון דער אמאָ-ליקער רעליגיעזער אוואוידע, פון וועלכער ער שטאַמט. אַף אַזא אויפן זיינען די פּאַרהאַרטעוועטע און פארעלטערטע פּאָרמען פון טעאטר ניט מעסוגל אָפּ-צושפּיגלען און איבערקאָכן די רעאַלע פּראָבלעמען פונם קאָכעדיקן היינט... וועדליק דער פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער טעמפּ פון איצטיקן לעבן ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ האסטיקער, איז דער טעאַטר דערווייל (כוץ קליינע אויסנאַמען) נאָך צו שווער אַף דער דייע און גאָר קנאַפּ רירעוודיק. און... דאָס עפּעלע פּאַלט ניט וויט פון ביימעלע. אַזוי ווי דער טעאַטר, אזוי זיינען די פּיעסן. און ווען מע זאָל די פּיעסע לאָזן געוועלטיקן אין קלוב, וועט זיך די קליינבירגערלעכקייט אויספּלעכטן א גאַנץ געמיטלעך און ברייט נעסט אין קלוב.

אויסער דעם, האָט מען ווייטער געטאַינעט, איז די „פּיעסע״ אַ דיסאָנאַנס אין דער אַטמאָספער פון קלוב. אָנהייבן דערפון, וואָס די סוזשעטן פון די פּיעסן שטעלן פּאָר ס׳ראָוו אַ פולשטענדיקן קעגנזאץ צו דער אידעאָלאָגישער אַטמאָספער פון קלוב. אין דער פּיעסע, לעמאָשל, איז דער אינטערעס קאָנ-צענטרירט אפן צוזאמענשטויס צווישן איינצלנע פּערזאָנען, און דער קלוב קאָנצענטרירט די אינטערעסן פון דער מאסע ארום די צוזאמענשטויסן פון צוויי אינטערנאציאָנאלן אָדער פון פארשיידענע אימפעריאליסטישע גרופּן— אַקלאַל, אַרום מאַסן-דערשיינונגען און פּאַקטן.

און נאָך: אין דער צייט, ווען דער קלוב שטרעבט צו פירן דורכויס זיין אַרבעט מאסנארטיק, איז די פּיעסע, און דאַפּקע די געלונגענע, אָפּט געבויט אַזוי, אַז אין איר זיינען פארנומען נאָר יעכידים. כוצדעם, אַזוי ווי די פּיעסע פּאָדערט א מער אויסגעטאָקטע און געשליפענע פּאָרם, נעמט זי צו אַ היפּש שטיקל צייט בא די מיטגלידער פון דראַמקרייז און רייסט זיי אָפּ פון דער אַלגעמיינער קלוב-אַרבעט. די „פּיעסע״ פּראָדוצירט קויהאנים פון דער „ריינער״ קונסט.

צו ביסלעך ווערן די מיטגלידער פון די דראמקרייזן פארוואנדלט אין אַ הייפל טעאַטר-ספּעצן. עס ארבעט זיך אויס א ספּעציפישער טיפּ פון א פּאָלי-טיש-פּאַרעוון מיטגליד, וואָס ווערט מיט דער צייט אָפּגעזונדערט פון דער אי-בעריקער קלוב-מאסע. ער רעכנט זיך שוין פּאַר אַן אַקטיאָר און קוקט פונויבן

אַראָפּ אף די איבעריקע קלוב-באַזוכער. אָפּט טיילט ער זיך אויס אַפילע אויסערלעך צווישן דער אַלגעמיינער קלוב-מאַסע: אַ סאַמעטן טוזשורקעלע, אָנגעפּודערט, דער שרײַבט בלאַנקט, די אויגן אונטערגעפּירט — אַ פּאַצעטל! אַ קאָפּיע פון אַ פּראָווינציעלן טראַגיקער. און דערצו נאָך פאַרשיידענע אינטריגעס און קריגערייען צווישן די מיטגלידער פאַר דער בכירע און די ראָלן: יעדער פּרעטענדירט צו זיין א פּרעמיער. דער אויספיר: וויבאַלד די „פּיעסע” ברענגט צו אַזעלכע שעדלעכע און קרענקלעכע דערשיינונגען, דאַרף מען זי אויסוואָרצלען פון קלוב און אף איר אָרט איינפלאַנצן די נייע פאָרמען.

און אין דערזעלביקער צייט, ווען די „פּיעסע” און דער אַלטער דראַמקרייז האָבן שוין אויסגעזעען פולשטענדיקע באַנקראָטן, זיינען שוין צייטיק געוואָרן די נייע קונסט-פאָרמען, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון פריערדיקן דראַמקרייז.

אַ געוויסן סאַכאַקל פון אָט דער באַוועגונג האָט אונדז אונטערגעטראָגן די קלוב-אָפּטיילונג פון הויפּט-פּאָליטבילד פון ר. ס. פ. ס. ר. אפן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין יולי כוידעש פון 1924 יאָר. דאָס איז א גאַנץ באַשטימטער און קלאָרער פּלאַן פון קונסט-אַרבעט אין קלוב.

די פּרינציפּן זיינען פאָלגנדיקע:

1) דער צוגאַנג צו קונסט-אַרבעט דאַרף זיין א ריין אוטיליטאַרישער: דאָס באַטייט, אַז די קינסטלערישע אַרבעט טאָר ניט זיין קיין אוואַודע פאַר זיך — ניין, זי דאַרף זיין אונטערגעוואָרפן אונטער דער גרונט-אויפגאַבע פון קלוב, וואָס דער לעצטער שטעלט פאַר זיך פּעריאָדיש, זאָל עס זיין אַ פּאָליטישע, פּראָדוציר-אויפגאַבע אָדער א שטייגערישע.

2) אומופהערלעכע קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די קרייז-מיטגלידער מיט דער גאַנצער קלוב-מאַסע, און קעגנזייטיקע האַשפּאָע.

3) קאָלעקטיווע שאַפונגס-מעטאָדן: אויסרייסן מיטן וואָרצל נייגונגען הען צו ליבהאָבערישע גיינג, הען צו ספּעציאַליזירונג אין א געוויסן קונסט-פאַך (אויב, געוויינלעך, עס ווייזט זיך ניט ארויס קיין אויסגעשפּראָכענער טאַלאַנט).

אַן איינגער צוזאַמענבונד ניט נאָר צווישן אַלע קונסט-קרייזן פון קלוב, (ווי דער דראַמאַטישער, מוזיקאַלישער, מאַלערישער, פיזקולטור, כאָר און אַנד.), נאָר אויך צווישן די קונסטקרייזן און פאַרשיידענע אַנדערע, ווי פּאָליטקרייזן, וויסנשאַפטלעכע, ליטעראַרישע און אַנד. דאָס באַטייט, אַז אַלע קרייזן צוזאַמען מוזן אַרבעטן לויט איין פּלאַן און אף איינער און דערזעלביקער טעמע.

פונדאַנען איז קלאָר, אַז דער אינהאַלט פון דער קונסט-אַרבעט האָט געמוזט ראַדיקאַל אומגעביטן ווערן. עס האָט שוין ניט געקאָנט זיין קיין רייד פון א באַזונדערער אַרויסטרעטונג פון א דראַמקרייז, לעמאָשל, וואָס דראַמאַטעוועט זיך אָפּ א שטיק גלאַט אַזוי פון דער העלער הויט, אָדער פון אַ כאָר-קרייז, וואָס זינגט אָפּ צופעליקע לידער, מאַכמעס מע דאַרף עפּעס ווייזן.

קורץ גערעדט — דער קאָמפּלעקס-מעטאָד האָט געדארפט נעמען הערשן אין קלוב-ארבעט.

נו, און די קאָנקרעטע געוואונשענע פאָרמען פון קונסט-ארבעט צווישן די מאסן אפן יעסאָד פון אָט דעם מעטאָד?

אַן ענטפער דערויף האָט שוין צו דער צייט געגעבן די לעבעדיקע פּראַק-טיק פון די בעסטע קלובן. דאָס זיינען געוועזן די אזויגערופענע אילוסטראַ-טיווע אָוונטן אין די קלובן: דער פּאָליטישער אָדער ליטעראַרישער אַגיט-גע-ריכט, דער אינסצענירטער פאָרטראַג און די ל ע ב ע ד י ק ע צ ײ ט ו נ ג.

אזוי ווי די לעבעדיקע צייטונג ווערט אָפטער אויסגענוצט אין קלוב, ווי די אלע איבעריקע נייע פאָרמען, און די פּרינציפּן און מעטאָדן זיינען בא זיי איינע און דיזועלביקע, וועל איך זיך דעריקער אָפּשטעלן אַף די אייגנשאפטן פון דער לעבעדיקער צייטונג.

וואָס פאר א לעבעדיקע צייטונג איר זאָלט ניט נעמען, איז זי קוידעמקאָל אוטיליטאריש. זי האָט שטענדיק אַ שלאָג-לאָזונג, וואָס איז געקניפּט און גע-בונדן מיטן היינט; קלאָרער גערעדט — זי באַדינט קאַמפּאַניעס: רעוואָלוציאָנערע יאָנטויווים, פּראָפּאַגאַנדע פאר דער אויסבעסערונג פון דער פּראָדוקציע, פּאָפּו-לאַריזירונג פון דער קאָאָפּעראַציע, קאַמף מיטן אַנאַלפאַבעטיזם... אזוי איז פאר יעדן מיטגליד פון קרייז קלאָר דער ציל, וואָס די צייטונג שטעלט זיך אין דעם אָדער יענעם מאָמענט און ער ווייסט, אז צוליב דעם איז זי טאַקע געשאפן.

די לעבעדיקע צייטונג איז בעטעווע ניט איבערגעשפּיצט און ניט קאָמפּלי-צירט ווי אַ פּיעסע. ס'איז ניט נייטיק פאַר איר קיין פּראָפעסיאָנעלע דורכגע-טריבנקייט. יעדער מאַסן-ארבעטער קאָן דאָ געפינען וואָס צו טון, אויב נאָר ד ע ר ווינקל פון קלוב-אַרבעט וועט אים פאַרכאפּן.

אַזוי ווי די לעבעדיקע צייטונג איז דעריקער אַ מיטל אַף אָרגאַניזירן דעם קלאַסנבאוואוסטזיין פונם ארבעטער און זיין נייעם לעבנשטייגער, און איז דע-רום נאָר איין רינג אין דער אלגעמיינער קייט פון דער קלוב-ארבעט — באַ-העפט זי איר ארבעט מיט א גאנצער ריי אַנדערע קרייזן פון קלוב, ווי דער פּאָליט-קרייז, אַרבקאָרן-קרייז, כאָר-קרייז א. א. אף אזא אויפן ווערט דער דראַמקרייז איינג פארבונדן מיט די איבעריקע אַקטיווע קעמערלעך פון קלוב.

זיינענדיק דאָס ראָוו א פּראָדוקט פון מאַסן-שאַפונג, און טאַקע מאַכמעס דעם, וואָס זי איז אויסגערעכנט אף דעם געגנוס פון מאַסן, שטרעבט די לע-בעדיקע צייטונג וואָס מער צו שעפּן פון די טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון פּאָלקס-טעאטר, דאָסראָוו פון באַלאגאַן. אַהער גייען אַריין אי באַדכאָנישע שטיק, אי די פאָרם און מעלאָדיע פון א גאַסנלידל, אין וועלכע עס ווערט, פארשטייט זיך, אריינגעפּאסט דער נייער אינהאלט. דאָ האָט איר די בופאָנאַדע מיט אירע ביז גאָר פאַרשאַרפטע גראָטעסקן, אַ היפּשע פּאָרציע צירק-עלע-

מענטן (וואָס פּירן, עמעס, אָפּט צו אַ פּאַרקריפּלונג פֿון די ריכטיקע פּרינציפּן און מעטאָדן פֿון דער סאָוועטישער פֿיזקולטור).

קאָלערדיי נײַע לאָזונגען, שפּאָגל-נײַע דערשײַנונגען: אָרטיקע, רעפּובליקאַנישע, פֿאַרבאַנדישע, אינטערנאַציאָנאַלע כאַפּט די לעבעדיקע צײַטונג אויף, פּאַסט עס אײַן אין די שפּילערישע, כײַנעוודיקע רעמלעך פֿון אַ פּאָלקס-ליד, אָדער זי פֿאַרשלײַערט זיי אין אַ פּורימשפּילערישן שטרײַמל און דערלאַנגט עס מאַיסע-קונדעס דעם קלוב-אוילעם. אָפּט גיט זי גלײַך אינפֿאָרמאַציע וועגן וויכטיקע געשעענישן, וואָס די גאָרע וועלט וויגט זיך מיט זיי.

אַדאַנק דעם, וואָס לויט איר עצעם מעהוס איז די לעבעדיקע צײַטונג ענג פֿאַרבונדן מיט דער גאַנצער קלוב-אַרבעט און וואָס זי ציט אַרײַן, אַזוי אַרום, און אַקטיוויזירט די ברייטע קלוב-מאַסע, שטויסט זי אַרויס פֿונם דראַמקרײַז אַלע אַנטיגעזעלשאַפֿטלעכע עלעמענטן, וואָס שטרעבן זיך פֿאַרצאַמען אין די דאַלעדאַמעס פֿון „רײַנער" קונסט. פֿאַרקערט,— לויט איר מעהוס טרײַבט זי דאָס אַקטיווע קעמערל פֿון קרײַז, עס זאָל זיך נאָך ענגער צונויפֿבינדן מיט דער גאַנצער קלוב-מאַסע און זיך שטאַרקער צוהערן צו די בלוטיקע אינטערעסן, וואָס קאָנצענטרירן אין דעם אָדער יענעם מאָמענט אַף זיך די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון קלוב.

און אַכוץ אַלעמען, איז וויכטיק נאָך אָט-וואָס. דער קרײַז-מיטגליד, וואָס איז מעכוייעוו צו נעמען אַ טיכטיקן אַנטייל ביכלאַל אין דער אַלגעמײַנער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, קאָן ניט אָפּגעבן זײַן צײַט אויסשליסלעך אַף דער קונסט— ער קאָן אָפּגעבן אַהער נאָר אַ באַגרענעצטן כײלעק פֿון זײַן צײַט. איז, מעמיילע, אַרגעט זיך אויס אַ טיפּ פֿון אַ קונסט-אָוונט, וואָס מע דאַרף זיך צו אים לאַנג ניט גרייטן.

4. שטערונגען אַף דעם וועג פֿון די נײַע קונסט־פֿאָרמען.

ניט געקוקט אַף אָט די אַלע אויסגערעכנטע מאַילעס פֿון דער לעבעדיקער צײַטונג, האָט זי אַף איר וועג אין קלוב באַגעגנט אַסאַך מעניעס. דער קאַמף פֿאַר די נײַע פֿאָרמען פֿון קונסט-אַרבעט פֿלעגט אָפּטמאָל טראָגן אַ כאַראַקטער פֿון אַ שטיקל „בירגערקריג". באַזונדערס אַ ביטערן קאַמף פֿלעגט אויסקומען צו פּירן מיט די אַלטע אײַנגעזעסענע דראַמקרײַזן אין די קלובן. די אינסטרוקטאָרן זייערע, דאָסראָוו פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן, האָבן זיי פֿאַרפּירט אין אַזאַ טיפֿן זומפּ פֿון כאַלטורע, פֿון ביליקער ליבהאָבערײַ, אַז אַסאַך קרײַזן האָבן פּונדאָרט ניט געוואָלט אַרויסקריכן, און ניט גרינג איז אָנגעקומען זיי אַרויסצושלעפּן פֿונדאָרט און אַוועקפּירן אַף דעם וועג פֿון רעוואָלוציאָנערער מאַסן-שאַפֿונג. אויב זיי פֿלעגן שוין יאָ טון די טויווע און אַרײַנטרעטן אין קרײַזן פֿון נײַעם שניט, פֿלעגן זיי סאַבאָטירן, אַרײַנטראָגן אַ דעזאָרגאַניזאַציע אין דער אַלגעמײַנער קלוב-אַרבעט און אָפּשלאָגן דעם כײשעק צו דער אַרבעט בײַ די איבעריקע. און אַז עס איז אַוועק אַ שאַרפֿער קאַמף מיט דער כאַלטורע, האָט

מען געמוזט קוידעמקאָל מעשאַלייעך זיין ניט איין כאַליאַסטרע אלטע ספּעצן-אַקטיאָרן, כאָרמאַיסטערס, מוזיקער — וואָס האבן ניט געוואָלט אָדער ניט גע-קאָנט זיך צופּאַסן צום נייעם שניט. און געמוזט טון האָט מען עס, ווייל אַ געוויסער טייל פון די ספּעצן האָבן קאָנצענטרירט ארום זיך די אָנהייגער פון דער כאַלטורע.

אָבער די נייע אינסטרוקטאָרן, וואָס האָבן זייערע ערטער פאַרטראָטן, האָבן אויך קיין האַניק ניט געלעקט: עס איז גאָרניט אַזוי לייכט געווען אַוועקצו-שטעלן ווי געהעריק די ארבעט אין די אפסניי איבערגעבויטע קרייזן, וואו עס איז געוואָרן אָן ערעוורעאַוו פון אַלטע און נייע מיטגלידער. כוצדעם, זיינען ס׳ראָוו די נייע אינסטרוקטאָרן טעכניש געווען נאָך שוואַך. האָבנדיק א קנאַפּע דערפאַרונג, האבן זיי געטאַפּט, ווי אין דער פינצטער, און געבלאָנזשעט. און פון די אלטע אינסטרוקטאָרן, אויב עמעצער פון זיי האָט יאָ מאַסקים געווען אוועקצושטעלן די אַרבעט אף נייע יעסוידעס, האט עס געהאַט א פּאָנעם פון געצוואונגענער ליבע און עס האָט געטויגט אפן פּייער.

אזוי ארום, האָט דער איבערגאַנג אף נייע רעלסן אזוי צעטרייסלט די קרייזן, אז די דיסציפּלין איז אין פיל קרייזן, — באַזונדערס, אין די קונסט-קרייזן, — שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן; אַ טייל קרייזן איז זיך צעפאַלן, און די ארבעט איז געווארן נימעס. אייניקע פון די מער לעבנספייאיקע האבן זיך איינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון אָנפירער (אינסטרוקטאָרן) און האָבן אף זייער אייגע-נער אַכראַיעס גענומען אַוועקשטעלן די אַרבעט.

אָבער ניט נאָר די אינסטרוקטאָרן-פראַגע איז געשטאַנען אפן וועג פון די נייע קונסט-פאָרמען. די פּראַקטיק פון צוויי יאָר ארבעט לויט די נייע פּרינ-ציפּן האָט באַוויזן, אז אַפּאָלאָגעטיש צוגיין צו דער לעבעדיקער צייטונג איז אויך א טאָעס. די שעפער פון דער לעבעדיקער צייטונג האָבן אליין איינגיכן אָנגעוויזן אף א גאַנצע ריי נעגאַטיווע זייטן פון דער לעבעדיקער צייטונג.

אין וואָס-זשע באַשטייען די פעלערן פון דער לעבעדיקער צייטונג?

עס באַמערקט זיך, אז עס האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ געוויסער שטאַמפּ, לויט וועלכן די לעבעדיקע צייטונג ווערט צונויפגעשטעלט. דער שטאַמפּ איז דאָס-ראָוו אַ קאָפּיע פון די שוין דורכגעלופטערטע נומערן פון דער „בלויער בלוזע" (דאס איז א פּראָפעסיאָנעלע לעבעדיקע צייטונג). נאָר אין דער צייט, וואָס די קאָלעקטיוון פון דער „בלויער בלוזע", אלס עכטע פּראָפעסיאָנאַלן, פאַרשאַרפן און שלייפן אומופהערלעך זייער געוועהר און דערלאַנגען מער אָדער ווייניקער פרישן מאַטעריאַל, שלעפּן זיך ס׳ראָוו לעבעדיקע צייטונגען פון די קלובן נאָך זיי נאָך און באַנוצן זיך מיט זייערע שיראַיִם.

ווען מע זאָל וועלן, לעמאָשל, אורטיילן וועגן די אייראָפּייאישע אָדער אַמעריקאַנישע פּאָליטישע טוער לויט די מאַסקעס זייערע, וואָס מע פלעגט אונז דערלאַנגען א יאָר אָנדערהאַלבן צוריק אין ס׳ראָוו אונזערע לעבעדיקע צייטונגען און אַגיטקעס, וואָלט אויסגעקומען, אז די אלע מאַקדאָנאַלדס, וואַנ-

דערוועלדעס און מוסאָלינים זיינען פּאַשעטע אידיאָטן, וואָס ווייסן ניט, ווער ס'האט זיי געשלייערט, און טויגן נאָר אף פּוצן די שטיוול. ווערט געשיל-דערט אַ גאַלעך אין אן אַגיטקע אָדער אין אַ לעבעדיקער ציישונג, איז עס א טיפּעש, א שיקאַרניק, וואס קאָן מיט די פיס ניט פּלאָנטען. ווייזט מען אייך א ווייסגוואַרדייאישן אָפיצער — קאָן ער זיך קיינמאָל ניט אויסניכטערן, א. אז. וו. ביכלאַל, זיינען די אַגיטאַציע-מיטלען פון אסאך לעבעדיקע ציישונגען אזוי בי-ליק און לעפּיש, אז עס מאַכט אף דעם ערנסטן אַרבעטער אָדער קוסטאַר — אן אָפּשטויסנדיקן איינדרוק, אן איינדרוק פון נאַרישער קינדערשער נאָכקרי-מעריי, און די ציישונג דערגרייכט אף אזא אויפן א פאַרקערטן עפעקט.

אסאך לעבעדיקע ציישונגען קייען איבער די געשעענישן, וואס האבן שוין א באָרד, און דער אַרבעטער צי דער קוסטאַר, וואָס קומט הערן און זעען עפּעס א פרישן שעפערישן אופטו, בלייבט אנטוישט. אָפט הייבט ער זיך אוף און פאַרלאָזט דעם צושויער-זאַל מיט די ווערטער: „עט! דאָס איז געקייטע זאַכן!"

די האָפּענונגען, וואס מע האט געלייגט אף דער לעבעדיקער ציישונג, אז זי וועט מאַקסימאַל אַקטיוויזירן די קלוב-מאַסע, האָבן זיך רעאַליזירט דערוויל נאָך אין א קנאַפּער מאָס. עמעס, עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן פיל נייע אַרבעטער אין די קרייזן, באַזונדערס, דער קאָמיוג. אָבער דאָס אַקטיוויזירן דעם צושויער, דאס אַריינציען אים אין פּראָצעס פון קונסט-אַרויסטרעטונג — דאָס איז נאָך דערוויל א פּראָבלעם גיט קיין געלייזטע. עס זיינען געווען פיל פּרואוון, אָבער רעזולטאַטן האט מען באַקומען גאַנץ נישטיקע. די זאַך איז נאָך קימאַט פון אָרט ניט גערירט.

5. די נייע קונסט-פאָרמען פאָדערן „רעמאָנט".

ווי גרויס עס זאָלן ניט זיין די פאַרדינסטן פון דער לעבעדיקער ציישונג, פון אינסצעניר טן באַריכט, אלס אַקומולאַטאָרן (אָנקלייבער) פון דער שעפערי-שער מאַסן-ענערגיע, זיינען זיי דאָך ניט בעקויעך אינגאַנצן צופרידן צו שטעלן אין זינען פון קינסטלערישן געגוס דעם מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניקן, צי קוואַליפיצירטן אַרבעטער.

מיר ווייסן, אַז די פּאָפּולערע בראָשור, דער מיטינג, די אויבנופיקע אַגיטקע קאָנען שוין ניט צופרידן שטעלן דעם ערנסטן, דערוואַקסענעם אַרבעטער, וואָס איז דורכגעגאנגען אזא לעבנשול, ווי אונזער רעוואָלוציע. אים מוז מען שוין דערלאנגען אַ בוך, וואָס שטעלט אוועק ערנסט און טיף די פראַגע. דאָסגלייכן, די ביליקע אַגיטאַציע פון אַ דורכשניטלעכער לעבעדיקער ציישונג, צי פון אן אינסצעניר טן באַריכט, באַפרידיקט אים ניט און שטויסט אים אָפּט אַפילע אָפּ פון קלוב.

ד ע ר צ ו ש ו י ע ר ל ע כ צ ט א ָ פ ּ ט נ א ָ ך א ס ו ז ש ע ט. און מיר זעען דעריבער, אַז אַ פּ י ע ס ע, וואו עס ווערט אוועקגעשטעלט אין איר גאנצער

ברייטקייט אַ געוויסע נייע פּראָבלעם, געוויסע בילדער פון נייעם שטייגער, ציט אים צו. ביכלאל, אַ פּיעסע מיט אַ קלאָרן סוזשעט געפעלט נאָך אַדאַיעם זייער שטאַרק דעם ב ר י י ט ן אוילעם קלוב-באַזוכער. דאָס זאָגן איצט איידעס די בעסטע רעוואָלוציאָנערע אָנפירער פון אונזער קלוב-אַרבעט (פריער האָבן זיי וועגן אַ פּיעסע הערן ניט געוואָלט) — סיי פון די צענטראַלע אָנפירנדיקע אַנשטאַלטן, סיי די פאַרבונדענע מיט דער טאָג-טעגלעכער קלוב-אַרבעט. אייניקע האָבן זיך אַפילע אַרויסגעזאָגט, אַז די פּיעסע איז אַ געוויסער מיטל אָף צוציען נייע מיטגלידער אין קלוב.

אינטערעסאַנט איז אין דעם זין די רעזאָלוציע פון דער אַלשטאַטישער לענינגראַדער קאָנפערענץ פונם „איינהייטלעכן קרייז" (זי איז פאָרגעקומען אין 1925 יאָר), וואו ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ סאַכאַקל נאָך דעם קאָנקורס פון די קונסט-קרייזן פון די לענינגראַדער אַרבעטער-קלובן:

„פונקט ווי די יאָנטעוודיקע מאַסן-אינסצענירונגען און די לעבעדיקע צייטונג, וואָס ווערן געשאַפן אפן גרונט פון אָרטיקן מאַטעריאַל, אזוי איז געוואונשן, אלס העכערע און מער פארפולקומטע פאָרם, די קלוב-פּיעסע. די לעצטע דארף, געוויינלעך, פארהיטן די גרונט-פּרינציפּן פון די נייע קונסט-פאָרמען — פארבונדנקייט מיט דעם אלגעמיינעם פּלאַן פון קלוב-אַרבעט, מיט דעם קאָמפּלעקס-מעטאָד, מאַסנאַרטיקייט, פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע — אָבער זי מוז און דאַרף פארמאָגן אַן איינהייטלעכן און שפּאַנענדיקן סוזשעט.

6. די נייסטע ווענדונגען אין קלוב-אַרבעט.

די לעצטע אָנדערהאַלבן יאָר האָבן מיר ווידער אַ נייע ווענדונג אין דער פּראַגע וועגן קלוב-אַרבעט. אויב אַ יאָר דריי צוריק האָט מען געשטעלט דעם טראָפּ אָף פּאָליטישער און פּראָפּעסיאָנעל-פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט אין קלוב און מען האָט דעם קלוב פאַרוואַנדלט מאַמעש אין אַ שול, האָט מען זיך איצט אַרומגעקוקט, אז מע האָט עטוואָס איבערגעכאַפּט די מאָס. מע האָט אָפּט-מאָל געטריבן באַם הערפּאַשניק דעם אָפּרו אין קלוב. מ'האָט איינגעזעען, אַז פירנדיק די ארבעט אין קלוב לויט דער אויבנדערמאָנטער סיסטעם, וועט מען אסאַך דערוואַקסענע אַרבעטער און קוסטאַרן ניט צוציען, נאָר אָפּשטויסן פון קלוב. דאָס אייגענע איז מיט דער יוגנט — אונזער קאָמיוג, אונזערע פּיאָנערן, כאָטש זיי האָבן זיך מיט אַ גוואַלדיקן כיישעק אַרופגעוואָרפן אף די נייע פאָרמען פון מאַסן-אַרבעט און האָבן אַרויסגעוויזן גאַנצע אויצרעס שאַפונג, דאָך צו גרויס איז געוועזן די לאַסט, וואָס מע האָט זיי אָנגעלאָדן. מיר אלע געדיינקען גוט דעם יאָנטויווים-מאַבל. אַכוץ אַ גאַנץ צעטל ריין-רעוואָלוציאָנערע יאָנטויווים (ערשטער מאַי, אָקטיאַבר-פייערונג, פאַריזשער קאָמונע-לענין-יאָרצייט), קומען נאָך צו אָוונטן — וואָס זאָג איך אָוונטן — וואָכן! — געוויד-

מעט דעם „מאָפּר", „אוויאָכים", פאַרשיידענע שעפּטומס, קאַמף מיט אַנאַלפאַבעטיזם; היינט וואו זיינען פּראָדוקציאָנעלע, פּראָפעסיאָנעלע, יובּילײ־אָוונטן? קאַם אַראָפּגעפּאַטערט איין יאַנטעוו — איז שוין אונטערגעשפּרונגען אַ צווייטער. אָט־אָ די יאַגעניש נאָך יאָנטויווים־ארויסטרעטונגען האָט ניט נאָר פאַרערגערט און פאַרביליקט די קונסט־אַרבעט פון קלוב, — זי האָט מאַמעש פיזיש פאַרמאַטערט אונזער קאָמיוג, אונזערע פיאָנערן, און האָט זיי דערצו געשלעפּט אין זומפּ פון כאַלטורע. און ווען עס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אין איר גאַנצער ברייט די פראַגע וועגן אָפּרו אין קלוב (זע די רעדעס פון כ. טאָמסקי אפן לעצטן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די פּראָפאַריינען), איז אויך ראַדיקאַל געענדערט געוואָרן די באַציאונג צו קונסט־אַרבעט אין קלוב, און עס האָט אָנגענומען אַן אנדער ווענדונג די אַרבעט פון דראַמקרייז אין קלוב. עס איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז איצט שטעלט זיך ווידער אף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע וועגן סטודיע־אַרבעט אין קלוב, וועגן דורכגעדיקער צוגרייטונג צו אַן אָוונט, וועגן באַדינען נאָר די סאַמע וויכטיקסטע קאַמפּאַניעס (3—4 אין מעשעך פון יאָר).

און ווען מיר וועלן אונטערפירן דעם סאַכאקל פון די נייע ווענדונגען אין קונסט־אַרבעט, באַזונדערס, אין דראַמקרייז, וועלן מיר קומען צו פאָלגנדיקע אויספירן.

1) מע דאַרף ניט צוגיין דעמאַגאָגיש צו דער פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער פון דער קלוב־אַרבעט. דער געזונטער כוש פונם קלוב־אַקטיוויסט דאַרף אים אונטערזאָגן, וואו און ווען עס פּאַסט אַ לעבעדיקע צייטונג, אַ רעוואָלוציאָנערע אינסצענירונג, און אַמאָל טאָקע אַ פּיעסע. עס קאָן זיך מאַכן, אַז אין קלוב זאָל זיך איין גרופּע וועלן פאַרנעמען בלויז מיט דער לעבעדיקער צייטונג, און אַ צווייטע זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט פּיעסן־צוגרייטונג. דאָס איז אויך ניט שלעכט. זאָל צווישן זיי עקזיסטירן אַ פרייע קאָנקורענץ. וועט די לעבעדיקע צייטונג זיין רייך מיט שעפערישע האַמצאָעס און וועט זיך קריגן אַ נאָמען באַם ברייטן אוילעם, וועט די פּיעסע מעמיילע זיך אָפּטראָגן מיט די ביינער און אויסגעהויכט ווערן פון קלוב. עלע ניט — וועט איר דעם אוילעם מיט קיין שטעקנס ניט פאַרטרייבן אַף דעם אָוונט פון די נייע קונסט־פאָרמען.

2) מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אויב אין דער צייט פון מיליטערישן קאָמוניזם און, אלס אַ נאָכוויייעניש, אין די ערשטע יאָרן נאָך דעם, האָט מען דעם טראָפּ געדאַרפט שטעלן אף דעם אינסצענירטן מיטינג, אַף דער אינסצענירטער אַגיטקע, איז איצט, אין דער עפּאָכע פון פרידלעכן ווירטשאַפטלעכן בויען, דאַרף מען דעם טראָפּ שטעלן אף אָפּרו און פאַרוויילונג. דאָס באַטייט ניט, אַז דער אַרבעטער זאָל אין קלוב זיין איינגאַנצן פּאַסיוו און קנאַקן יאָרערן אָדער טרינקען ביר. ניין. דאָס באַטייט, אַז, זייענדיק אַקטיוו אין זיין אָפּרו אין קלוב, זאָל ער האָבן די מעגלעכקייט זיין אַקטיווקייט אַרויסווייזן אין דער

פאָרם, וואָס קאָן אפן בעסטן אויפן דערפרישן זיין געדאנק און אים עמאָציאָנעל מעכאיע זיין.

3) בא איצטיקע פינאַנץ-רעסורסן פון דער ראַטנמעלוכע איז נאָך שווער צופרידן צו שטעלן די טעאַטראלע באַדערפעניש‌ן פון די גרויסע מאַסן אפילע אין אַ קליינעם מאַסשטאַב. דערום איז פאַרשטענדלעך דער סטיכישער דראַנג פון די בעסטע דראַמקרייזן צו פאַרוואַנדלט ווערן אין באַוועגלעכע מוסטער-האַפטע ארבעטער-טעאַטרען און אויך דער דראַנג פון קלוב-איינגייער צו אַ רעוואָלוציאָנערער פיעסקע, ביפראַט אז איצט איז שוין דאָ אייניקע נייע פיעסן, וואָס טראָגן אין זיך געזונטע זוימען פון דער נייער, רעוואָלוציאָנערער צייט.

4) די לעבעדיקע צייטונג איז נאָך ניט די פולקומע פאָרם פון מאַסן-קונסט — זי איז א איבערגאנג-פאָרם צו העכערע פאָרמען פון מאַסן-יאָנטויווים.

ביבליאָגראַפיע

„גאָלדפאַדן-בוך", ארויסגעגעבן פון דעם אידישן טעאַטער-מוזיי, ניו-יאָרק, יאַנוואַר 1926, 97 (טעקסט) 7 (אַנאָנסן).

דאָס בוך איז ארויסגעגעבן פון דעם אידישן טעאַטער-מוזיי אין ניו-יאָרק, אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר י. שאצקי. וועגן דעם ניו-יאָרקער מוזיי דארף אגעוו געזאָגט ווערן, אַז ער האָט ניט בלויז אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן גאָלד-פאַדן, — ער האָט אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל גאָלדפאַדנס אייגנס, — מאַנו-סקריפּטן פון זיינע ניט געדרוקטע און געדרוקטע פּיעסעס *) (און זייער אינטערעסאַנטע מאַנוסקריפּטן : מיט גאָלדפאַדנס האַנט-צייכענונגען, מיט צענ-זור-באמערקן א. א. וו.), פאָטאָגראַפיעס, אַפּישן א. ד. גל.

דאָס „גאָלדפאַדן-בוך" שטעלט זיך וויסנשאפטלעכע צוועקן ; דאָס זאָל זיין „דער אָנהייב פון אַ פאָרשונג-אַרבעט" וועגן גאָלדפאַדן און זיין טעאַטער (ז. 3.). דאָס בוך איז אַ זאַמלונג פון ערשטקלאַסיקע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן. דאָ דאַרפן קוידעמקאָל דערמאָנט ווערן 4 גאָלד-פאַדנס בריוו צו שאָלעם-אַלייכעמען, פון פּאַריזש, פון דעם 8 אָק-טיאבער 1889 ביזן 6-טן אַפּריל 1890, וואָס זיינען דאָ אין בוך צום ערשטן מאָל געדרוקט, גענומען פון שאָלעם-אַלייכעמס אַרכיוו (ז. 33—23). די דאָזיקע בריוו גיבן אונז אַ באַגריף וועגן גאָלדפאַדן אין פּאַריזש אין די יאָרן 1890—1889, וואָס וועגן דעם האָבן מיר ביז איצט קימאט קיין שום מאַטעריאַל ניט געהאַט. אין די בריוו געפינען מיר אויך אַסאַך אַנדערע וויכטיקע נאָטיצן און וואונקען: וועגן גאָלדפאַדנס ליטעראַרישער ארבעט און געשמאַק, וועגן זיין רומענישן פּעריאָד און די סיבעס, וואָס האָבן אים געבראַכט צו אַזוינע זאַכן ווי „שמענ-דריק", וועגן זיינע אידיייאישע שטימונגען („מענטש" און „איד"), וועגן זיין פאַמיליען-לעבן (זיין פרוי), מאטעריעלן צושטאַנד.

צום דעם מין דאָקומענטן געהערן אויך : 1) „גאָלדפאַדנס קורצע אווטאָ-ביאָגראַפיע" (ז. 46—43), 2) גאָלדפאַדנס גרויסע אווטאָביאָגראַפּיע (ז. 68—46),

*) זע די נומערן 3, 9, 10, 12, 16 א. א. וו. אין דער „ביבליאָגראַפיע" (ז. 80, 81 א. וו.).

3) גאָלדפאַדנס אַ בריוו פון יאָר 1904 פון ניו-יאָרק צום איינעם אַדאָלף ליכטנשטיין (ז. 75—74). דאָס זיינען איבערגעדרוקטע זאכן פון פארשיידענע זשורנאַלן, זאמלביכער; זיי קלינגען אָבער שפּאָגל ניי, — אַזוי אומבאַקאַנט זיינען זיי אונז געווען, דערהויפּט „די גרויסע אַווטאָביאָגראַפיע". מ'דאַרף פאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט: אין יאָר 1901 האָט גאָלדפאַדן פון פּאַריזש צוגעשיקט מיניקעסן קיין ניו-יאָרק דעם ערשטן באַנד פון דעראָזיקער ביאָגראַפיע. מיניקעס האָט פון דעם אָפּגעדרוקט 3 קאַפּיטלען אין 3 פון זיינע יאָנטעוו-בלעטער. פון די 3 העפטן האָט ד"ר שאַצקי געקאָנט אויסזוכן (אין ניו-יאָרק!) בלויז צוויי, — דאָס מיטלסטע העפט איז נישט געווען צו קריגן, און דעם נישט-געדרוקטן טייל מאַנוסקריפּט — אוואַדע נישט *). אין דער קורצער אַווטאָביאָגראַפיע האָבן מיר אווטענטישע יעדיעס וועגן גאָלדפאַדנס קינדהייט-יוגנט, דערציאונג, וועגן זיין פאָטערס שטוב און אַ קורצע סכעמע וועגן זיין דראַמאַטורגישער און טעאַטער-אַרבעט אין רומעניע און אין רוסלאַנד ביז דעם פאַרבאָט אפן אידישן טעאַטער (14 סענטיאַבר 1883).

אין דער גרויסער אַווטאָביאָגראַפיע האָבן מיר שוין אַ ברייטע באַשרייבונג וועגן דעם רומענישן פעריאָד פון גאָלדפאַדנס טעאַטער, — וועגן די בראָדער זינגער, וועגן זיין ערשטן ארויספאָר און דורכפאַל מיט זיינע לידער, וועגן די ערשטע ווייניק-באַקאַנטע דראַמאַטורגישע און טעאַטער-פּרואוון, וועגן דעם טעאַטר-אוילעם, די ערשטע אַקטיאָרן, טעאַטר-מעצענאַטן א. א. וו.

אין דעם בריוו זען מיר דעם געפאַלענעם גאָלדפאַדן דאָס צווייטע מאָל אין ניו-יאָרק, אַ ביטערע כאַראַקטעריסטיק פון דעם אידישן טעאַטער דאָרט, און גאָלדפאַדנס פּלענער איבערצואַרבעטן פאַר דעם אידישן טעאַטער פרעמדע שטיק.

דאָס איז אלץ אַווטענטישע מאַטעריאַלן; וועגן זייער ווערט פאַר אונזער וויסן וועגן גאָלדפאַדן- איז איבעריק צו רעדן: דאָס איז דער ערשטער קוואל!

פון נייעם מאַטעריאל וועגן גאָלדפאַדן דאַרף פאַרצייכנט וועגן קאַלמען יואוועלירס זיכרוינעס (איינער פון גאָלדפאַדנס אַרטיסטן). דאָ האָבן מיר אייניקע שטריכן פון גאָלדפאַדן דעם מענטשן, דעם רעבן און כאַווער פון אַ דאָר אקטיאָרן, אַביסל יעדיעס וועגן גאָלדפאַדן אין גאַליציע אין יאָר 1890 (אָדער 1891) אלס רעזשיסאָר אין גימפּלס טעאַטער, וועגן זיינע רעזשיכאָרישע מעטאָדעס, וועגן טעאַטראַלע זיטן אין יענער צייט (א אינצידענט מיט גאָלדפאַדן אין טשערנאָוויץ).

ל. קרישטאל האָט דאָס אופגעשריבן זאַכלעך, איינגעהאַלטן.

---

*) לעצטנס שרייבט מיר ד"ר שאַצקי אין אַ פּריוואט-בריוו, אז אים איז געראָטן צו געפינען באַ אַ סופליאָר דעם פולן טעקסט פון דער גרויסער אווטאָביאָגראפיע, לידער, אַ פּראָעקט ארויסצוגעבן אַ אידישן זשורנאַל (פּאריזש 1903), און ער רעכנט דאס ארויסצוגעבן.

אין דער איבערגעדרוקטער קאָרעספּאָנדענץ פון דער פּוילישער גרענעץ (פון „צוקונפט", לאָנדאָן, נומ. 42 אין יאָר 1885) זעען מיר אַ רעשטל פון גאָלדפאַדנס טרופּע, דעם טרויעריקן סאָף פון גאָלדפאַדנס געהויבענעם אָנהייב אין רוסלאַנד נאָך דעם פאַרבאָט, די פאַרהאַלטונג פון פּוילישע אידן אין אַ קליין שטעטל צום טעאַטער.

אַ גרויס ווערט האָט ד"ר שאַצקיס „גאָלדפאַדן-ביבליאָגראַפיע". די ביבליאָגראַפיע פאַרצייכנט 232 נומערן, איינגעטיילט אין 2 קאַפּיטלען: 1) גאָלדפאַדנס שאַפן, א) טעאַטער-שטיק, לידער, ארטיקלען, קאָרעספּאָנדענצן, ב) לידער, געווידמעט אוראָהאָם גאָלדפאַדן, 2) מאַטעריאַלן צו גאָלדפאַדנס ביאָגראַפיע און טעאַטער (ביאָגראַפיעס, רעצענזיעס, קריטיק, זיכרוינעס, מאַטע-ריאַלן). בעעמעס האָבן מיר דאָ אסאך מער פאַר 232 נומערן, וואָרום, אשטייגער, אונטער נומ. 51 געפינען מיר אַ פאַרצייכענונג פון גאָלדפאַדנס לידער אין 10 זשורנאַלן און זאַמלביכער; אונטער נומ. 188 געפינען מיר עט-לעכע רעצענזיעס און קריטישע נאָטיצן אין דריי בלעטער פאַרשיידענע יאָרן א. א. וו. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ מעטאָדאָלאָגישער פעלער. צו די מעטאָ-דאָלאָגישע פעלער געהער נאָך: דאָס פאַרעכענען לידער, געווידמעט גאָלד-פאַדענען צו דער ערשטער גרופּע (גאָלדפאַדנס שאַפן); ס'געהער צו דער צווייטער גרופּע, — און פאַרקערט: דאָס פאַרעכנען די בלעטער, וואָס גאָלד-פאַדן האָט רעדאַגירט, צו דער צווייטער גרופּע. אף אנדערע מעטאָדאָלאָגישע פעלער און אַף אַ טאָעס מיט „די מומע סאָסי" האָט שוין אָנגעוויזן א. גור-שטיין *). ס'פאַרשטייט זיך אויך, אַז אין דער ביבליאָגראַפיע פעלן נאָך איי-ניקע זאַכן, וואָס זיינען געבראַכט אין גורשטיינס פלייסיקע ארבעטן אין עט-לעכע נומערן „עמעס" (1926), אין א. אויסלענדערס און או. פינקלס בוך „א. גאָלדפאַדן", א. ד. גל. דאָס איז דערהויפּט דער פּרעסע-מאַטעריאַל (פון דער רוסישער פּרעסע) וועגן גאָלדפאַדן-טעאַטער אין רוסלאַנד ביז 1883. אָבער דאָס אלץ איז אַ קלייניקייט קעגן דעם, וואָס עס איז פאַראַן. ס'איז פאַראַן, דער גרונט-פאָנד, דאָס וויכטיקסטע און נייטיקסטע, געזאַמלט פון אסאך צענד-ליקער זשורנאַלן, בלעטער, זאַמלביכער, ספּעציעלע אויסגאַבן, און די ארבעט איז געמאַכט געוואָרן מיט וויסן און מעטאָדע. ס'איז גענוג זיך צוקוקן צו די נאָטיצן באַ יעדער נומער, צו די פּראָטים, וואָס ווערן דאָרט אָנגעגעבן, צו די באַשרייבונגען פון אייניקע זאַכן (אשט. נומ. 30, 32) קעדיי צו פאַרשטיין דאָס. ספּעציעל דער ערשטער טייל פון דעם ערשטן קאַפּיטל (טעאַטער-שטיק), איז בעעמעס אַ שטיק שטודיע וועגן גאָלדפאַדנס דראַמאַטורגיע און טעאַטער: דאָ זיינען פאַרצייכנט מאַנוסקריפּטן (און אָנגעוויזן, וואו זיי געפינען זיך), נישט בלויז דרוקזאַכן; באַ אסאך זאכן זיינען אָנגעגעבן זייער וויכטיקע פּראָטים

*) זע זיין אינטערעסאַנטע רעצענזיע „גאלדפאדן-ליטעראַטור" אין „עמעס" נומ. 240 פונם 17 אָקטיאַבער 1926.

אלגעמיינע: ווען די זאַך איז אופגעקומען, יוען און וואו געשפּילט געוואָרן, צענזורירט, געדרוקט, איבערגעמאַכט, גילגולים, און אינדיווידועלע: די אייגנטימלעכקייטן פון דעם געגעבענעם עקזעמפּלאַר — צענזור-פארמערקן, צייכענונגען א. א. וו.

קורץ, די גאָלדפאַדן-ביבליאָגראַפיע איז אַ זיכערער וועגווייזער צו גאָלדפאַדן; אָן איר וועט זיך ניט באַגיין קיין איין פאָרשער.

זאָלן נאָך דאָ דערמאָנט ווערן ד"ר שאַצקיס קלאָרע, זאַכלעכע אדריינפּירנאָטיצן און באַמערקונגען צו די אלע דערמאָנטע זאַכן, געשריבן מיט וויסן.

דאָס בוך פאַרמאָגט נאָך דריי פאָטאָגראַפיעס (צוויי מאָל גאָלדפאַדן, 1 מאָל פיר ברידער גאָלדפאַדן, אַ אינטערעסאַנטע צייכענונג אָף דער הילע, גענומען פון אַ מאַנוסקריפּט, אָפּבילדונגען פון צוויי פּלאַקאַטן (גאָלדפאַדן-ספּעקטאַקלען אין ניו-יאָרק 1903 און 1907—1906). אַרויסגעגעבן (פּאַפּיר, דרוק) איז דאָס בוך שיין, מיט געשמאַק.

איך האָב מיט אַ קיוון נישט דערמאָנט וועגן אַ גאַנצן טייל בוך (אַ קלענערן טייל) — דאָס איז פיר מעוינעס-אַרטיקלען וועגן גאָלדפאַדן און זיין טעאטער, וואָס זייער אָרט איז אין אַ זשורנאַל, אין אַ צייטונג; אַהער, צו דער אויסגעצייכנטער זאמלונג פון דאָקומענטן, מאַטעריאַל, אָריגינעלער ארבעט (די ביבליאָגראַפיע) געהערן זיי קלאל נישט.

נ. שטיף.